STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00290

ZIKHROYNES FUN A YIDISHN HANTVERKER TUER

Elimelech Rak

Permanent preservation of this book was made possible by
The Maxwell Strawbridge Charitable Trust

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אלימלך ראַק

זכרונות פון אַ ייִדישן האַנטווערקער-טוער

ביכער-סעריע

דאָס פּוילישע ייִדנטום

137

רעדאַקטאָר:
מאַרק טורקאָוו
פֿאַרלאַגס-לייטער:
אַבֿרהם מיטלבערג

מ. פייגענבלום

די רשימה פון די דערשינענע ביכער — צום סוף פונעם בוך

אלימלך ראַק

זכרונות פון א יידישן האַנטווערקער־טוער

★

אַרויסגעגעבן דורכן
צענטראַל־פאַרבאַנד פון פוילישע יידן אין אַרגענטינע
בוענאָס איירעס, 1958 — תשי״ט

דרוקעריי ברידער זלאַטאָפּיאָראָ — סאַן־לויס 3149 — בוענאָס־איירעס.

אינהאַלט:

		זייט	
		פאָרוואָרט פון מאַרק טורקאָוו	9
		אַ וואָרט פון יעקב קריסטאַל	13
		אַריינפיר־וואָרט פונעם מחבר	15
קאַפּיטל	1	דער אָנהייב פון דער ייִדישער האַנטווערקער אָרגאַניזאַציע	17
„	2	דער האַנטווערקער־קלוב אין וואַרשע	20
„	3	דער לאָקאַל זשימנע 7	26
„	4	די נייע פאַרוואַלטונג און איר אַרבעט	29
„	5	די דעמאָקראַטישע גרופּע	32
„	6	אין קאַמף קעגן דער אַסימילאַציע	34
„	7	די טעטיקייט פון דער דעמאָקראַטישער פאַרוואַלטונג	39
„	8	די גרינדונג פון דער פאָלקס־פּאַרטיי	46
„	9	דער ערשטער קריזיס און זיין אויסגאַנג	48
„	10	דער צייטווייליקער ייִדישער נאַציאָנאַל־ראַט	57
„	11	ווּקס און געראַנגל — 1917־1919	60
„	12	קהילה־וואַלן	62
„	13	דער געראַנגל פאַר מאַכט	65
„	14	דער ערשטער האַנטווערקער צוזאַמענפאָר	68
„	15	דער פאָלקיסטישער האַנטווערקער־ראַט	71
„	16	אַ נייער האַנטווערקער־צוזאַמענפאָר	73
„	17	אונדזער געזעלשאַפטלעכע אַרבעט	76
„	18	דער קאַמף צווישן ביידע צענטערס	78
„	19	דער מינדערהייטס־בלאָק	83
„	20	פּראָפעסיאָנעלע אַרבעט	88
„	21	פּאָליטישע אַרבעט	91
„	22	ווידער די פאַראייניקונג־פראַגע	93
„	23	די ערשטע שטאָט־ראַט־וואַלן אין באַפרייטן פּוילן	95
„	24	קוריאָזן פון מיינע רייזעס אין פּוילן	96
„	25	די ערשטע קהילה־וואַלן אין וואַרשע	100
„	26	דער צעניאָריקער יובילעאום	102
„	27	קרעדיט־קאָאָפּעראַטיוון, שטייערן און שטייער־קאָמיסיעס	106

			זייט
קאַפיטל	28	דער 14טער ציוניסטישער קאָנגרעס	108
„	29	די נייע פאַראייניקונג	111
„	30	דער רעטונגס־קאָמיטעט	116
„	31	ווידער רייזעס	120
„	32	צעכן־געזעץ	123
„	33	באַהערשט די קאָאָפעראַטיווע באַוועגונג	128
„	34	„שולקולט"	132
„	35	דער צעניאַריקער יובילעאום אין וולאצלאוועק	134
„	36	די פאַרלאַמענט־וואַלן אין יאָר 1928	139
„	37	האַנטווערקער־אידעאָלאָגיע	146
„	38	דער צווייטער האַנטווערקער־קאָנגרעס, 1929	159
„	39	זאַגלעמביע	164
„	40	צוגאָב־וואַלן צום סיים און סענאַט	170
„	41	באַרג־אַראָפ, 1930	172
„	42	דריי פאָזיציעס געפאַלן	175
„	43	„סורוויט"	176
„	44	וועלט־קאָנפערענץ אין בויטען	179
„	45	„אָפגעשטעלט אין דער טעטיקייט"	181
„	46	די זיצונג פון צענטראַל־קאָמיטעט	183
„	47	דער קראַך	195
„	48	הוליאַנקעס	187
„	49	די נייע באַנק אויף נאָוואָליפקי 12	189
„	50	די מאַסן צאָלן פאַר די זינד פון די פירער	192
„	51	מיר גיבן אַרויס אַ קאַמף־זשורנאַל	194
„	52	ווידער וואַלן צו דער ייִדישער קהילה	197
„	53	בורגין אין דער קהילה	201
„	54	נאָוואָליפקי 7	203
„	55	מען טיילט מעדאַלן	205
„	56	דער געזעגענונג אָוונט פון יצחק גרינבוים	207
„	57	האַנטווערקער־דעלעגאַציע קיין ארץ־ישראל, 1932	208
„	58	מען פאָרט קיין ארץ־ישראל	210
„	59	דער 18טער ציוניסטישער קאָנגרעס	213
„	60	חלוץ בעל־מלאכה	216
„	61	איך פאַרלאָז פוילן און פאָר קיין ארץ־ישראל	218

דאָס דאָזיקע בוך איז געווידמעט דעם
אָנדענק פון די ייִדישע האַנטווערקער־טוער
אין פוילן וואָס זענען אומגעבראַכט געוואָרן
דורך די נאַציס על קידוש השם והעם.

די יידישע האַנטווערקער אין פוילן

(אַ וואָרט פאָרויס)

די ליטעראַטור וועגן דעם חורבן פון דעם ייִדישן לעבן אין מזרח־אייראָפּע קען איינגעטיילט ווערן אין צוויי פּרינציפּיעלע גרופּן. איינע איז נוגע די שילדערונגען פון דעם חורבן גופא. דאָס זענען ביכער, וואָס אַנט־האַלטן ס׳רוב זכרונות וואָס זענען געשריבן געוואָרן דורך מענטשן, וואָס האָבן דעם חורבן איבערגעלעבט.

צו דער צווייטער גרופּע געהערן ביכער (דאָס רוב יזכור־ביכער), וואָס אַנטהאַלטן באַשרייבונגען וועגן דעם אַמאָליקן לעבן אין שטעט און שטעט־לעך פון דער אַלטער היים.

אין ביידע פאַלן האַנדלט זיך עס נישט וועגן קיין פולשטענדיקע היסטאָרישע פאָרשונג־אַרבעטן, נאָר וועגן מאַטעריאַלן מיט וועלכע דער היסטאָריקער פון דער פאַרגאַנגענער עפּאָכע פון דעם חרוב געוואָרענעם ייִדישן לעבן, וועט זיך קענען און מוזן באַנוצן. אויף אַזאַ אופן זענען די הונדערטער ביכער, וואָס זענען ביז־איצט דערשינען אויפן ייִדישן ביכער־מאַרק אַן אומגעהויערער וויכטיקער און ווערטפולער צושטייער.

סיי די מחברים פון אַזעלכע ביכער, סיי אויך די וואָס זאָרגן, אַז זיי זאָלן דערשיינען, דערפילן דורכדעם אַ וויכטיקע מיסיע פאַר דער ייִדישער געשיכטע.

דאָך זענען פאַראַן געביטן פון דעם חרוב־געוואָרענעם ייִדישן לעבן וואָס זענען נאָך כמעט ווי נישט געשילדערט געוואָרן. מען קען דערין קיינעם ספּעציעל נישט באַשולדיקן. עס זענען פאַראַן פיל אָביעקטיווע סיבות, וואָס זענען דערצו גורם.

אין דער ערשטער רייע האָט דער חורבן איינגעשלינגען אין דעם פייער פון אומקום אויך די אַרכיוון מיט די מאַטעריאַלן, וואָס זענען נויטיק

פאַר דער דאָזיקער פאָרשונג. פון דער אַנדערער זייט זענען פאַרבליבן ביים לעבן זייער ווייניק דירעקטע עדות וואָס זאָלן אויפן סמך פון זייערע פער־זענלעכע דערפאַרונגען און זכרונות, קענען אויספילן די דאָזיקע בלויזן, און צווישן די ווייניק יאָ־פאַרבליבענע ביים לעבן עדות פון דער באַשטימ־טער עפּאָכע, זענען נישט אַלע בכוח עס אַרויסצוברענגען אין שריפט.

צו די דאָזיקע געביטן אין דעם אַמאָליקן יידישן לעבן וואָס זענען פאַרבליבן פאַרגעסן פאַר דער היינטיקער געשיכטס־פאָרשונג, געפינט זיך די געשיכטע פון דעם יידישן האַנטווערקערטום אין פוילן.

עס דאַרף דעריבער באַטראַכט ווערן ווי אַ וויכטיקער נאַציאָנאַלער אויפטו, וואָס פריינד אלימלך ראַק, איינער פון די פּיאָנערן פון דער אָר־גאַניזירונג פון דעם יידישן האַנטווערקער־לעבן אין פוילן, האָט פאַרצייכנט זיינע זכרונות, וועלכע דער פאַרלאַג „דאָס פוילישע יידנטום” גיט איצט איבער אין רשות פון דעם לייענער.

**
*

די געשיכטע פון דעם יידישן בעל־מלאכה אין פוילן איז אַזוי אַלט ווי די געשיכטע פון דעם פוילישן יידנטום גופא. דאָס איז אַ געשיכטע פון אַן ערך טויזנט יאָר. די ערשטע פוילישע מטבעות, וואָס דער פוילישער קעניג מיעשקאָ דער ערשטער האָט אַרויסגעלאָזט, זענען אויסגעגאָסן גע־וואָרן דורך יידישע מטבע־גיסער און האָבן געהאַט יידיש־העברעישע אויפשריפטן.

דער גרויסער פויליש־יידישער קינסטלער אַרטור שיק האָט אין די פּרעכטיקע אילוסטראַציעס פון זיין קלאַסישן ווערק וועגן די פּריווילעגיעס פון דעם קאַלישער סטאַטוט, וואָס זענען געגעבן געוואָרן די יידן אין דעם דרייצנטן יאָרהונדערט, פאַראייביקט דעם יידישן האַנטווערקער אַלס דעם יסוד־לייגער פון דעם פויליש־יידישן ישוב.

אין משך פון דורות איז דער בעל־מלאכה געווען דער סימבאָל פון דעם יידישן האָרעפּאַשניק, פון דעם יידישן אַרבעטס־מענטש אין פוילן.

מען קען אָן שום איבערטרייבונג זאָגן, אַז פון די העכער דריי מיליאָן יידן וואָס האָבן געלעבט אין פוילן ערב דעם גרויסן חורבן, האָבן אַן ערך אַ האַלבער מיליאָן נפשות געלעבט פון האַנטווערקעריי. אין פאַרשידענע פאָרמען און אויף פאַרשידענע געביטן, פון קונסט־אויסאַרבעטונגען פון דער העכסטער מדרגה ביז צו די לאַטוטניקעס פון דעם „עמך שער און אייזן”.

זיי זענען אויך אין משך פון דורות געווען דאָס צילברעט פון די

אַנטיסעמיטישע אָנגריפן אויף די עקאָנאָמישע פּאָזיציעס פון פּוילישן ייִדנ־טום. בכדי צו באַגרענעצן די אַנטוויקלונג פון דער ייִדישער האַנטווערקעריי אין פּוילן זענען שוין אין מיטלאַלטער געשאַפן געוואָרן האַנטווערקער־צעכן, וואָס האָבן געגעבן אַ פּריווילעגירטע לאַגע דעם פּוילישן האַנטווער־קערטום און ווו ייִדן האָבן קיין צוטריט נישט געהאַט. ייִדן האָבן דעריבער געמוזט קאָנקורירן מיט צושטעלן אויפן מאַרק בעסערע אויסאַרבעטונגען פאַר אַ ביליקערן פּרייז.

דער ייִדישער בעל־מלאכה איז געווען דער רוקן־ביין פון דעם ייִדישן מיטלשטאַנד אין פּוילן, אפשר דער וויכטיקסטער, ווייל דער פּראָדוקטיווסטער, דער ייִדישער בעל־מלאכה האָט אויך געלייגט דעם יסוד פאַר דער שפּע־טערדיקער אַנטוויקלונג פון דער גרויסער פּוילישער אינדוסטריע.

דעריבער איז די געשיכטע פון דעם ייִדישן האַנטווערקערטום אין פּוילן איינס פון די אינטערעסאַנטסטע קאַפּיטלעך אין דער גאַנצער טויזנט־יעריקער געשיכטע פון דעם אונטערגעגאַנגענעם פּוילישן ייִדנטום.

⁂

דאָס בוך פון אלימלך ראַק איז ווייט נישט קיין געשיכטע פון דעם ייִדישן האַנטווערקערטום אין פּוילן. עס איז אָבער אַן אומגעהויער וויכ־טיקער בייטראָג צו דער דאָזיקער געשיכטע פון זיין אָרגאַניזירונג. דאָס זענען, ווי פריער געזאָגט, פּערזענלעכע זכרונות, עפּיזאָדן און אַ בינטל דאָקומענטן. דער מחבר פון דעם דאָזיקן בוך האָט געהערט צו די שעפער און בויער פון דער אָרגאַניזאַציע פון דעם ייִדישן האַנטווערקער אין פּוילן, זינט דעם סאַמע אָנהויב, ווען עס איז געבוירן געוואָרן דער באַוווסטזיין וועגן דער נויטווענדיקייט פון אַזאַ אָרגאַניזאַציע, נאָך פאַרן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה.

אלימלך ראַק האָט (צוזאַמען מיט נאָך אייניקע ייִדישע האַנטווערקער־טוער אין וואַרשע, ווי יעקב קריסטאַל, ב. ד. מינץ און נאָך אַ פּאָר יחידים), געהאַט דאָס גליק און דעם זכות, עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל ערב דעם גרויסן חורבן אין אייראָפּע. ער האָט מיט זיך מיטגענומען ווי אַ טייערן אוצר פון אַ פאַרשווונדענער שטורמישער עפּאָכע, אַ רייע דאָקומענטן וואָס זענען געווען פאַרבונדן מיט זיין געזעלשאַפטלעכער און גרעמיאַלער טעטיקייט אין פּוילן. איצט זענען דאָס אפשר די איינציקע אָפּגעראַטעוועטע דאָקומענטן וועגן יענער צייט און יענער באַוועגונג. אַ שטורמישע צייט און אַ באַוועגונג, וואָס האָט געלעבט און זיך אַנטוויקלט אין דעם דאָזיקן שטורעם. מיט עליות און ירידות. מיט אידעיִשע און פּערזענלעכע קאַמפן,

וואָס האָבן גורם געווען אַפּטע שפּאַלטונגען. וועגן דעם אַלעם דערציילט אונדז דאָ אלימלך ראַק אין אַ פּשוטער פאָרעם. אַזוי ווי ער האָט עס אַליין איבערגעלעבט, ווי ער האָט עס געזען און געפילט.

דעריבער איז זיין בוך וויכטיק. דער היסטאָריקער פון דער דאָזיקער עפּאָכע וועט זיך מיט דעם בוך מוזן באַנוצן אַלס מאַטעריאַל פאַר זיין היסטאָרישער אָפּשאַצונג.

מיט אַ כוונה האָבן מיר איינגעשלאָסן אין דעם בוך פון אלימלך ראַק אַ רייע לידער, שאַפונגען פון יידישע האַנטווערקער־טוער אין פוילן, וואָס האָבן נישט קיין קינסטלערישן ווערט, זענען אָבער אַן אינטערעסאַנטער ביטראָג צום יידישן פאָלקס־שאַפן, צום פאָלקלאָר פון דעם יידישן בעל־מלאכה. צו זיינע פריידן, זיינע קאַמפן, זיינע שטרעבונגען און זיינע ליידן.

דאָס בוך איז נישט קיין שילדערונג פון דעם לעבנס־וועג פון אַ יחיד. עס איז אַ בוך דורך וועלכן אַ יחיד דערציילט אונדז וועגן דעם לעבן פון אַ כלל, פון אַ וויכטיקן באַשטאַנד־טייל פון דער יידישער פאָלקס־מאַסע אין דעם אַמאָליקן פוילן.

דעריבער פרייט אונדז, וואָס מיר קענען עס איבערגעבן דעם יידישן לייענער־עולם ווי אַ נויטיק בוך אין דער סעריע „דאָס פּוילישע יידנטום“.

מאַרק טורקאָוו

⁂

די צווייטע וועלט־מלחמה, וועלכע האָט געבראַכט דעם חורבן פון פוילישן ייִדנטום, האָט פאַרניכטעט אַלע ווירטשאַפטלעכע און קולטורעלע אָרגאַניזאַציעס פון די ייִדן אין פוילן, צווישן זיי אויך די גרויסע ייִדישע האַנדווערקער־באַוועגונג.

ביז איצט האָט נאָך קיינער פון די געראַטעוועטע פירער פון פוילישן ייִדנטום נישט דערמאָנט אין זיינע זכרונות די ייִדישע האַנדווערקער באַוועגונג — דעם גרויסן ייִדישן ווירטשאַפטלעכן און פּאָליטישן כח אין פאַר מלחמהדיקן פוילן.

קיין איינער פון די פירער פון דער ייִדישער האַנדווערקער־באַוועגונג איז נישט געבליבן לעבן. דער לעצטער פירער פון די ייִדישע האַנדווערקער אין פוילן, דער אינזשיניער אַדאַם טשערניאַקאָוו, וואָס איז שפּעטער געוואָרן דער פּרעזעס פון וואַרשעווער יודנראַט, איז אומגעקומען על קידוש השם.

די ציוניסטישע אידעאַלן האָבן געבראַכט איניקע ייִדישע האַנדווערקער־טוער קיין ארץ־ישראל נאָך פאַר דער מלחמה.

איינער פון זיי — דער באַוווסטער האַנדווערקער־טוער, אלימלך ראַק — האָט אין זיין האַרץ באַהאַלטן דעם זכרונות־אַרכיוו פון דער גרויסער באַוועגונג און ער האָט אין זיין מוח צונויפגעקליבן אַלע פאַקטן און געשעענישן, כדי זיי צו פאַרצייכענען אין אַ בוך.

דאָס דאָזיקע בוך דאַרף פאַרבלייבן אַן אייביקע מצבה פאַר די אומגעקומענע ייִדישע האַנדווערקער און אַ זכר פאַר אירע טוער און בויער.

דאָס בוך איז אַ דענקמאָל פאַר אַ גרויסער באַוועגונג, וואָס איז אומגעקומען, צוזאַמען מיטן פאָלק.

יעקב קריסטאל

(געוועזענער האַנטווערקער־טוער אין פוילן)

ישראל

עס האָט אַ בליץ געטאָן

אַריינפיר־וואָרט

דער ייִדישער קיבוץ אין פּוילן אין זיין הערלעכער און פאַרביקער פילגעשטאַלטיקייט, וועט געוויס פאַרנעמען זיין אָרט אין דער ייִדישער געשיכטע, איבערהויפּט ווען פיל דערציילט ווערן וועגן זיין רומפולן קאַמף פאַר בירגערלעכע און נאַציאָנאַלע רעכט, ביזן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. דער ייִדישער האַנדווערקער, וועלכער האָט אין אַ באַדייטנדער מאָס מיטגעהאָלפן צו די דערגרייכונגען פון נאַציאָנאַלן ייִדנטום אין פּוילן האָט פאַרדינט, אַז מען זאָל פאַרצייכענען זיין אָנטייל אינעם גרויסן גערעאַנגל פונעם דאָזיקן ישוב, וואָס עקזיסטירט שוין נישט און וואָס איז אַזוי שנעל און אומגעריכט אָפּגעמעקט געוואָרן פון דער אויבערפלאַך.

איך ווייס נישט צי עס איז עפּעס געבליבן פון די מאַטעריאַלן, וואָס די האַנדווערקער־באַוועגונג אין פּוילן האָט אַרויסגעגעבן. איך ווייס אויך נישט צי עמיצער פון די געבליבענע טוער פון דער דאָזיקער באַוועגונג האָט געפּרוווט עפּעס אָנשרייבן כדי עס זאָל ווייניקסטנס בלייבן אַ זכר, אַז עס האָט עקזיסטירט אַ באַוועגונג וואָס האָט געהאַט אַ פּעריאָד פון הערלעכער געזעלשאַפטלעכער און רומפולער אַרבעט.

די ייִדישע האַנדווערקער־באַוועגונג אין פּוילן — פון בעל־מלאכהשע פאַריינען מיט באַגרענעצטער פאַך־טעטיקייט, — איז זי אויסגעוואַקסן צו אַ מעכטיקן פאַקטאָר אין ייִדישן לעבן, וואָס אַלע נאַציאָנאַלע פּאַרטייען האָבן געמוזט זיך מיט איר רעכענען: די ייִדישע האַנדווערקער־באַוועגונג אין פּוילן, — איך האָב זי געהאָלפן שאַפן און ריכטן און האָב איר אַ העלפט פון מיין לעבן אָוועקגעגעבן; די באַוועגונג, וואָס איך האָב איר לידער געווידמעט, קאָן איך לאָזן זי זאָל פאַרגעסן ווערן?

אויף אַזאַ הויכקייט, האַלט איך, איז אַ בעל־מלאכהשן קיבוץ נאָר איינמאָל געלונגען אויפצושטייגן: עס האָט אַ בליץ געטאָן! — ווירקלעך אַ בליץ

אין דער יידישער גאַס, אַ בליץ, וואָס האָט ליכטיק געמאַכט יידישע פאַר־חושכטע הערצער און אויסגעגלייכט אַ סך סאָציאַלע אומרעכטן. ליידער זענען נאָך דעם בליץ געקומען דונערן און פעך און שוועבל און האָבן אַלץ אָפּגעשווענקט, אַז קיין זכר איז נישט געבליבן.

אין די קאַפּיטלעך, וואָס איך שרייב, האָב איך זיך באַמיט צו פאַר־געסן, אַז די העלדן זענען אַזוי טראַגיש אומגעקומען און בין דעריבער נישט געוואָרן סענטימענטאַל, נאָר געשריבן ווי איך האָב זיי געדענקט, אַנדערש וואָלט עס נישט געווען אמת. איך האָב פאַרשריבן דאָטן, פּאָסי־רונגען, איבערלעבענישן, וואָס זענען פאַרבונדן מיט מיין אַנטייל אין דער האַנדווערקער־באַוועגונג. עס וועט אפשר אויסקומען מאָדנע, וואָס איך דערצייל נאָר וועגן זיך און וועגן מיין אַרבעט אין דער דאָזיקער באַוועגונג, אָבער דאָס איז טאַקע מיין ציל. ווען יעדער פון די טוער וואָלט באַשריבן זיין אַרבעט, וואָלט מען באַקומען אַ בילד פון דער אַלזייטיקער באַוועגונג. פון דעם אָנגעשריבענעם וועט אָבער דער לייענער, און דערהויפּט דער געשיכטע־פאָרשער, זיך קאָנען פאָרשטעלן ווי גרויס און ברייט עס איז געווען אונדזער אַרבעט, אַזוי אַז מיר זענען ווייט אַרויס פון די ראַמען פון אַ פּראָפעסיאָנעלן פאַריין.

איך וויל אויך צוגעבן, אַז איך האָב אונטער דער האַנט זייער ווייניק דאָקומענטן און צום מערסטן שרייב איך פון זכרון, נאָר איך גלויב, אַז דער זכרון האָט מיך נישט פאַרפירט. און אויב מען וועט אַמאָל שטעלן אַ דענקמאָל דעם פאַרשוווּנדענעם פּוילישן יידנטום, זאָל אויך דערמאָנט ווערן, אַז עס האָט געלעבט, געווירקט און געשאַפן אַ שיכט פון האַנד־ווערקער, וואָס האָט געציילט אַ דריטל פון דער יידישער באַפעלקערונג, וואָס האָט פאַר זיין פאַרשווינדן זיך דערהויבן צו אַ הויך אַז — „עס האָט אַ בליץ געטאָן"...

דער מחבר

תל־אביב, 1957.

קאַפּיטל איינס

דער אָנהייב פון דער יידישער האַנטווערקער־אָרגאַניזאַציע

אין יאָר 1910 איז אין דער הויפּט־שטאָט פון דער רוסישער אימפּעריע, פּעטערבורג, פאָרגעקומען אַן אַלרוסישער האַנטווערקער צוזאַמענפאָר, אין וועלכן עס האָבן גענומען אָנטייל נעמען נאָר פאָרשטייער פון האַנטווערקער־פאַרייִנען, „צעכן" און אויך פון האַנטווערקער־שולן. אינזשיניער יאַן קירש־ראַט האָט אָנטייל גענומען אין דעם צוזאַמענפאָר, ווי אַ דעלעגאַט פון דער האַנטווערקער־שולע אין לאָדזש. אַהיימקומענדיק איז ער געוווירער געוואָרן, אַז קיין פּיעטרקאָוו — דער הויפּט־שטאָט פון דער „גובערניע", צו וועלכער לאָדזש האָט דאַן געהערט — איז אָנגעקומען אַ צירקולאַר פון אַרבעטמיניסטעריום אין פּעטערבורג, אַז מען זאָל אין דער גאַנצער גובערניע מאַכן אַ סטאַטיסטיק וויפל האַנטווערקער עס געפינען זיך, און וועלכע פאַך־צווייגן זיי פאַרנעמען אין דער עקאָנאָמישער ווירטשאַפט. דער גובערנאַטאָר האָט געשיקט אַנקעטעס אין אַלע „צעכן", (ד"ה, נאָר פּוילישע „צעכן", ווייל קיין יידישע זענען נישט געווען), און די אַנקעטעס האָבן געזאָלט געבן אַ באַגריף וועגן דער צאָל האַנטווערקער אין דער גובערניע. ווי נאָר אינזשיניער קירש־ראַט איז געוווירער געוואָרן פון דער גאַנצער זאַך איז ער גלייך געפאָרן קיין פּיעטרקאָוו און געבעטן אַן אוידיענץ ביים גובערנאַטאָר, וועלכער האָט אים טאַקע אויפגענומען. ער האָט דעם גובערנאַטאָר דערציילט, אַז עס איז דאָ אַ גרויסע צאָל יידישע האַנטווערקער און גוטע בעלי־מלאכות פון אַלע פאַכן, טאָ פאַרוואָס זאָלן זיי פעלן אין דער סטאַטיסטיק? מיר האָבן נישט קיין „צעכן", ווייל די מאַכט לאָזט נישט אַריין קיין יידן אין די „צעכן", אָבער די ווירקלעכקייט קען מען דאָך נישט פאַרלייקענען...

אלימלך ראק

דער גובערנאַטאָר האָט זיך פּאַראינטערעסירט מיט דעם ענין, און האָט געבעטן, אַז קירשראַט זאָל אים צושטעלן אַ רשימה פון די אַלע ייִדישע פּאַכן וועלכע זאָלן זיין אונטערגעשריבן פון די עלטסטע פון די פּאַכן. קירשראַט האָט אייליק גערופן באַראַטונגען פון די לאָדזשער ייִדישע האַנט־ווערקער און געגרינדעט צייטווייליקע פּאַרוואַלטונגען און גלייכצייטיק אָנ־געגעבן אַ בקשה צו דער מאַכט וועגן דערלויבן צו גרינדן אַ ייִדישן האַנט־ווערקער קלוב. די אַלע מאַטעריאַלן זענען אַוועקגעשיקט געוואָרן קיין פּיעטערקאָוו און אין יאָר 1911 איז געגעבן געוואָרן די דערלויבעניש צו גרינדן דעם ייִדישן האַנטווערקער קלוב אין לאָדזש. עס איז טאַקע באַלד געדונגען געוואָרן אַ שיינער לאָקאַל פון 7 צימערן אויף פּאַלודניאָוואַ 4, וווּ עס האָט זיך געפונען אַ לייען־זאַל, אַ בופעט, אַ זאַל פאַר פאַרזאַמלונגען. מען האָט אויך געקויפט אַ פּיאַנאָ, אויך שיין אויסדעקאָרירט די זאַלן. עס האָבן זיך אָנגעהויבן אָרגאַניזירן אַלע האַנטווערקער־פּאַכן פון דער שטאָט לאָדזש. קירשראַט איז טאַקע געוואָרן דער פּאָרזיצער פונעם קלוב. לײדער איז דעם גרינדער נישט באַשערט געווען צו זען דעם וווּקס און די פּרוכטן פון זיין שאַפונג. אין יאָר 1912 איז ער אַוועקגעריסן געוואָרן אין זיין בליִענדיקער יונגער עלטער, אָבער זיין נאָמען און זיין איידעלער גייסט האָט געהויכט און געוואַכט איבער דער האַנטווערקער־באַוועגונג אין פּוילן בכלל און אין לאָדזש בפרט.

אינזש. יעקב (יאַן) קירשראַט

דער גרינדער פון דער יידישער האַנד־
ווערקער באַוועגונג אין פוילן

אינזש. צמח אלאפין

דער גרינדער פון דעם ערשטן
יידישן האַנדווערקער־קלוב
אין וואַרשע

קאַפּיטל צוויי

דער האַנטווערקער־קלוב אין וואַרשע

וואַרשע, יאָר 1913. אַ שווערע שטימונג הערשט אויף דער ייִדישער גאַס, נאָכן בייליס־פּראָצעס און נאָך די וואַלן צו דער פערטער דומע. די פּאָליטישע רעאַקציע פון דער רוסישער רעגירונג ווירקט אויף אַלע געביטן. י. ל. פּרץ שרייבט אין זיין „ווינקעלע" (אין „היינט") און רופט „אין שול אַריין". הלל צייטלין אַנאַליזירט און סומירט די אוממעכטיקייט און צע־שפּליטערטקייט פון ייִדישן ציבור אין פּוילן. די ייִדישע יוגנט פון „שטורעם און דראַנג־פּעריאָד" (1904—1905) האָט זיך אויסגעניכטערט, חתונה־געהאַט און געוואָרן בעלי־הביתלעך פאַר זיך. ווער עס האָט געעפנט אַ קלענערן, ווער אַ גרעסערן וואַרשטאַט. פון די צוויי קולטור־אינסטיטוציעס וואָס האָבן עקזיסטירט אין וואַרשע, דער „הזמיר" און די „ייִדישע ליטעראַרישע גע־זעלשאַפט", איז נאָר געבליבן די ערשטע, ווייל די צווייטע האָט די מאַכט געשלאָסן צוליב פּאָליטישע טעמים. נישט געקוקט אויף אַלע פּאָליטישע געזעלשאַפטלעכע רעפּרעסיעס איז גראָד די ווירטשאַפטלעכע לאַגע פון די ייִדן אַ צופרידנשטעלנדיקע. וואַרשע ווערט דער עקאָנאָמישער צענטער פאַר די ווייטע און נאָענטע רוסישע מערק. עס קומען סוחרים און פאָדערן סחורות פון אַלע מינים און דווקא אין גרויסע קוואַנטומס און עס אַנטשטייען פאַב־ריקן און פאַבריקלעך. מען אַרבעט אין שטיבער, אין קעלערס און אין בוידעם־שטיבלעך און אַלץ קאָנצענטרירט זיך אויף נאַלעווקעס, גענשע און פראַנציסקאַנער. די ייִדישע מאַסן ווערן פּראָדוקטיוויזירט אָן שום אַגי־טאַציע־מיטלען. אין דער דאָזיקער צייט האָבן זיך באַוויזן אין די וואַרשע־ווער צייטונגען, איינדרוקן פון אַ באַזוך אין האַנטווערקער־קלוב אין לאָדזש.

די נאָטיצן זענען געווען געשריבן מיט ליבע און פּיעטעט, סיי וועגן קלוב און סיי וועגן זיינע גרינדער. ווי אַ דערפרייענדיקע און לאַנג־דערוואַרטע נייעס, האָט מען אויפגענומען די צייטונגס־נאָטיץ, אַז דעם 30סטן נאָוועמבער 1913 קומט פאָר אַ פאַרזאַמלונג, בכדי צו גרינדן אַ האַנטווערקער־קלוב אין וואַרשע.

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די נאָטיצן וועגן לאָדזשער האַנטווערקער־קלוב האָבן געגעבן די אָנרעגונג, אַז געוויסע האַנטווערקער, און צווישן זיי אויך אינזשיניער אלאפין, זאָלן אָנהייבן זיך צו פאַראינטערעסירן וועגן שאַפן אַ סטאַטוט פאַר אַ קלוב אין וואַרשע. צופעליק, קומענדיק אין רע־דאַקציע „מאָמענט", זענען זיי געוויר געוואָרן, אַז די אַרויסגעבער פון „מאָמענט", צבי פּרילוצקי, חיים פּרוזשאַנסקי און אליעזר זילבערבערג האָבן שוין געהאַט אָנגעגעבן אַ ביטע וועגן דערלויבן שאַפן אַ האַנטווערקער־קלוב. עס האָט ווירקלעך לאַנג נישט געדויערט און פון דער זשאַנדאַרמעריע־אָפּטיילונג איז אָנגעקומען די דערוואַרטע דערלויבעניש און מען האָט אָנגעהויבן זיך גרייטן צו דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג. אַז איך בין געקומען אויף דער פאַרזאַמלונג האָב איך באַקומען דעם נומער 85, ד"ה, איך בין שוין געווען דער 85סטער מיטגליד. יעדער מיטגליד האָט באַדאַרפט איינ־צאָלן 1 רובל איינשרייב־געלט און 90 קאָפּיקעס פאַר 3 חדשים מיטגלידס־אָפּצאָל. דאָס איז געווען אַ גאַנץ באַדייטנדיקע סומע פאַר אַ נישט־פאַרמעג־לעכן האַנטווערקער, און הגם איך האָב זיך דאַן געפונען נישט אין קיין גוטן מאַטעריעלן מצב, האָב איך דאָך גערן איינגעצאָלט די סומע. די פאַר־זאַמלונג איז פאָרגעקומען אויף מיאַדאָווע 7, אין לאָקאַל פון סוחרים־ און פאַבריקאַנטן־פאַריין. אין דער ערשטער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג האָבן זיך באַטייליקט 135 פּערזאָן. די מיטגלידער־מאַסע, לויט ווי איך האָב מיך מיט איר שפּעטער באַקענט, האָט זיך איינגעטיילט אין 3 קאַטעגאָריעס, אָדער ריכטיקער געזאָגט, אין דריי סאָציאַל־געזעלשאַפטלעכע גרופּן. די ערשטע גרופּע איז באַשטאַנען פון יונגע מענטשן, געוועזענע אַרבעטער־טוער, וואָס זענען געוואָרן זעלבסטשטענדיק און האָבן געזוכט אַ געזעלשאַפטלעכע סביבה, וווּ צו פאַרברענגען און זיך אויסלעבן ביי געזעלשאַפטלעכע אונטערנעמונ־גען. די צווייטע גרופּע איז געווען פון מער איינגעפונדעוועטע האַנטווערקער פון אַ בעל־הביתישן טיפּ, וואָס האָבן געזוכט אַ ביסל געזעלשאַפט און וואַר־

שיינלעך אויך אַ קאַפּיטשקע כבוד. די דריטע גרופּע איז באַשטאַנען פון אינזשיניערן, אַסימילירטע למחצה, לשליש ולרביע אינטעליגענטן, וואָס האָבן נישט געקענט אָדער נישט געוואָלט גיין אין די פּאָליטישע פּאַרטייען, נישט אין די סאָציאַליסטישע און נישט אין די ציוניסטישע. זיי האָבן אָבער נישט געוואָלט איבעררייסן מיטן ייִדישן פֿאָלק און דער האַנטווערקער־שטאַנד האָט זיי אימפּאָנירט אַלס אַ פּראָדוקטיווער עלעמענט. מעגלעך, אַז זיי האָבן אינסטינקטיוו זיך געוואָלט באַהאַלטן אונטער דער מויער, וואָס הייסט האַנטווערקער־שטאַנד, ווייל אויף דעם שטאַנד קען מען נישט זאָגן, אַז ער איז פּאַראַזיטיש, ווי מען האָט דאָס פּאָרגעוואָרפן די הענדלער, מען דאַרף נאָר די האַנטווערקער אַ ביסל קולטיווירן, אייראָפּעיִזירן, וועט מען מיט זיי קענען אַ ביסל אָפּשלאָגן די אַנטיסעמיטישע אַטאַקעס, אין דער פּוי־לישער פּרעסע.

דער בעסטער טוער פון דער דאָזיקער גרופּע איז געווען אינזשיניער צמח אלאפין, אַן ערלעכע נאַטור, באַשיידן ביז גאָר, און מיט אַ ווילן צו העלפן שאַפן די אָרגאַניזאַציע. ער איז געווען אַ שוואָגער פון העברעיִשן שריפטשטעלער בערדיטשעווסקי און אַן איידעם פון העברעיִשן שרייבער ראַמבערג. איך וועל איצט נישט אויסרעכענען אַלע אינזשיניערן, איך וויל נאָר דערמאָנען איינעם, וואָס איז געווען אַ ברודער פונעם באַוווסטן סאָציאַ־ליסטישן פּ. פּ. ס.־אָנפירער אינזשיניער מיכאל קרול, וואָס איז פאַרשיקט געוואָרן אויף קאַטאָרגע און איז געקומען צוריק קיין וואַרשע נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, צעבראָכן פיזיש און נאָך מער גייסטיק.

די פאַרזאַמלונג האָט טאַקע געעפנט אינזשיניער אלאפין און געגעבן דאָס וואָרט חיים פּרוזשאַנסקין, איינעם פון די אַרויסגעבער פון „מאָמענט". פּרוזשאַנסקי האָט דערקלערט, אַז דער „מאָמענט" האָט געוואָלט געבן אַ מתנה דעם ייִדישן וואַרשע, — אַ סטאַטוט פון האַנטווערקער־קלוב, וועלכער זאָל דערמעגלעכן צו שאַפן אַ קולטורעלע אינסטיטוציע פאַר ייִדישע אַר־בעטנדיקע מענטשן. ווי פּרוזשאַנסקי האָט מודיע געווען האָט דער סטאַ־טוט געקאָסט דעם „מאָמענט" אַ פּאָר הונדערט רובל.

אַן אינטערעסאַנטע און סימפּאַטישע פערזאָן איז געווען אַדאָלף טרוס־קער, (שפּעטערדיקער סענאַטאָר), פאַרזיצער פון פאַבריקאַנטן־פאַריין, וועל־כער האָט זיך באַטייליקט אין דער פאַרזאַמלונג און איז אויך שפּעטער

געוואָרן אַ מיטגליד אין האַנטווערקער־קלוב. (מען האָט אים געמוזט באַציי־כענען מיטן נאָמען „קלוב", ווייל די רוסישע מאַכט האָט נישט דערלויבט דעם נאָמען „פאַריין").

אויף דער גרינדונג־פאַרזאַמלונג האָבן זיך אויך געפונען צוויי חברים: שוואַרצבערג און בערגער, דרוקער־מייסטער, וואָס זענען אין יאָר 1908 געווען פאַרוואַלטונגס־מיטגלידער פון פּראָפעסיאָנעלן דרוקער־אַרבעטער־פאַריין אונטער דער אָנפירונג פון „בונד". (אין אַ געוויסן טאָג האָט מען געמאַכט אַ רעוויזיע אין לאָקאַל בשעת אַ זיצונג, און אין איינעם פון די מאַנטלען, וואָס זענען געהאָנגען אין קאָרידאָר, האָט מען געפונען אַ פּראָ־קלאַמאַציע פון „בונד". שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז איינער פון די פאַרוואַלטונגס־מיטגלידער איז געווען אַ פּראָוואָקאַטאָר און ער האָט עס אונטערגעוואָרפן די פּראָקלאַמאַציע).

אַדאָלף טרוסקער איז געווען „כולו אומר כבוד". זיינע רעדעס — די לאָגיק אַליין. אַ ייד אַ חכם און תלמיד־חכם. אויף דער גרינדונגס־פאַרזאַמ־לונג איז ער געווען דער מדריך אונדזערער. ער האָט דערקלערט, אַז ער וויל העלפן שאַפן אַ שוועסטער־אָרגאַניזאַציע (צום פאַבריקאַנטן־פאַריין), ער וויל נישט אַריינטרעטן אין דער פאַרוואַלטונג, אָבער ער וועט אונדז דינען מיט ראַט און טאַט. די פאַרזאַמלונג איז געפירט געוואָרן מערסטנס אין דער פוילישער שפּראַך און עס איז געשאַפן געוואָרן אַ צייטווייליקע פאַר־וואַלטונג פון פאָלגנדיקע פּערזאָנען: אינזשיניער צ. אלאפּין, ברוך משה העלענגלאַס, אברהם צווייפוס, פּאַלעווסקי, משה בורשטין, ישעיהו שוואַרצ־בערג און בערגער. עס זענען געווען נאָך צוויי חברים, אָבער זייערע נעמען געדענק איך נישט.

ווער זענען געווען די מענטשן פון דער ערשטער פאַרוואַלטונג? וועגן אינזשיניער אלאפּין האָב איך שוין אויבן דערמאָנט. העלענגלאַס איז געווען אַ שפּיגל־פאַבריקאַנט, אַ פּאָליטיש־רייפער מענטש, אַן איבערגעגעבענער ציוניסטישער עסקן, איינער פון די מיטגרינדער פון „מזרחי" אין וואַרשע. אברהם צווייפוס איז געווען אַ מאָלער־מייסטער, פון די בעסטע פאַכמענער אין שטאָט, גוט סיטויִרט, אומפּאַרטייאיש, אָבער נוטה צום ציוניזם. פּאַלעוו־סקי, אַ מעבל־מייסטער, האָט פאַרמאָגט אַ גוטע אָריענטאַציע אין געזעל־שאַפטלעכע פראַגן. בורשטין, אַ שלאָסער־מעכאַניקער, דורכגעגאַנגען אַ שול

פון סאָציאַליסטישע באַוועגונגען, געהאַט אַ שטאַרקן ווילן צו אַליין־לערנען (ער האָט טאַקע מיט יאָרן שפּעטער דורכגעמאַכט אַן עקזאַמען פון 6 קלאַסן מיטלשולע). ישעיהו שוואַרצבערג, מיינס אַ קוזין, איז יונגערהייט געוואָרן אַ יתום, זיך דערצויגן ביים רעליגיעזן זיידן (פון די מקורבים פון „שפת אמת"), געווען פרום ביז 24 יאָר. געווען אַ גוטער דרוקער־אַרבעטער. די רעוואָלוציע פון יאָר 1905 האָט אים מיטגעריסן, געוואָרן אַ פריידענקער און אַ חבר פון „בונד", און אין די שפּעטערדיקע יאָרן — אַ ציוניסט. אַן ער־לעכער כאַראַקטער אָבער אַ שטימונגס־מענטש. בערגער, איז געווען אַ רויִקער, שטילער מענטש אָן גאַל, אויך פון דער גרופּע געוועזענע אַרבע־טער־טוער. ער איז, דוכט זיך, טריי געבליבן זיין בונדישע אידייע, אָבער נישט געווען אַקטיוו אַלס פּאַרטיימאַן. דאָס איז געווען דער צוזאַמענשטעל פון דער ערשטער פאַרוואַלטונג פון יידישן האַנטווערקער־קלוב אין וואַרשע. איר אויפגאַבע איז געווען צו שאַפן אַ פּאַסנדיקן לאָקאַל, ווערבירן מיטגלי־דער און דאַן רופן די געוויינלעכע אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג.



אינזש. אַדאַם טשערניאַקאָוו

אלימלך ראַק
מחבר פון דעם בוך

קאַפּיטל דריי

דער לאָקאַל זשימנע 7

פון אַ סך פאַרשלאַגן, וואָס די פאַרוואַלטונג האָט באַקומען וועגן אַ לאָקאַל, איז באַשלאָסן געוואָרן צו נעמען דעם לאָקאַל אויף זשימנע נומער 7. דאָס איז געווען אין סאַמע צענטער פון וואַרשע, אָדער ווי מען פלעגט עס רופן „צווישן יענע גאַסן און די גאַסן", און איז געווען באַקוועם פאַר אַלע מיטגלידער, וואָס האָבן געוווינט אין פאַרשיידענע טיילן פון שטאָט. דער לאָקאַל איז באַשטאַנען פון איין גרויסן זאַל, וואָס האָט געקאָנט אַריינגעמען אַ 120 מענטשן, און נאָך אַ פּאָר קלענערע צימערן אויף זיצונגען. דער לאָקאַל איז זייער שיין און מיט טעם אויסמעבלירט געוואָרן, מיט טישלעך און שטולן, און מיטגלידער האָבן זיך יעדן אָוונט פאַרזאַמלט צו לייענען אַ צייטונג און כאַפּן אַ שמועס און זיך נענטער באַקענען איינער מיטן צווייטן. די מער בעלי־הביתישע מיטגלידער האָבן פאַרלאַנגט מען זאָל פאַרברענגען ביי אַ לייכטע שפּיל. עס איז געשאַפן געוואָרן אַ לאָטאָ און די מיטגלידער מיט פרויען פלעגן קומען און געמיטלעך פאַרברענגען די אָוונטן. די מער קולטורעלע מיטגלידער, איבערהויפּט די געוועזענע אַרבעטער־טוער, האָבן פאַרלאַנגט עפּעס מער ווי אַ לאָטאָ און עס איז באַשלאָסן געוואָרן צו גרינדן אַ ביבליאָטעק. מען האָט אָנגעהויבן זאַמלען ביכער ביי מיטגלידער און סימפּאַטיקער. מיט דער דאָזיקער אַרבעט האָבן זיך פאַרנומען איבער־הויפּט פרויען. עס דאַרף באַמערקט ווערן, אַז לויט דעם סטאַטוט האָבן גע־קאָנט זיין מיטגלידער אין קלוב, סיי זעלבסטשטענדיקע מייסטער און סיי אַרבעטער־האַנטווערקער, און עס האָבן זיך פאַרשריבן אַ גרויסע צאָל אַרבעטער און אַרבעטערינס, וואָס האָבן נישט געהערט צו די סאָציאַליס־

טישע פּאַרטייען, און האָבן דאָך געוואָלט קומען אין אַ געזעלשאַפטלעכער סביבה.

אויף חול־המועד פסח 1914, איז באַשטימט געוואָרן צו עפענען די ביבליאָטעק און עס איז באַשלאָסן געוואָרן איינצולאַדן אַדוואָקאַט יצחק גרינבוים צו דער פייערלעכער דערעפענונג. ער האָט די איינלאַדונג אָנגענומען און אָנטיילגענומען אין אונדזער יום־טוב אַלס גאַסט־רעדנער. די ביבליאָטעק איז געווען אָפן 3 מאָל אין וואָך און איז געפירט געוואָרן דורך די מיטגלידער גופא. אין צווישן איז געשען אַ צרה, אויף וועלכער מען האָט זיך נישט געריכט. עס האָט געפּלאַצט אַ רער פון דער וואַסער־לייטונג אייבער אונדזערע צימערן און דער גאַנצער לאָקאַל איז פול געוואָרן מיט וואַסער. אין אָוונט, ווען מען האָט געעפנט דעם לאָקאַל, איז אונדז פינצטער געוואָרן אין די אויגן. די ווענט זענען פאַרנעצט געוואָרן און דאָ האָט זיך אַרויסגעוויזן די טרייהייט פון די מיטגלידער, וועלכע האָבן צוגעהאָלפן ברענגען דעם לאָקאַל אין אָרדענונג.

מען האָט שפּעטער איבערגעמאָלן דעם לאָקאַל און מען האָט ווידער געקענט פאַרברענגען געמיטלעך. מען האָט זיך אָנגעהויבן נעענטער צו באַקענען און עס האָבן זיך צווישן די מיטגלידער אויסגעטיילט אַ פּאָר גאַנץ אינטערעסאַנטע טיפּן, וועלכע פאַרדינען ספּעציעל דערמאָנט צו ווערן.

חבר נוסבוים — זייער אַן אינטערעסאַנטער מענטש, וואָס האָט גערעדט מיט אַ שיינער, זאַפטיקער יידישער פאָלקס־שפּראַך. ער האָט נאָך אין יאָר 1897 אַרויסגעגעבן אַ בראָשור „העלפט אייך זעלבסט", ווו ער האָט אַגיטירט פאַר קאָנסום־קאָאָפּעראַציע און געבערענגט ציפערן וועגן דעם ווי אַזוי די ענגלישע קאָנסום־קאָאָפּעראַציע האָט זיך אַנטוויקלט און פאַרשפּרייט צווישן מיליאָנען מענטשן. ער האָט געגרינדעט אַ פּאָר אַזעלכע שפּייז־קאָאָפּעראַטיוון, אָבער זיי האָבן זיך נישט לאַנג געהאַלטן און זענען פאַרשוווּנדן. די יידישע באַפעלקערונג איז נאָך דאַן נישט געווען דערצויגן דערצו. נוסבוים איז געווען אַ שמוקלער־מייסטער און האָט געהאַט שוין באַזוכט אַ סך שטעט אין אייראָפּע.

חבר יעראָזאָלימסקי, זייער אַן אָנגעלייענטער און אינטעליגענטער יונגערמאַן, אַגב, אַ וועגעטעריאַנער. נישט נאָר ער אַליין, נאָר אויך זיין גאַנצע פאַמיליע. דאַן מתתיהו ראָזענצווייג, קאַמאַשנמאַכער־מייסטער (שטעפּער), אַן

ענערגישער יונגערמאַן מיט אַ שטאַרקן כאַראַקטער און אַ גוטער אָריענ־טאַציע. אברהם גאָלדבערג, שאַבלאָן־אַרבעטער ביי זייגערס, אַ בעל־הביתי־שער יונגערמאַן מיט אַ שנעלער אָריענטאַציע. ח׳ יענקעלע קריסטאַל, מעבל־מייסטער, געווען אַמאָל אין דער קאַמף־גרופּע פון פּ. פּ. ס.. שפּעטער גע־וואָרן אַ ציוניסט, רירעוודיק און פלינק, געדעדט אַ פּשוטע פאָלקס־שפּראַך און געוווּסט וואָס ער וויל.

איך האָב בייגעוווינט אַ מאָדנע, אינטערעסאַנטע צוזאַמענטרעפונג, וואָס איז פאָרגעקומען מיט 10 יאָר שפּעטער אין וואַרשעווער שטאָטראַט ביי עפּעס אַ פייערונג. עס שטייען: קריסטאַל, אינזשיניער אדאם טשערניאַקאָוו און איך. נעבן אונדז שטייט אַ קריסט, דער קריסט קוקט אויף יענקעלע קריסטאַל, קוקט נאָך אַ מאָל און פרעגט זיך: דו ביסט נישט אַמאָל יענקע־לע? און יענקעלע קוקט אים אָן און גיט אַ געשריי: טאַמאַש? און ביידע כאַפּן זיך אַרום און קושן זיך. ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, איז דער קריסט געווען דער באַקאַנטער פוילישער אַרבעטער־פירער און שפּעטערדיקער מי־ניסטער טאָמאַש אַרצישעווסקי. דעמאָלסט איז ער געווען ראַטמאַן אין וואַר־שעווער שטאָטראַט. זיי ביידע פלעגן אין די רעוואָלוציאָנערע יאָרן אויספירן פאַרשיידענע פאַראַנטוואָרטלעכע אַרבעטן.

עס זענען געווען נאָך גאַנץ אינטערעסאַנטע חברים, ווי יצחק זאַקסענ־בערג, אַ לערער אין דער האַנטווערקער־שול אויף סטאַווקע. עס וועט מיר נאָך אויסקומען צו רעדן וועגן זיי אין די שפּעטערדיקע קאַפּיטלעך. די אַלע אויסגערעכנטע מיטגלידער האָט נישט באַפרידיקט די שטילע און רויקע אַרבעט פון קלוב, און מען האָט דיסקוטירט וועגן אויסברייטערן די טעטי־קייט, — כדי עס זאָל געפירט ווערן מער קולטור־אַרבעט און יעדער האָט אויף זיך גענומען די אויפגאַבע אַריינצופירן מער דעמאָקראַטישע און פּראָג־רעסיווע כוחות, כדי צו ענדערן די לאַגע.

קאַפּיטל פיר

די נייע פאַרוואַלטונג און איר אַרבעט

כמעט פאַרן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה איז צוזאַמענגערופן געוואָרן אַן אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג, ווייל די ערשטע פאַרוואַלטונג איז געווען אַ צייטווייליקע. עס איז אָבער געווען דערצו נאָך אַ סיבה, נעמלעך: אינזשעניער אלאפין פאָרט אַוועק קיין רוסלאַנד, וויל ער פרי:ער איבערגעבן די אַרבעט אין אַנדערע הענט. אויף דער פאַרזאַמלונג זענען געקומען דריי נייע מענטשן (אינזשעניערן), און אלאפין בעט אונדז, ד״ה, דער פאַרזאַמלונג, אַז הגם די דאָזיקע אינזשעניערן זענען נייע מיטגלידער, זאָלן מיר זיי דאָך קלייבן אין דער פאַרוואַלטונג. די דריי אינזשעניערן זענען געווען: טשערניאַקאָוו, פּאָזנאַנסקי און קיילין. דעם בעסטן איינדרוק האָט אויף אונדז געמאַכט אינזשעניער אדאם טשערניאַקאָוו. אָבער דאָך, ווי קלייבט מען מענטשן וועלכע מען קען זיי נישט? אלאפין האָט אָבער זייער און זייער געבעטן, אַז מען זאָל זיך פאַרלאָזן אויף אים און האָט פאַרזיכערט, אַז מיר וועלן נישט זיין אַנטוישט. באין ברירה האָבן מיר איינגעשטימט און עס איז געוויילט געוואָרן אַ פאַרוואַלטונג פון 11 פערזאָן, און פּאָזנאַנסקי איז געוויילט געוואָרן אַלס פאָרזיצער. די אַנדערע מיטגלידער פון דער פאַרזאַמלונג האָבן אַפילו געוואָלט, אַז טשערניאַקאָוו זאָל זיין פאָרזיצער, נאָר טשערניאַקאָוו האָט דאָס נישט געוואָלט. טשערניאַקאָוו איז דאַן געווען לערער אין די קהילה־שולן אויף גזשיבאָווסקע 26 און פּאָזנאַנסקי איז געווען אַדמיניסטראַטאָר פון די שולן. ווי איך בין שפּעטער געוואויר געוואָרן, ריידנדיק מיט שילער פון דער שולע, האָבן זיי טשערניאַקאָוון ליב געהאַט און אים געשעצט און פּאָזנאַנסקין האָבן זיי געשאָלטן. אינזשעניער קיילין איז געווען

אַן עכטער אינטעליגענט, אַן אידעלע פּערזאָן, ער האָט זיך נישט באַשעפּ־טיקט מיט זיין פאַך, נאָר האָט געהאַט אַ געשעפט מיט פּאַרטיקע קליידער (וואָס דער פאָטער זיינער האָט אים איבערגעלאָזט בירושה) אויף עלעק־טאָראַלנע 7.

איידער די נייע פּאַרוואַלטונג האָט אָנגעהויבן עפּעס וואָס צו טון איז אויסגעבראָכן די מלחמה און די אַרבעט האָט סיי ווי סיי געמוזט אָפּגע־שטעלט ווערן. אַ סך מיטגלידער האָט מען גענומען צום מיליטער, און עס איז אָפּגעשטעלט געוואָרן דאָס גאַנצע ווירטשאַפטלעכע לעבן. האָט ווער געהאַט אין שטוב עפּעס געלט האָט ער געקענט קויפן שפּייז און לעבן און ווער עס האָט נישט געהאַט, איז אים טאַקע געווען ביטער. איך בין גראָד געבליבן אָן געלט, ווייל די באַשטעלונגען וואָס איך האָב צוגעשטעלט דאָ־נערשטיק דעם 14טן סעפּטעמבער האָט מען שוין ביי מיר נישט געוואָלט צו־נעמען, כאָטש וואַרף זיי אין ווייסל אַריין. איך האָב דאַן געוווינט אויף זומער־וווינונג אין אָטוואָצק און האָב געהאַט אָפּגעלאָזט די דירה אין וואַר־שע און אַרויסגענומען קיין אָטוואָצק דאָס מעבל. איך האָב קוים צונויפגע־קליבן 7 רובל אַהיימצופאָרן. אַזאַ סומע איז גענוג געווען צום לעבן קוים איין וואָך און איך האָב מיט דער סומע געלעבט 4 וואָכן. איך האָב געוווינט אין אָטוואָצק ביז נאָך די ימים־טובים, ד״ה, ביז נאָך סוכות. דאַן האָט מען שוין אָנגעהויבן הערן די קאַנאָנאַדע פון די האַרמאַטן און איך האָב געמוזט אַריין קיין וואַרשע. ווי אַזוי איך בין אַריינגעפאָרן קיין וואַרשע מיט מיין פאַמיליע איז אַ באַזונדערע מעשה, מיט קאָמישע און גלייכצייטיק טראַגישע פּאַסירונגען. איך האָב קוים גענומען אַ ביסל וועש מיט זיך און דאָס גאַנצע מעבל און געפּעס איבערגעלאָזט אין דער וווינונג. און אַז איך בין אַרויס־געקומען קיין אָטוואָצק נאָך 8 וואָכן צו נעמען די זאַכן, האָב איך שוין נישט געהאַט וואָס צו נעמען. אָבער דאָס געהער נישט צו אונדזער ענין.

איך בין געקומען אין קלוב און געטראָפן די חברים פּאַרצווייפלט. כמעט קיינער אַרבעט נישט. שפּייז־פּראָדוקטן שטייגן. קיין ברויט איז נישט צו קריגן. וואָס טוט די פּאַרוואַלטונג? מען סטאַרעט זיך צו באַקומען ברויט פאַר די מיטגלידער. און טשערניאַקאָוו האָטווירקלעך געפּועלט ביים בע־קער שטראַזבורג ער זאָל געבן 500 ברויט יעדן טאָג פאַר די מיטגלידער. נו, נו, שטעלט זיך פאַר, וואָס פאַר אַ רעש עס איז געוואָרן, ווען די מיט־

גלידער זענען געוויר געוואָרן, אַז אין קלוב באַקומט מען ברויט און מען וועט נישט דאַרפן וואַרטן ביים בעקער גאַנצע נעכט און דערנאָך ערשט נישט קריגן. און אַז עס זענען געוויר געוואָרן אַנדערע בעלי־מלאכות, אַז ביי אונדז איז דאָ ברויט, איז מען געקומען אין די מאַסן זיך פאַרשרייבן אַלס מיטגלידער. מען איז געשטאַנען אין דער ריי שעהן לאַנג ביז מען האָט געקענט אַנקומען אין ביוראָ. און מען האָט געברענגט געלט און איינגעצאָלט פאַר דריי מאָנאַטן און עס איז געוואָרן לעבעדיק אין קלוב. מען האָט געגרינדעט אַ לעבנסמיטל־סעקציע, ווו די חברים נוטבוים און אברהם גאָלדבערג זענען געווען טעטיק אונטער דער אָנפירונג פון אינזשיניער אַלעקסאַנדער קיילין, און מען האָט שוין געקריגן אַ חוץ ברויט אויך אַנדערע שפייז־אַרטיקלען און נייע קרעפטן האָבן זיך באַוויזן און נייע מיטגלידער זענען צוגעקומען און אַ שטאַרקער לעבנס־פולס האָט געקלאַפּט. אָבער נישט אַלע זענען געבליבן באַפרידיקט מיט דער דאָזיקער לאַגע.

קאַפּיטל פינף

די דעמאָקראַטישע גרופּע

צווישן דעם שטראָם נייע מיטגלידער וואָס זענען צוגעקומען האָבן זיך געפונען אַ פּאָר גאַנץ וויכטיקע, קולטורעלע מענטשן, וועלכע האָבן שפּעטער געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע אין דער באַוועגונג. איך וויל אָנרופן אייניקע פון זיי: שמחה בונים רוזשאַני, אַ ייִד מיט אַ שוואַרצער הערצל־באָרד. אַ רבס אַן איידעם און אַליין אַ גרויסער למדן, ער איז אָבער געווען פון די, וואָס „הציץ ונפגע", איז געווען פולשטענדיק פריי, טראָץ דעם וואָס ער האָט נאָך געטראָגן אַ לאַנגע קאַפּאָטע. ער האָט געאַרבעט ביי האַר־פּאַרבן, איז געווען אַ הייסער ציוניסט און פלעגט כמעט יעדן שבת דרשנען אין די שולן לטובת דעם ציוניזם. נח שפּירא, אַ געוועזענער אַקטיווער טוער אין דער פּאַרטיי ס. ס., אַ גלענצנדיקער רעדנער און אַ קלוגער, געבילדעטער יונגערמאַן. ער האָט זיך אָנגעגעבן אַלס לעדער־אַרבעטער. איך האָב אים נאָך געקענט פון 1905טן יאָר, ווען איך בין אויך געווען אין דער ס. ס.־פּאַר־טיי. וואָס אים האָט געטריבן אַריינצוטרעטן אין קלוב איז פּאַר אַ סך מענטשן געווען אַ רעטעניש. איך האָב אים אַמאָל געפרעגט וועגן דעם, האָט ער מיר געזאָגט: ער מוז עפּעס טון. קיין פּאַרטיימאַן איז ער היינט נישט (דאַן האָט זיך, דוכט זיך, די ס. ס. געהאַט פאַראייניקט מיט די סיימיסטן און זיך גע־רופן די פאַראייניקטע), און דער שטאַנד פון די האַנטווערקער איז אים גאַנץ סימפּאַטיש, דאָס זענען אַרבעטס־מענטשן און אַ דעמאָקראַטישער עלעמענט, מען דאַרף נאָר וויסן ווי אַזוי געהעריק אָנצופירן מיט דער באַוועגונג.

דעמאָלט איז אַריינגעטראָטן אַלס מיטגליד פון קלוב חיים ראַסנער, וואָס האָט אין די שפּעטערדיקע יאָרן געשפּילט אַ וויכטיקע ראָל אין דער

האַנטווערקער־באַוועגונג. זיין פאָטער איז געווען פון זעלבן פאַך וואָס איך (שטעקנס), און מען האָט אים גערופן „דוד פויער". אַלע קינדער האָבן צוגע־האָלפן אין דער אַרבעט, נאָר חיימען האָט ער געלאָזט אַ ביסל זיך בילדן. ער איז געווען אַ גלענצנדיקער פאָלקס־רעדנער.

דאַן איז געוואָרן אַ חבר אהרן ראַבינאָוויטש. אַ פאַרמאַצעווט, אויך פון די אַקטיווע טוער פון ס. ס. די פריִערדיקע באַוווסטזיניקע חברים מיט די ניי־אַריינגעקומענע האָבן זיך צוזאַמענגערעדט צו שאַפן אַ דעמאָקראַטישע גרופע, וואָס זאָל פירן די אַרבעט אין קלוב אין אַן אַנדערער, מער קולטור־רעלער און פאָלקסטימלעכער ריכטונג.

די ערשטע באַראַטונג איז פאָרגעקומען ביים לערער אהרן פנחס גראָס, וואָס האָט געוווינט אין שכנות פון קלוב. דער דאָזיקער גראָס איז געווען אַן אינטערעסאַנטער און מאָדנער מענטש. דערצויגן געוואָרן ביי זייער פרומע עלטערן (אַ מלמד), און איז אַליין געווען אַ למדן מופלג. דאַן האָט אים פאַרכאַפּט דער ציוניזם און איז געווען פון די רעדנער אין דער שול „תפארת ציון". שפּעטער איז ער געוואָרן אַ טעריטאָריאַליסט, און ווען דער טעריטאָריאַליזם האָט נישט מצליח געווען איז ער געוואָרן אַן אַנאַרכיסט. און מאָדנע, ווען עס זענען פאָרגעקומען די פּאָגראָמען אין די יאָרן 1920 פון די פאַרשיידענע באַנדעס אין אוקראַינע, וועלכע האָבן חרוב־געמאַכט יידישע שטעטלעך, האָט ער מיר געזאָגט: „אַט הייבט אָן דער אטאמאן מאַכנאָ זיין פאַרניכטונגס־אַרבעט און דאַן, ווען אַלץ וועט חרוב ווערן, וועט אויפ־שטיין די ריכטיקע וועלט". ער איז, ביז מיין אָפּפאָרן פון פוילן, געווען לערער פון העברעיִש אין שוואַרצמאַנס גימנאַזיע. די גייסטיקע שפּייז וואָס אַזאַ לערער קען געבן די קינדער איז זיך לייכט פאָרצושטעלן. דעמאָלט ווען מיר האָבן זיך ביי אים באַראַטן, איז ער נאָך נישט געווען קיין אַנאַר־כיסט. אונדזער ערשטע אַרבעט איז געווען צו פאָדערן פון דער פאַרוואַלטונג קולטור־אַרבעט, רעפעראַטן. דער זעלביקער גראָס האָט מסכים געווען צו האַלטן דעם ערשטן רעפעראַט אויף דער טעמע: „משה".

קאַפּיטל זעקס

אין קאַמף קעגן אַסימילאַציע

מיר האָבן דערלאַנגט אַ ווענדונג צו דער פאַרוואַלטונג איינצואָרדענען דעם רעפעראַט פון גראַסן און דער רעפעראַט איז פאָרגעקומען אַ געוויסן שבת־צו־נאַכט.

נאָכן רעפעראַט האָט זיך אַנטוויקלט אַ דיסקוסיע צווישן די מיטגלי־דער. דערהויפּט זענען די וויכוחים געגאַנגען וועגן ייִדיש און פּויליש. די אָנהענגער פון פּויליש האָבן געהאַלטן, אַז די שפּראַך איז נישט וויכטיק, דער עיקר איז דאָס ייִדישע האַרץ, און די אָנהענגער פון ייִדיש האָבן באַ־הויפּטעט, אַז אויב מיר זענען אַ פאָלק, דאַרפן מיר פלעגן די פאָלקס־שפּראַך, און די שפּראַך פון פאָלק איז היינט ייִדיש. דער „אָוונט" האָט געמאַכט אַ גוטן איינדרוק און מען האָט געוואָרט אויף אַנדערע אַרבעטן. אין צווישן האָט זיך די צאָל מיטגלידער פאַרגרעסערט און געלט אין קאַסע איז געווען, האָט די פאַרוואַלטונג באַשלאָסן צו זוכן אַ גרעסערן לאָקאַל, ווייל דער, ווו מיר האָבן זיך געפונען, איז שוין באמת געווען צו קליין. נאָך פאַרשיידענע פאַרשלאָגן איז באַשלאָסן געוואָרן צו נעמען דעם לאָקאַל פון געוועזענעם „הזמיר", אויף לעשנאָ־גאַס נומער 42. ביים אויסברוך פון דעם קריג איז דער זאַל פאַרנומען געוואָרן מיט פּליטים, דאַן האָט דער „הזמיר" גענומען אַן אַנדער לאָקאַל, אין פּאַסאַזש נאַלעווקי 2. נאָכדעם ווי די פּליטים האָבן פאַרלאָזט דעם לאָקאַל האָבן מיר אים געדונגען, אויסגערעמאָנטירט און באַשטעלט נייע מעבל. מיר האָבן געהיט אַז דער לייען־זאַל זאָל באַצירט ווערן מיט בילדער פון ייִדישע שריפטשטעלער און דענקער. אויך אַ ביב־ליאָטעק־צימער איז איינגעאָרדנט געוואָרן, אַ בּיוראָ־איינריכטונג. בכלל האָט

דער לאָקאַל געמאַכט אַ גוטן איינדרוק: שיין געמאָלט, מיט פאָרהאַנגען ביי די פענצטער, אַזוי, אַז אַ פריילעכקייט און וואַרעמקייט האָט אַרומגענומען יעדן איינעם, וואָס איז אַריינגעקומען אין זאַל.

עס האָט אונדז אָבער זייער פאַרדראָסן, וואָס אַלע אויפשריפטן אין זאַל זענען געווען בלויז אויף פויליש. אַז מיר האָבן געפרעגט, פאַרוואָס מאַכט מען נישט אויך יידישע אויפשריפטן, האָט מען געענטפערט: אַז עס דאַרפן קומען צו דער פייערונג פון דער דערעפענונג פון זאַל זייער וויכטיקע מענטשן, פאַסט נישט, אַז עס זאָלן זיין יידישע אויפשריפטן. מיר זענען זעלבסטפאַרשטענדלעך נאָך מער אויפגעבראַכט געוואָרן. וואָס הייסט? מיר שעמען זיך מיט אונדזער שפּראַך? נאָך מער איז אונדזער פאַרדרוס געוואַקסן, ווען מיר זענען געוויר געוואָרן, אַז ביי דער דערעפענונג וועלן געהאַלטן ווערן בלויז פוילישע רעדעס און פון די מיטגלידער וועט נאָר רעדן איינער — ליליענטאַל, אויך אויף פויליש. מיר האָבן דעריבער באַשלאָסן צו באָיקאָטירן די פייערונג און נישט אַריינגיין אין זאַל, נאָר זיך געפינען אין די נעבן־צימערן.

אין חודש אָקטאָבער 1915 איז פאָרגעקומען דער פייערלעכער חנוכת־הבית. עס זענען ווירקלעך געקומען וויכטיקע געסט, ווי: דער ראַבינער, פּראָפעסאָר שמואל פּאָזנאַנסקי, דער באַנקיר אַדאָלף פּרץ, האַנדלס־ריכטער קעמפּנער א״אַ. עס זענען אויך איינגעלאַדן געוואָרן די פאַריינען, וואָס האָבן געהאַט באַזונדערע לאָקאַלן. דער מאַלער־פאַריין און דער שניידער־פאַריין. פון מאַלער־פאַריין איז געווען פאַרטרעטן, פּייוול מאיר הענדענבערג (פאַרזיצער) און משה בורגין (וויצע־פאַרזיצער). הענדענבערג, אַ פּאַטריאַרכאַלישע געשטאַלט מיט אַ לאַנגער שיינער באָרד, איז געווען דער, וואָס האָט אויסגעלערנט הונדערטער יידישע מאַלער דאָס פאַך פון בוי־אַרבעט. אַ ייִד, אַ בן־תורה און גלייכצייטיק האָט ער גוט געקענט די פוילישע שפּראַך. משה בורגין (ער איז געווען אַ ברודער פון דעם באַוווּסטן אַרבעטער־פירער, פריִער אין וואַרשעווער פּ. ס. און שפּעטער אין אַמעריקע), וואָס האָט שפּעטער געשפּילט אַ וויכטיקע ראָל אין דער האַנטווערקער־באַוועגונג, האָב איך דערקאָנט ביי דער דערעפענונג. ער האָט באַלד אויפמערקזאַם געמאַכט, פאַרוואָס די אויפשריפטן זענען בלויז אין פויליש. בורגין איז געווען פון די גוטע שילדן־מאַלערס אין וואַרשע, פריִער געוווינט אין ווילנע און ווי

ער האָט מיר שפּעטער געזאָגט, איז ער געווען פון די מיטגרינדער פון דער ציוניסטישער גרופּע „בני משה". אַ מענטש מיט אַ שטאַרקן כאַראַקטער און אַ געבוירענער עסקן ציבורי. ער האָט אָפּטמאָל פאַרלאָזט דאָס געשעפט און פאַמיליע, ווען דער אינטערעס פון ציבור האָט עס פאַרלאַנגט.

די אַסימילאַטאָרישע אַרבעט פון דער פאַרוואַלטונג האָט געפירט דערצו, אַז די דעמאָקראַטישע גרופּע זאָל אָנהייבן טראַכטן וועגן איבערנע־מען די מאַכט. אזוי ווי עס האָט זיך דערנענטערט די צייט, וואָס די קאַ־דענץ פון דער פאַרוואַלטונג ענדיקט זיך, האָבן מיר פאַרלאַנגט, אַז די פאַר־וואַלטונג זאָל רופן פאַרוואַל־פאַרזאַמלונגען, אַז די מיטגלידער זאָלן זיך אַדורכריידן וועגן די אויפגאַבן פון קלוב. מען מוז זאָגן, אַז אין דער הינזיכט איז די פאַרוואַלטונג געווען דעמאָקראַטיש און האָט גערופן די ערשטע פאַרוואַל־פאַרזאַמלונג. מיר האָבן אויף דער פאַרזאַמלונג אָנגעהויבן שיסן מיט שווערער אַרטילעריע. עס זענען אַרויסגעטרעטן: נח שפּירא, חיים ראָס־נער, משה בורגין וגם אני בתוכם. יעדער רעדנער האָט באַשולדיקט די פאַרוואַלטונג, אַז זי האָט אויף זיך גענומען אַן אַסימילאַטאָרישע מיסיע צווישן די האַנטווערקער און מיר האָבן ווירקלעך דאַן אַזוי געמיינט, ווייל צווייַ מיטגלידער, אינזשיניער טשערניאַקאָוו און אינזשיניער יוליוש פּאָז־נאַנסקי זענען געווען אָנגעשטעלטע אין דער קהילה, און אַ געוויסער בור־שטיין וואָס איז אויך געווען לערער־מייסטער אין די פאַכשולן פון דער גמינע, האָט פאַר קיין פאַל נישט געוואָלט אַרויסרעדן אַ וואָרט ייִדיש. האָבן מיר דאָך גוט געוווּסט, אַז די וואַרשעווער גמינע איז דאַן געווען אַסימי־ליאַטאָריש. דיקשטיין און נאַטאַנזאָן האָבן דאָך דאַן דאָרט געהערשט...

די ערשטע פאַרוואַל־פאַרזאַמלונג האָט באַשלאָסן פאַרצווזעצן די דיס־קוסיעס אויף נאָך אַ פאַרזאַמלונג און די צווייטע האָט באַשלאָסן אַ דריטע, אַזוי זענען פאַרגעקומען 6 פאַרוואַל־פאַרזאַמלונגען, ווו מען האָט געשיט פּעך און שוועבל אויף דער פאַרוואַלטונג. מיר האָבן אויך געזאָרגט, אַז די ייִדישע פּרעסע זאָל דרוקן באַריכטן, וואָס מיר האָבן אַריינגעגעבן פון די פאַרזאַמלונגען, אַזוי, אַז די פאַרוואַלטונג איז אַטאַקירט געוואָרן פון אַלע זייטן.

איך געדענק, אַז איינמאָל איז צו מיר צוגעקומען אינזשיניער טשער־ניאַקאָוו און געפרעגט:

— פאַרוואָס טויג איך נישט פאַר דיר?
— ווייל איר זענט צו הויך פאַר אונדז און איר פאַרשטייט אונדז נישט.
איר האָט געמאַכט אַ שיינעם קלוב, אָבער עס איז קאַלט ביי אייך. דער האַנטווערקער בענקט נאָך אַ וואַרעמער היימישער סביבה.

מיר האָבן אָנגעהויבן זוכן קאַנדידאַטן צו דער נייער פאַרוואַלטונג. עס איז געשאַפן געוואָרן אַ וואַל־קאָמיטעט, וואָס האָט באַטראַכט יעדן קאַנדידאַט.

מען האָט אָנגעהויבן זוכן אויך אַ פּאָר אינזשיניערן. מיר האָבן געמיינט, אַז אַן אינזשיניערן קען מען זיך גאָרנישט באַגיין, האָט מען אויסגעזוכט דריי־פיר אינזשיניערן. אינזשיניער אייפער, איך האָב אים נישט געקענט, ער האָט געזאָגט, אַז ער איז אַ נאַציאָנאַלער ייִד; אינזשיניער באָגאַטי, זייער אַן ענערגישער מענטש, מיט אַן אייזערנעם כאַראַקטער און ווילן, אַ שאָד וואָס ער איז נישט געבליבן קיין עסקן; אינזשיניער בערמאַן, אַ זיידענער יונגערמאַן, אַ שיינער אינטעליגענט, און אַ גוטער כאַראַקטער. דאָן זענען אַריין משה בורגין, פּרוי זאַקסענבערג און נאָך אַ פּאָר חברים, צוזאַמען 15 מאַן. איך האָב נישט געוואָלט אַריין, ווייל איך בין געווען צו אָרעם צו קענען זיך פאַרנעמען מיט דער אַרבעט פון אַ פאַרוואַלטונג־מיטגליד. דאָן האָט מען אָנגעהויבן זוכן אַ פּערזאָן אויף אַ פּרעזעס, וואָס זאָל זיין פּאָפּולער און אָנגעזען. מען האָט אָנגעוויזן אויף דעם וואַרשעווער עסקן פּישמאַן, אַז ער איז פּאַסיק פאַר אַ פּרעזעס. אַ טאָג פאַרן אָפּדרוקן די ליסטע איז מען געקומען צום ה׳ פּישמאַן און אים פאָרגעלייגט די פּרעזעסור. ער איז געווען טאַקע אַ געלערנטער און קלוגער ייִד און דערצו אַ רייכער ייִד, הגם אַ גרויסער קמצן... ער האָט זיך אַמאָל גערעכנט פאַר אַ סטעמפּל־מאַכער. ער האָט געהאַט אין וואַרשע דריי גרויסע הייזער און איז געווען פּרעזעס פון מושב־זקנים (דאָרט האָט ער גיכער געפּאַסט ווי פאַר אונדז). די וואַלן האָבן מיר איינגעאָרדנט אין זאַל פון דער גמינע, ווייל אונדזער זאַל איז שוין געווען צו קליין אויפצונעמען אַזאַ גרויסע פאַרזאַמלונג.

דערווייל איז די אַטאַקע פון די פאַרוואַל־פאַרזאַמלונגען געגאַנגען מיט גרויס דערפאָלג. אונדזערע פּשוטע מיטגלידער האָבן זיך אויך אַרויסגעוויזן צו זיין גאַנץ גוטע רעדנער. צום ביישפּיל: חבר א. שעניצקי, אַ שניידער־מייסטער, דוכט זיך אַ מענטש, וואָס האָט קיין בוך נישט איבערגעלייענט, האָט אָבער פאַרמאָגט אַזאַ זאַפטיקע שפּראַך און מיט אַזוי פיל סאַטירע און

הומאָר קריטיקירט די פאַרוואַלטונג אַז ער האָט נאָך מער געווירקט ווי די געשולטע רעדנער. אַדאָלף טרוסקער האָט אויך גענומען אַ וואָרט, געפּרווט פאַרטיידיקן די פאַרוואַלטונג. אייניקע מאָל איז ער געווען פאַרזיצער אויף די פאַרוואַל־פאַרזאַמלונגען.

איז געקומען אַ מיטגליד האַכמאַן, אויך אַ שניידער־מייסטער און אָוועקגעלייגט אַ רעדע, אַז טרוסקער האָט שיער נישט באַקומען אַ האַרץ־אַטאַקע:

— ווי קומט צווישן אונדז — קליינע האַנטווערקער, אַזעלכע גרויסע סוחרים און פאַבריקאַנטן? גרויסע פאַבריקאַנטן דאַרפן גיין צו גרויסע — אַזוי האָט ער זיך איינגעטענהט מיט אַ סאַרקאַסטיש שמייכעלע.

מען דאַרף דערמאָנען, אַז אין דער צייט, וואָס מיר האָבן געפירט דעם קאַמף, איז אין פּוילן שוין פאַרגעקומען אַ גאַנצע איבערקערעניש. די רוסן האָבן פאַרלאָזן פּוילן און די דייטשן האָבן פאַרנומען ווארשע און דאָס דעמאָלטדיקע דייטשלאַנד האָט געברענגט פרייהייט, דעמאָקראַטיע! אונדזערע פאַנטאַזיעס האָבן זיך צעוואַקסן. איצט דאַרפן מיר זיך שוין נישט רופן קלוב. מען וועט ווערן אַ פאַריין און אַ צענטראַל־פאַריין! און אויף די פאַרוואַל־פאַרזאַמלונגען זענען אָנגענומען געוואָרן רעזאָלוציעס, וואָס די נייע פאַרוואַלטונג דאַרף אַלץ מאַכן און דורכפירן: אויסשטעלונגען, קרעדיט־קאַסעס, באַזאַרן פון פאַרטיקע אויסאַרבעטונגען, פאַכשולן, אָוונט־קורסן, קינדער־היימען און אַלע מעגלעכע זאַכן, וואָס דער געדאַנק קען נאָר אויסטראַכטן. אַלץ איז אונטערגענומען געוואָרן צו פאַרווירקלעכן אין דער נאָענטסטער צוקונפט.

ענדע יאָר 1915, איז פאַרגעקומען די דערוואַרטעטע אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג. מיר האָבן אָפּגעהאַלטן אַ געוואַלטיקן זיג, נישט געקוקט דערויף, וואָס די אַזוי־גערופענע אַסימיליאַטאַרישע פאַרוואַלטונג האָט אָנגענומען אַלע מיטלען קעגן אונדז.

קאַפּיטל זיבן

די טעטיקייט פון דער דעמאָקראַטישער פאַרוואַלטונג

די ערשטע אַרבעט פון דער דעמאָקראַטישער פאַרוואַלטונג איז געווען אַן ערנסטע און אַ שווערע, ווייל אַ סך מיטגלידער, וועלכע האָבן סימפּאַטיזירט מיט טשערניאַקאָוון האָבן אויפגעהערט צו צאָלן מיטגלידס־אָפּצאָל. אויך האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון דער ניי־געקליבענער פאַרוואַלטונג די מיטגלידער וואָס מיר האָבן זיי אַריינגעשטעלט אָן זייער וויסן, און וואָס האָבן אויך קאַנדידירט אויף דער ליסטע, וואָס די פריִערדיקע, אַזוי גערופענע אַסימיליאַטאָרישע, פאַרוואַלטונג, האָט געהאַט אַרויסגעשטעלט ביי דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג. דאָך איז די אַרבעט געפירט געוואָרן אַמײַנסטן אויפן קולטורעלן געביט, ווייל דורכצופירן עקאָנאָמישע פּלענער האָט מען באַדאַרפט האָבן אַ סך געלט־מיטלען, און בכלל האָט מען אַזעלכע פּלענער, ווי עפענען באַזאַרן פאַר האַנטווערקער אָדער איינקויפס־קאָאָפּעראַטיוון פאַר רוי־שטאָפן אָפּגעלייגט אויף נאָך דער מלחמה. אין יענער צייט האָט דער ייִדישער ציבור אין פּוילן נאָר געפירט אַ פּאָליטישן און קולטורעלן קאַמף צו ווײַזן דער דייטשישער מאַכט ווער עס איז דער פאַקטישער פאָרשטייער פון די ייִדישע מאַסן. די אַרבעט איז דעריבער אויך ביי אונדז אין האַנטווערקער פאַריין געווען אַ קולטורעלע און אַ פּאָליטישע. רעפעראַטן זענען פאָרגעקומען זייער אָפט. ס'איז געענדערט געוואָרן דער נאָמען פון קלוב, אויף „צענטראַלער האַנטווערקער־פאַריין“. דערביי זענען געטראָפן געוואָרן די מיטגלידער און צווישן זיי אַ סך מעסיקע, וואָס זענען נישט געווען קיין זעלבסטשטענדיקע מייסטער, אָבער זיי זענען געבליבן ווייטער מיטגלידער, מיטן אויסנאַם פון עטלעכע, וואָס זענען אַוועק, ווייל די פּאָליטישע פּאַרטייען

זענען געוואָרן לעגאַל און אַ סך זענען דעריבער אַריין אין פּאָליטישע לינקע פּאַרטייען. איין עקאָנאָמישע אַרבעט וואָס מיר האָבן יאָ געטון איז געווען דאָס שאַפן אַ ביליקן בופעט פאַר די מיטגלידער. צו דער אַרבעט האָבן זיך אַ סך חברים געווידמעט און איך אויך בתוכם. מען האָט געקאָכט און גע־בראָטן און באַזאָרגט די מיטגלידער אַ ביליקן נאַכטמאָל. מיר האָבן זיך געווידמעט צו דער אַרבעט מיט אַזאַ ברען, ווייל די פריערדיקע אַסימיליאַ־טאָרישע פאַרוואַלטונג, ווען זי איז אַוועק, האָט זי אויך צוגענומען די שטיצע וואָס די גמינע פלעגט געבן דעם קלוב פאַר נויטבאַדערפטיקע, און זיי האָבן מיט די געלטער געשאַפן אַ ביליגע טיי־האַלע פאַר אָרעמע האַנטווערקער. מיר האָבן די זאַך גענזען אַלס פאַרראַט, און מיר האָבן אַנגעהויבן מיט איי־גענע מיטלען שאַפן אַ נויט־פאָנד. צו דעם צוועק האָבן מיר איינגעאָרדנט אַ פּאָר אָוונטן ווו מיר האָבן אויפגעקלערט די לאַגע. ראַסנער איז דאַן אַרויס איינמאָל אויף אַ פאַרזאַמלונג מיט אַזאַ פייערדיקער רעדע, אַז מען האָט אַנגעפאַנגען אַראָפּנעמען פון די פינגער די גאָלדענע פינגערלעך און געבן פאַרן נויט־פאָנד. אמת, אַז די דעמאָלטדיקע יידישע ספערן האָבן געהאַט ווייניק צוטרוי צו אַזעלכע רעוואָלוציאָנערן ווי מיר זענען געווען, וואָס האָבן געהאַט די חוצפה אַראָפּצוואַרפן פון די בענקלעך אַזעלכע וויכטיקע הערן, ווי טשערניאַקאָוו, פּאָזנאַנסקי און קיילין און נאָך אַ פּאָר רייכע האַנט־ווערקער. אָבער מיר האָבן געפילט אַז דער מאָרגן געהערט צו אונדז. און מען האָט געאַרבעט אומדערמידלעך צו דערהאַלטן דעם פאַריין. איבערהויפּט האָט געאַרבעט ה׳ באַגאַטי און בורגין און אויך פינער האָט געהיט די ווירט־שאַפט, כאָטש ער איז נישט געווען אינגאַנצן איינשטימיק מיט אונדזער פּאָליטיק, נאָר ער האָט געזאָגט, ווו די האַנטווערקער זענען — מוז ער אויך זיין. איך האָב זיך געווידמעט דער קולטור־אַרבעט, דער ביבליאָטעק און לייען־זאַל, דעם איינאָרדענען רעפעראַטן. איך האָב געהאַלטן, אַז אויב מיר ווילן זיין אַ באַוועגונג, מוזן מיר דערציִען די מיטגלידער זיי זאָלן זיין אַ חוץ אַן עקאָנאָמיש־צוזאַמענגעשטעלטער כוח, אויך אַ גייסטיק קולטורע־לער כוח. דאַן וועלן מיר האָבן אַ צוקונפט.

איינע פון די פּרוּוון וואָס די דעמאָקראַטישע פאַרוואַלטונג האָט גענומען דורכפירן, לויט די באַשלוסן פון דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג, איז געווען דאָס גרינדן פון אַ פרעבל־שולע אין דער יידישער שפּראַך פאַר די קינדער

ג. ח.

דערמיט האָבן מיר רעם כבוד אייך
איינצולאַדן אויף דעם פאַמיליע־
חנוכה־אָוונד, וועלכער קומט פאָר
זונטאָג דעם 9־טן דעצעמבער ה. י.
(דאָס דריטע חנוכה ליכטל) 8 אָוונט
אין אינזער לאָקאַל נאַלעווקי 2ª.

די קולטור קאָמיסיע
ביי דער וואַרשעווער
אָרגאַניזאַציע.

פ ר אָ ג ר אַ ם!

1) עפענונג: מוזיק האַנדווערקער הימן

I. ליטעראַרישער טייל.

2) רעפעראַטן (וועגן די באַדייטונג פון חנוכה)
3) דעקלאַמאַציעס

II. קאָנצערט טייל

4) געזאַנג,
5) אָרקעסטער

III. איין אַקטער

6) «מענטשען» שלום עליכים
7) אָרקעסטער

(טעקסט פון דער פאַרבעטונג צום חנוכה־אָוונט פון דעם האַנטווערקער־פאַריין אין וואַרשע)

פון אונדזערע מיטגלידער. מען האָט אָנגעהויבן מאַכן אַ רשימה פון די קינ־דער, וואָס ווילן לערנען אין דער דאָזיקער שול. עס האָט זיך אָנגעקליבן אַ צאָל, דאַכט זיך, פון אַ 30 אָדער 40 קינדער. אינזשיניער באגאטי איז גע־ווען דער לעבעדיקער נערוו פון אַלע אַרבעטן. דער זשורנאַליסט אָשר פּע־רעלמאַן האָט אונדז געהאָלפן געפינען די פּרעבליסטינס און כאַראַקטעריס־טיש איז, אַז זייער יידיש האָט געקלונגען מיט אַ פּוילישן אַקצענט. אַז איך האָב דאָס אויפמערקזאַם געמאַכט פּערעלמאַנען, האָט ער געזאָגט, אַז די וואָס האָבן געענדיקט דעם סעמינאַר אין דער פּוילישער שפּראַך זענען די בעסטע פּרעבליסטינס און ווירקלעך איז דאַך ביז דאַן נישט געווען קיין לערער־סעמינאַר, נישט אין דער יידישער שפּראַך און דאַכט זיך אויך נישט אין דער פּוילישער שפּראַך פאַר יידן.

עס איז אָנגעקומען חנוכה און מיר האָבן זיך געגרייט צו מאַכן גלייכ־צייטיק אַ חנוכה־אָוונט און אויך די פייערלעכע דערעפענונג פון דער שולע. דערצו נאָך האָב איך פאַרפאַסט אַ שיר לכבוד דער פייערונג. דאָס איז דאַכט זיך געווען מיין ערשטער שיר, וואָס איך האָב עפנטלעך געלייענט פאַר אַ פּובליקום פון אַ פאַר הונדערט מענטשן, כאָטש איך ווייס, אַז דאָס ליד האָט מער אַ פאָלקלאָריסטישע באַדייטונג ווי אַ קינסטלערישע, איז עס אָבער כאַראַקטעריסטיש פאַר יענער צייט, וואָס עס האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין מוח פון אַ יידישן בעל־מלאכה. איך וואָלט געוווּנטשן אַלע דיכטער, אַז ווען זיי וועלן לייענען זייערע שאַפונגען, זאָלן זיי האָבן אַזאַ דערפאָלג ווי איך האָב געהאַט.

איך ברענג דאָ דעם אינהאַלט פון דעם דאָזיקן ליד, וואָס איז שוין היינט אויך אַ היסטאָרישער דאָקומענט און באַווייזט אונדזער דעמאָלסטיקן געמיט־צושטאַנד.

דאָס ליד טראָגט דעם נאָמען „אין אַ פרעמדן בלומען־גאָרטן“:

אין אַ פרעמדן בלומען־גאָרטן

א

אין אַ פרעמדן בלומען־גאָרטן
האָט מען קינד מיינס, דיך פאַרפירט,
און אויף פרעמדע בלומען־בייטן
האָט מען קינד, מיט דיר שפּאַצירט.

ב

קאַלטע, פרעמדע זונען שטראַלן
פלעגן לייכטן דיינע וועגן.
און פאַרבלאָנדזשען פלעגסטו קינד מיינס,
אויף פרעמדע, קרומע, שמאָלע שטעגן.

ג

עס פלעגן, קינד מיינס, דיך פאַרוויגן
פרעמדע זיסע צויבער־קלאַנגען
און דאָך באַפרידיקט פלעגט נישט ווערן
דיינע קינדערשע פאַרלאַנגען.

ד

ביז דו האָסט זיך קינד, צעוויינט זיך,
טאַטע! איז מיר באַנג געוואָרן,
זינג אַ לידל מיר אַ יידישס
אויך פון דיינע קינדער־יאָרן.

ה

שווייג־זשע, קינד מיינס, כ׳וועל דיר זינגען,
ס׳איז אַמאָל געווען אַ מלך,
ס׳איז אַ לידל פון פּאַרצייטן.
כ׳זע מיין קינד, דו ווערסט שוין פריילעך.

ו

כ׳וועל דיך פירן אינעם גאָרטן,
ווו יעדעס בלימל לאַכט אַנטקעגן,
דאָרטן וועט מען זינגען לידער,
דיר אַ סך פאַר דיינעטוועגן.

ז

דאָרטן וועסטו לאַכן יידיש,
זינגען דיינע שיינע לידער,
ס׳וועט דיין הערצל פריילעך קלאַפּן,
וועסט שוין מער נישט וויינען ווידער...

ח

דאָרטן איז די זון אַ מאַמע,
און די שטראַלן זענען שוועסטער,
דאָרטן וועט מען אַ וועג דיר ווייזן,
אַ וועג מיין קינד, פאַר דיר דער בעסטער.

ט

דאָרטן וועסטו דערצויגן ווערן,
אַלס אַ קינד פון פאָלק דעם אַלטן,
מ׳וועט אַ פאָן אין האַנט דיר געבן,
זאָלסטו, קינד מיינס, פעסט אים האַלטן.

אַזעלכע אָוונטן זענען פאָרגעקומען פיל, ווו די מיטגלידער האָבן זיך גייסטיק און קולטורעל אויסגעלעבט, און עס האָט זיך געדאַכט, אַז אַ נייע שיינע וועלט גייט אויף נאָכן פאַרענדיקן פון דער מלחמה. ווען נישט, צו וואָס איז דאָס גרויסעליידן פון מיליאָנען? די עקאָנאָמישע און מאַטעריעלע ליידן פון יעדן יחיד זענען באַטראַכט געוואָרן ווי אַ קרבן, וואָס יעדער גיט צושטייער עס זאָל געשאַפן ווערן אַ בעסערע וועלט. און די ליידן זענען דער־פאַר גרינגער איבערגעטראָגן געוואָרן. אין וואַרשע האָט מען כמעט פאַר־געסן, אַז ערגעץ ווו פירט זיך אַ גרויזאַמע מלחמה, מען איז נאָר געווען אַריינגעטון אין פאָרמירן און קאָאָרדינירן די פּאָליטישע און נאַציאָנאַלע פאָדערונגען, און עס האָט זיך דאַן געפילט אַן אינסטינקטיווע דאַנקבאַרקייט, וואָס די דייטשן האָבן געבראַכט די באַדינגונגען, אַז די יידישע מאַסן זאָלן זיך קענען געזעלשאַפטלעך און קולטורעל אויסלעבן. אין וואַרשע האָט זיך אַפילו געגרינדעט אַ יידישע צייטונג „וואַרשעווער טאָגעבלאַט", וואָס האָט געפירט פראָפּאַגאַנדע פאַרן זיג פון דייטשלאַנד

קאַפּיטל אַכט

די גרינדונג פון דער פאָלקס־פאַרטיי

די גרינדונג פון דער פאָלקס־פאַרטיי איז אויסגעפאַלן אין דער קאדענץ פון דער דעמאָקראַטישער פאַרוואַלטונג. די דייטשע מאַכט האָט געוואָלט געבן דעם פוילישן פאָלק עפּעס אַ סימן פון זעלבסטשטענדיקייט, האָט זי אויסגעאַרבעט אַ וואַל־אָרדינאַציע צום שטאָטראַט, ווו די באַפעלקערונג איז איינגעטיילט געוואָרן אין קוריעס. און אין די העכערע קוריעס פון סוחרים און הויז־אייגנטימער, פאַבריקאַנטן אאַז״וו, איז געשאַפן געוואָרן אַ פאַר־שטענדיקונג צווישן יידן און קריסטן. מצד די יידן האָט געפירט די פאַר־האַנדלונגען ר׳ העשל פאַרבשטיין און עס איז באַשטימט געוואָרן, אַז יידן באַקומען 15 מאַנדאַטן. אַ סך דעמאָקראַטישע טוער, סיי ציוניסטן און סיי נישט־ציוניסטן זענען אַרויסגעטרעטן קעגן דער דאָזיקער פאַרשטענדיקונג, ווייל זיי האָבן געטענהט, אַז אונדז קומט, לויט דער צאָל פון דער יידישער באַפעלקערונג; העכער 30 מאַנדאַטן.

וואַרשיינלעך האָט פאַרבשטיין געהאַט זיינע מאָטיוון, אָבער די פּרעסע האָט אַטאַקירט דעם אָפּמאַך. עס איז נאָך געבליבן די 6סטע קוריע, ווו די קאָנסאָלידאַציע האָט נישט פאַרפליכטעט, און עס איז אַריינגעטראָגן געוואָרן אַ ליסטע. אויף דער ליסטע האָבן פיגורירט: נח פּרילוצקי, ה. ד. נאָמבערג, שמואל הירשהאָרן, פּראָפ׳ וואַלפאָוויטש. אויך ציוניסטן זענען געווען אויף דער ליסטע, ווי אינזשיניער אפרון, איל. שאַלקאָוויטש (בן אביגדור) הערש־ליקאָוויטש, ש. ב. רוזאַני און אַנדערע. די קוריע איז געווען אַן אַרבעטער־קוריע, ד״ה, די וואָס באַזיצן נישט קיין פאַרמעגנס און געשעפטן, עמך. די וואַלן האָבן געגעבן אַן אומגעהייערן נצחון. עס זענען דורכגעפירט געוואָרן

5 אָדער 6 מאַנדאַטן. נח פּרילוצקי, אַלס זיגער פון דער ליסטע האָט געוואָלט אויסנוצן דעם נצחון און האָט באַשלאָסן צו גרינדן אַ פּאַרטיי. ווי זאָל הייסן די פּאַרטיי? — „פאָלקס פּאַרטיי". דאָס פאָלק האָט אויסגעדריקט זיין ווילן, דאַרף מען שאַפן אַ פּאַרטיי פאַרן פאָלק, און עס האָבן זיך אָנגעהויבן באַראַטונגען און פאַרזאַמלונגען. איך האָב אויך געשטימט פאַר דער ליסטע. איך בין אויך אַריין אין דער פאָלקס־פּאַרטיי. נאַטירלעך האָט מען אויסגענוצט אונדזער זאַל פאַר די פאַרזאַמלונגען און באַראַטונגען. אויך אין ליטעראַטן־פאַריין זענען פאָרגעקומען באַראַטונגען און איך געדענק די פאָרמולירונג פון ה. ד. נאָמבערג וועגן דעם זין פון דער נייער פּאַרטיי. מיר ווילן שאַפן אַן אַדרעס פאַרן פאָלק, פאַרן פשוטן פאָלק, פאַר די האַנטווערקער, קליינהענדלער, פשעקופּקעס, די אַלע דאַרפן אַן אַדרעס, און דער אַדרעס וועט זיין די פאָלקס־פּאַרטיי. אויך חיים ראסנער, אַלס האַנטווערקער־פאָרשטייער איז דאַן געוואָרן ראַטמאַן פון וואַרשעווער שטאָטראַט פון דער ליסטע פון דער נייער פּאַרטיי.

נאָך אַ וויכטיקע אַרבעט וואָס די דעמאָקראַטישע פאַרוואַלטונג האָט דורכגעפירט איז געווען דאָס שאַפן אַ סטאַטוט פאַרן האַנטווערקער־פאַריין. די דיסקוסיעס אַרום דער פראַגע האָבן זיך געצויגן אַ סך אָוונטן. אַ סך זענען געווען קעגן, אַז עס זאָל נאָר זיין אַ מייסטער־פאַריין, און אַנדערע האָבן געזאָגט: ווי קאָן מען אַרייננעמען אַרבעטער, דאַן וועט מען דאַרף באַטראַכטן אויך קלאַסן־אינטערעסן. סוף־סוף איז מען צוגעטרעטן צו דער אָפּשטימונג, און עס איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז מיטגלידער קאָנען זיין נאָר זעלבסט־שטענדיקע האַנטווערקער.

קאַפּיטל ניין

דער ערשטער קריזיס און זיין אויסגאַנג

אין צווישן איז די פאַרוואַלטונג אַריין אין גרויסע חובות. בלויז דירה־געלט האָט געקאָסט 100 רובל אַ חודש. דעם ביוראָ־פּערסאָנאַל איז געקומען פאַר אַ פאָר מאָנאַטן געהאַלט. בורגין האָט נעבעך געמוזט, ווענדיק ראַטע־ווען דעם ביודזשעט, איינאָרדענען קאָנצערטן פון יינגלעך און מיידלעך, אָבער דאָס האָט אויך קיין סך נישט געהאָלפן, און די פאַרוואַלטונג האָט באַשלאָסן צו מאַכן נייע וואַלן. עס איז פאָרגעקומען אַ פאָרוואַל־פאַרזאַמלונג ווו די פאַרוואַלטונג האָט אויסגעהערט שאַרפע קריטיק. די פרעבל־שולע איז אַריבער אויף נאָוואָליפּקי 17, אונטערן שוץ פון די שולעס, וואָס זענען געווען אונטער דער לייטונג פון יעקב דינעזאָן און וולאַדימיר מעדעם. דער פאַריין איז געבליבן כמעט הפקר, ווער עס האָט געוואָלט האָט געקענט נע־מען די מאַכט. עס האָט זיך געשאַפן אַ גרופּע וואָס האָט זיך געשטעלט די אויפגאַבע צו ווירקן אַז אינזש׳ טשערניאַקאָוו זאָל צוריק איבערנעמען דעם פאָרזיץ און אַריין אין פאַריין. נאָך פאַרשיידענע אונטערהאַנדלונגען האָט טשערניאַקאָוו מסכים געווען און עס איז געשאַפן געוואָרן אַ נייע פאַר־וואַלטונג.

די פאַרוואַלטונג האָט ווירקלעך מצליח געווען אין איר אַרבעט און האָט נאָך איר קאַדענץ אָפּגעדרוקט אַ באַריכט, אין וועלכן עס קומען צום אויסדרוק אַלע אירע אויפטוען.

היינט, נאָך אַזוי פיל יאָר, איז דער דאָזיקער באַריכט שוין אַ היסטאָ־רישער דאָקומענט, וואָס שפּיגלט־אָפּ די געשיכטע פון אַ וויכטיקער יידישער פאָלקסטימלעכער באַוועגונג און ער פאַרדינט דעריבער געבראַכט צו ווערן:

בעריכט

פון דער פערוואַלטונגס־טעטיגקייט

פון

צענטראַל־יודישען האנדווערקער־פעראיין

אין וואַרשא.

פאַר דער צייט פון יוני 1917

ביז סעפטעמבער 1918.

אלימלך ראק

באריכט פון דער פארוואלטונגס־טעטיקייט פון צענטראל־יידישן האנטווערקער־פאריין פאר דער צייט פון יולי 1917 ביז דעם 1טן סעפטעמבער 1918

די קאנסטיטוירטע פארוואלטונג אין יוני 1917 האט איבערגענומען די פירונג פון פאריין אין אן אויסערגעוויינלעך קריטישן מאמענט, אין וועלכן די געזעלשאפט האט זיך געפונען. עס האט געפעלט מיטלען, פיל חובות, דעם לאקאל אפגעזאגט, דאס אלץ האט באדראעט נישט נאר מיט א מאטעריעלע קאטאסטראפע, נאר עס האט אויך געקאנט פירן צו א רויניזירונג פון דער גאנצער געזעלשאפט, וועלכע איז אויפגעשטעלט געווארן מיט אזויפיל מי און שווייס, א שאדן אן אומגעהייערער פאר די אויסזיכטן פון ווארשעווער יידישן האנטווערקער אין א מאמענט ווי דער איצטיקער, וועלכער איז אזוי וויכטיק.

די דאזיקע וויטיקן זענען אבער גארנישט געווען אין פארגלייך מיט די אומגעזונטע דערשיינונגען, וועלכע האבן זיך אנגעהויבן צו באווייזן אינעם לעבן פון דער געזעלשאפט. מחלוקת אויפן גרונט פון פארטיי־רייבונגען. די ארויסגערוקטע אויפן ערשטן פלאן פערזענלעכע אמביציעס פון אייניצלנע פערזאנען, און דאס נישט־האבן דעם געפיל פון פאראנטווארטלעכקייט, האט באזייטיקט פון פאריין פיל גוט־דענקנדיקע האנטווערקער, גאנצע פאכן ווי אויך די אינטעליגענץ, וועלכע שאפנדיק דעם פאריין, האט דאך נישט געוואלט אונטערגעבן זיך אונטער דער אנפירונג פון דער אדער יענער פארטיי און האבנדיק אויפגעשריבן אויפן פאן די לאזונג:

„דורך האנטווערקער פאר האנטווערקער"

האבן זיי געוואלט ווייטער ארבעטן לטובת דעם יידישן האנטווערקער.

מען האט אלזא באדארפט צום צווייטן מאל אנהייבן די ארבעט און אויפסניי אויפמונטערן צום לעבן די שטארבנדיקע געזעלשאפט. די אויפבויאונגס־ארבעט האט מען באדארפט אנהייבן פון אינעווייניק אזוי אויך פון דרויסן. צוליב די אורזאכן האט זיך די טעטיקייט פון דער פארוואלטונג אנגעהויבן אנטוויקלען אין צוויי ריכטונגען, האבנדיק די אויפגאבע פון איין זייט צו פארזיכערן דעם פאריין דעם מאטעריעלן פונדאמענט, און פון דער צווייטער זייט באקומען א מאראלישן קרעדיט אזוי צווישן די האנטווערקער־ספערן ווי אויך ביי דער אלגעמיינער געזעלשאפט.

די ביידע ארט טעטיקייטן זענען אויסגעפירט געווארן דורך דער פארוואלטונג מיטן העכסטן דערפאלג אין דער גרעסטער מאס.

די פראטאקאלן פון די פארזאמלונגען שפיגלען אפ די גאנצע טעטיקייט פון דער פארוואלטונג. אין דעם איצטיקן באריכט ווערט נאר איבערגעגעבן אן אויס־

צוג פון די וויכטיקסטע ענינים, וועלכע זענען אויסגעפירט געוואָרן דורך דער פאַרוואַלטונג פונעם פאַריין און אויך וועגן די שטרעבונגען, וועלכע זענען אָנגעצייכנט געוואָרן אויף דער צוקונפט, ווי: ס׳איז אויסגעצאָלט געוואָרן די חובות פון פאַריין, ס׳איז פאַרבינדן געוואָרן באַציונגען מיט די פּראָווינצער פאַריינען צווישן אַנדערע אויך מיטן ציל צונויפצורופן אַ צוזאַמענפאָר פון אַלע יידישע האַנטווערקער אין פּוילן, ס׳איז אויסגעאַרבעט געוואָרן אַ רעגולאַמין פון דעם דאָזיקן צוזאַמענפאָר וועלכער איז באַשטעטיקט געוואָרן דורך דעם פּראָווינצער יידישן האַנטווערקער־צוזאַמענפאָר אין לאָדזשער קרייז, ס׳איז געעפנט געוואָרן אַ קיך און ס׳איז באַנייט געוואָרן די טעטיקייט פון בופעט, ס׳איז געעפנט געוואָרן אַ הלוואות־קאַסע, ס׳איז באַאַרבעט געוואָרן אַגיטאַציאָנס־אויפרופן, מ׳האָט זיך באַמיט וועגן קאָקס אין דעם גאַז־אַנשטאַלט פאַר די פאַריינס־מיטגלידער, ס׳איז געזאַמלט געוואָרן מאַטעריאַל וועגן צעך־פראַגן, ס׳איז איינגעאָרדנט געוואָרן אַ שול אויף ימים־טובים, מ׳האָט זיך באַמיט, אַז מען זאָל פאַרקלענערן דעם שול־אָפּצאָל פאַר די קינדער פון פאַריינס־מיטגלידער, ס׳איז געעפנט געוואָרן ביים פאַריין אַ דערווייליקער דעלעגאַטן־ראָט פון די יידישע האַנטווערקער־פאַריינען און באַאַרבעט איר רעגולאַמין, מ׳האָט פאַרבינדן באַציונגען מיטן מיניסטעריום פאַר האַנדל און אינדוסטריע און איינגעאָרדנט קאָנפערענצן מיט די פאָרשטייער פון די מיניסטעריומס, ס׳איז אָרגאַניזירט געוואָרן ביים פאַריין סעקציעס: פון קאַמאַשן־מאַכער, בראַנדז־מייסטער, גראַפיקער, סטאָלאַרעס, האָלץ־טאָקער, שפּילקאָרע־שוסטער און מעכאַנישע, לעדער־גאַלאַנטעריי־פאַך, ס׳איז געשאַפן געוואָרן אַ סטאַטיסטישע קאָמיסיע און ס׳איז געשיקט געוואָרן פאָרשטייער צו אַזאַ קאָמיסיע ביים מאַגיסטראַט, ס׳איז געגרינדעט געוואָרן אַן אָרגאַניזאַציאָנס־קאָמיסיע צום האַנטווערקער־צוזאַמענפאָר, ס׳איז אויסגעפירט געוואָרן אַ רייע פאַמיליען־אָוונטן, ס׳איז בייגעוווינט געוואָרן — בישט קוקנדיק אויף אַלע שטערונגען — אויף דער קאָנפערענץ מיטן האָלענדישן דעלעגאַט אין דער פראַגע וועגן צעטיילן די שטיצע פון אויסלאַנד — און דאָס פאָדערן די רעכט פון אַ שטענדיקע יידישע האַנטווערקער־רעפּרעזענטאַנץ ביי צעטיילן די געלטער, מ׳האָט באַקומען אַ יום־טוב־שטיצע פאַר די מיטגלידער פון צענטראַל־יידישן האַנטווערקער פאַריין און זיינע נאָענטע פאַריינען אויף אַ סומע פון 12.285 מאַרק, און אַ שטענדיקע חודש־סובסידיום פאַרן פאַריין אויף אַ סומע פון 5.000 מאַרק. ס׳איז געשאַפן געוואָרן — נישט קוקנדיק אויף אַלע שטערונגען — אַ וואַל־קאָמיטעט צו די גמינע־וואַלן, וועלכע האָט איינגעאָרדנט אַ רייע פאַרזאַמלונגען וועגן דער פראַגע, ס׳איז אונטערגעשטיצט געוואָרן דאָס אָרגאַניזירן די ערשטע קאָאָפּעראַטיוון פון רויע מאַטעריאַלן פאַר די האַנטווערקער, ס׳איז אויסגעאַרבעט געוואָרן אַ פּראָגראַם וועגן האָבן אַן אויפזיכט איבער די יונגע האַנטווערקער, ס׳איז אויך אויסגעאַרבעט געוואָרן אַ רעגולאַמין פאַר דער קאַסע אויפן פאַל פון טויט, אַ רעגולאַמין פון דער קראַנקן־קאַסע, ס׳איז געזאַמלט געוואָרן מאַטעריאַלן מיטן ציל אויסצואַרבעטן נייע פאָרשריפטן פאַרן פאַריין, ס׳איז איינגע־

ארדנט געוואָרן אַ ביוראָ און אַ סעקרעטאַריאַט אין פאַריין, און איינרעגולירט אין איינקאַסע ווי אויך אַנגענומען די געהעריקע מיטלען, וואָס זאָלן מאַכן מעגלעך די עקזיסטענץ פון פאַריין.

דאָס אַלץ איז אין הויפּטשטריכן אַ בילד פון דער טעטיקייט פון דער פאַרוואַלטונג, ווען די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג האָט אין סעפּטעמבער ה"י איבערגעגעבן ווייטער צו פירן איר טעטיקייט אין פאַרלויף פון 6 וואָכן.

יידישער האַנטווערקער, אין דיינע ערלעכע הענט פון שווערער אַרבעט, גיבן מיר איבער דעם רעזולטאַט פון אונדזער טעטיקייט און מיט שטאָלץ קענען מיר זאָגן, אַז אין דעם איצטיקן מאָמענט האָסטו זיך נישט צו שעמען מיט דיין פאַריין.

דו האָסט אויפגעהויבן דיין שטימע, וועלכע ווערט איצט געהערט דורך דער גאַנצער געזעלשאַפט, און נישט איינמאָל האָסט דו אַרויסגעוויזן דיין כוח און אייניקייט און דערביי מיט אַ הויך קול דערמאָנט וועגן די רעכט, וועלכע עס קומט דיר אַלס פּראָדוקטיווסטער עלעמענט צווישן יידישן פאָלק. עס האָבן דיך נישט איבערגעשראָקן די שטייגער, וועלכע זענען געוואָרפן געוואָרן פון הינטער אַ פאַרקאַן פון דיינע מבלומרשטע פריינט. עס האָט דיך נישט אָפּגעהאַלטן דער גרעסטער פאַרראַט, וואָס איז אָפט געקומען פון דיינע אייגענע רייען. אין דער צייט ווען עס איז געגאַנגען וועגן דער ערע פון דיין שטאַנד האָסטו דיין וואָרט געזאָגט און האָסט זיך נישט געלאָזט אַראָפּפירן פון גלייכן וועג, כדי צו באַקומען די מעגלעכקייט צו שטיצן דיינע אייגענע רעכט דורך אַן אייגענע פאַרשטייערשאַפט.

אויף דעם וועג ביסטו געגאַנגען, יידישער האַנטווערקער, און וועסט ווייטער גיין פאַר דעם וויל פון די צוקונפטיקע דורות, און פאַרן וויל פון לאַנד, וועלכעס פאַרייניקט דיך מיט די אַנדערע בירגער פון לאַנד.

פאַריינס־סטאַטיסטיק

דער פאַריין האָט געציילט מיטגלידער און פאַכן

יאָר	מיטגלידער	פאַכן
1915	120	—
1913	491	36
1917	1406	103
1918	2035	103

די גרעסטע צאָל מיטגלידער זענען די שניידער, וועלכע ציילן 396, נאָכהער קומען די קאַמאַשנמאַכער, וועלכע ציילן 251, סטאָלאַרעס 83, יובילירער 64, צוקער־

לעך־פּאַבריקאַנטן 61, שוסטערס 60, טאָקערס 60, שלאָסער 55, איינבינדער 45, טעכניקער 44, שמוקלער 42, פּאַבריקאַנטן פון לעדער־גאַלאַנטעריי 42, בלאַכאַרעס 40, דרוקערס 39, קאַפּעלושנמאַכער 39, מאַלאַרעס 32, העפטער 30, טאַפּעצירער 25, זייגערמאַכער 23, עלעקטראָטעכניקער 20, רימאַרעס 20, מעכאַניקער 18, גראַווירער 18 אאַז״וו.

באַריכט פון דער ווירטשאַפטס־קאָמיסיע

דער מאַטעריעלער קריטישער צושטאַנד פון פיל פאַריינס־מיטגלידער דערלויבט זיי נישט צו דערנערן זיך אין דער היים. אַריינדרינגענדיק אין די באַדערפעונישן פון די דאָזיקע מיטגלידער, האָט די פאַרוואַלטונג אין דעצעמבער 1917 צונויפגערופן אַ קאָמיסיע מיטן ציל איינצואָרדענען אַ קיך אין לאָקאַל פון פאַריין, נאָר דאָס פעלן פון מיטלען האָבן דאָך נישט דערלויבט די אויפגאַבע אויסצופירן. די קיך האָט איצט אָנגעהויבן צו זיין טעטיק דעם 6טן יאַנואַר 1918 אַ דאַנק דער פּריוואַטער שטיצע, וואָס עס איז דערהאַלטן געוואָרן פון קאָנסול באַלעסלאַוו אייגער. די פאַרוואַלטונג פון דער קיך באַשטייט פון: אַ ווירטשאַפטס־קאָמיסיע: ט. ניסענסאָן (פאָרזיצער) און א. גאָלדבערג (ווירטשאַפטס־פירער).

די קיך באַשעפטיקט אַ פּערסאָנאַל פון 4 פּערזאָן.

די מיטיקן אין דעם חודש וועט עס ווערט געמאַכט דער באַריכט באַשטייען פון אַ זופּ, פלייש (4 לויט) און אַ געמיזע. דער פּרייז פון מיטיק איז 2 מאַרק.

	צאָל מיטגלידער	צאָל פלייש־פּאָרציעס	צאָל זופּן	אוונט־עסנס
יאַנואַר — — — — — — — — —	932	44	59	247
פעברואַר — — — — — — — —	843	88	88	550
מערץ — — — — — — — — —	735	104	101	400
אַפּריל — — — — — — — — —	1002	117	69	143
מאַי — — — — — — — — — —	1365	97	113	—
יוני — — — — — — — — — —	1498	128	54	—
יולי — — — — — — — — — —	1449	91	31	—
אויגוסט — — — — — — — — —	948	54	28	—
	8772	783	543	1340

פאָרזיצער פון דער ווירטשאַפטס־קאָמיסיע ט. ניסענזאָן.

אלימלך ראק

באַריכט פון דער קולטור־קאָמיסיע

אין פאַרלויף פון יאר זענען פאָרגעקומען פאָלגנדיקע פאַרלעזונגען:

אינזש' אדאַם טשערניאַקאָוו: **וועגן בערג־בוי (אַ פאַרלעזונג אילוסטרירט מיט לעבעדיקע בילדער).**

ד"ר פעליציא טשערניאַקאָוו: **„קאַשטשושקאָ און יידן".**

ז. טיגעל: „**די יידישע קהילה".**

ז. טיגעל: „**דער יידישער האַנטווערקער און זיינע אויפגאַבן אין איצטיקן מאָמענט".**

ד"ר גאָטליב: „**טעאָדאָר הערצל".**

ד"ר היינריך אדעלפאנג: „**די מיטלען צו פאַרהיטן זיך קעגן אַנשטעקנדיקע קראַנקהייטן".**

אדוו' י. גרינבוים: „**די יידישע קהילה און דער האַנטווערקער".**

פון די אַרבעטן, וועלכע פאַרדינען זיי זאָלן דערמאָנט ווערן, געהערן אויך דאָס, וואָס די קולטור־קאָמיסיע האָט צוגעטיילט שטיצע דער שטורקאַטור־שולע, און געמאַכט אַן אויספלוג מיט די פאַריינס־מיטגלידער אין דער האַנטווערקער־שולע ביי דער יידישער גמינע, כדי צו באַקענען זיך מיט די האַנטווערקער־אויס־אַרבעטונגען פון יענער שולע.

אין געשפּרעכן אויף פאַרשיידענע טעמעס זענען אַרויסגעטראָטן די ה"ה: ראַק, רוזשאַני, מ. בורשטיין, שוואַרצבערג און סטוד' ווייספאַטער.

באַריכט פון דער סטאַטיסטישער־קאָמיסיע

צוליב דעם וואָס עס פעלט סטאַטיסטיש מאַטעריאַל האָבן אונדזערע טעטיקע מיטגלידער גרויסע שוועריקייטן ביים וועלן אויפהייבן דעם האַנטווערקער מצב, און קענען נישט געפונען די ריכטיקע מיטלען, וואָס איז נייטיק דורכצופירן די רעפאָרמען פאַרן יידישן האַנטווערקער.

אין פאַריין זענען שוין אייניקע מאָל געמאַכט געוואָרן פרוון מיטן ציל צו זאַמלען סטאַטיסטיש־מאַטעריאַל כאָטש אינעם קלענערן מאַסשטאַב, האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז אַזאַ אַרט אַרבעט איז איבערגעוואַקסן די כוחות און די מיטלען פון אונדזער פאַריין פשוט צוליב דעם, ווייל פריער דאַרף דורכגעפירט ווערן אַ רעגיסט־ראַציע פון אַלע האַנטווערקער־ווערקשטאַטן. אַ פאַרוואַלטונגס־פאַרשטייער פון אונ־דזער פאַריין האָט אַנטייל גענומען אין דער רעגיסטראַציאָנס־קאָמיסיע ביים וואַר־שעווער מאַגיסטראַט, וועלכער האָט די דערמאָנטע רעגיסטראַציע גענומען אין אירע הענט און האָט זי דורכגעפירט מיט דער הילף פון דער שטאָטישער מיליציע. צוליב דעם, וואָס פיל מיטגלידער פון צענטראַל־יידשן האַנטווערקער־פאַריין האָבן נישט דערהאַלטן פון דער שטאָטישער מיליציע די געהעריקע רעגיסטראַציאָנס־בלאַנקעטן

האָט די פאַרוואַלטונג פון פאַריין מודיע געווען די אויבנדערמאָנטע קאָמיסיע, אַז די דורכגעפירטע רעגיסטראַציע וועט אַנטהאַלטן באַדייטנדיקע פעלערן.

אַ מיטגלידער פון דער סטאַטיסטישער קאָמיסיע ה׳ העלמאַן האָט באַאַרבעט געגוי דעם צושטאַנד פון קנעפּ און צעלולאָיד און נאָך אַנדערע בראַנזשן. די באַ־אַרבעטונג האָט ה׳ העלמאַן איבערגעגעבן דעם מיניסטעריום פון האַנדל און אינ־דוסטריע.

די סטאַטיסטישע קאָמיסיע האָט צונויפגענומען ביי אייניקע פאַריינס־מיטגלידער אויספירלעך מאַטעריאַל וועגן דעם צושטאַנד פון זייערע פאַכן.

באַריכט פון דער שידס־קאָמיסיע ביים צענטראַל־יידישן האַנטווערקער פאַריין

אין פאַרלויף פון דעם יאָר האָט די קאָמיסיע דערליידיקט פיל ענינים, די אָנקלאַגעס זענען געווען באַדייטנדיקע, און ביי פיל פאַלן זענען זיי געווען שטאַרק פאַרוויקלט.

אויף דער טעטיקייט פון דער קאָמיסיע איז נישט אַריינגעטראָגן געוואָרן קיין שום אָנקלאַגעס פון די פאַראינטערעסירטע פערזאָנען. צוליב דעם, וואָס די קאָמיסיע פירט־אויס אירע פליכטן אומזיסט, אייגנברעגנענדיק אַזוי־אַרום פיל געלט וואָס מען וואָלט באַדאַרפט אויסגעבן אויף געריכטס־קאָסטן, ווערט אויפמערקזאַם געמאַכט די מיטגלידער, אַז אין פאַל פון אַ סכסוך, זיך שטענדיק ווענדן צו דער קאָמיסיע.

פאָרזיצער פון דער קאָמיסיע

מאָזעס פישמאַן

באַריכט פון דער ביבליאָטעק־קאָמיסיע

די ביבליאָטעק איז אָפן פאַר די מיטגלידער און זייערע פאַמיליעס זונטיק, דינסטיק און דאָנערשטיק. די ביבליאָטעק האָט 80 שטענדיקע לייענער און באַזיצט אין איר אייגנטום 450 טאָמען אין דער יידישער שפּראַך און 346 טאָמען אין דער פּוילישער שפּראַך. ביי די לייענער געפינען זיך אין איצטיקן מאָמענט 138 טאָמען אין יידיש און 108 אין פּויליש.

אלימלך ראק

אין יענער צייט האָט די לאָדזשער האַנטווערקער־אָרגאַניזאַציע, וועלכע איז געווען די ערשטע אין פּוילן און האָט געהאַט וויכטיקע טוערס, גע־זעלשאַפטלעך רייפע מענטשן און אויך ציוניסטישע עסקנים, באַשלאָסן צו רופן אַ באַראַטונג פון די יידישע האַנטווערקער־אָרגאַניזאַציעס. איך ווייס נישט וואָס עס האָט משפּיע געווען, אַז די לאָדזשער אָרגאַניזאַציע זאָל זיין אַזאַ שטאַרקע און אויך אַ ציוניסטישע פּעסטונג, זיי זענען אויסגעהיט געוואָרן פון אַ שפּאַלטונג ווי מיר האָבן געהאַט אין וואַרשע, כאָטש שפּע־טער האָט מען דאָרט יאָ געפּרוּווט מאַכן אַ פּאָלקיסטישע האַנטווערקער־אָרגאַניזאַציע מיט אַדוואָקאַט יוסף ווייצמאַן און פינגערהוט בראש. אָבער זייער השפּעה איז געווען באַגרענעצט און דערהויפּט איז געווען פּאָלקיסטיש נאָר דער שניידער־פאַריין ווו פינגערהוט איז געווען פּאָרזיצער, אָבער דאָס איז ערשט געשען, ווען אין וואַרשע האָט שוין יאָרן עקזיסטירט די פּאָלקיסטישע האַנטווערקער־אָרגאַניזאַציע אויף נאַלעווקי 2א׳.

אַלזאָ, די לאָדזשער אָרגאַניזאַציע האָט גערופן אַ פּאָרקאָנפערענץ פון פון די שטעט אַרום לאָדזש און אויך איינגעלאַדן וואַרשע צו דער קאָנפע־רענץ. עס איז גערופן געוואָרן אַ פאַרזאַמלונג פון אַלע פּאַרוואַלטונגען און מען האָט זיך גענומען קלייבן די דעלעגאַטן. אַזוי ווי עס זענען געווען אַ סך קאַנדידאַטן וואָס האָבן געוואָלט פאָרן זענען געמאַכט געוואָרן געהיימע וואַלן און עס איז געווילט געוואָרן אינזש׳ טשערניאַקאָוו און י. קריסטאל.

קאַפּיטל צען

דער ציטווייליקער יידישער נאַציאָנאַל־ראַט

פאַר דער ענדע פון דער ערשטער וועלט־מלחמה זענען אַ גאַנצע ריי עסקנים ציוניסטן און נישט־ציוניסטן צוריק געקומען פון רוסלאַנד. זיי האָבן מיטגעבראַכט פון דאָרט דעם גייסט און שטימונג, וואָס עס האָט געהערשט אין רוסלאַנד אין פעריאָד פון קערענסקיס רעגירונג. צווישן די עסקנים איז אויך געווען יצחק גרינבוים, אינזש׳ משה קערנער, אינזש׳ חיים שאָשקעס און ד״ר משה זילבערפאַרב. דער לעצטער, אַ געוועזענער מיניסטער אין אוקראַינע, האָט זיך געווידמעט דער אַרבעט פון „אָרט״. אינזש׳ חיים שאָש־קעס האָט געזאָלט ווערן לייטער פון אונדזער האַנטווערקער־אָרגאַניזאַציע. איך בין געווילט געוואָרן צו פירן מיט אים געשפּרעכן וועגן דעם ענין, און האָב געזען, אַז דער מענטש האָט שווונג און אַ ווילנס־קראַפט, אָבער עס האָבן דערצו געשטערט אייניקע פון אונדזערע טוער, בעל־הביתישע יידן וואָס האָבן נישט געהאַט קיין זין פאַר גרויסער געזעלשאַפטלעכע אַרבעט. אינזש׳ משה קערנער איז געוואָרן ביי אונדז אַ מיטגליד, אָבער נישט גע־נומען זיך אַקטיוו אַרבעטן ווי מיר האָבן עס געוואונטשן. גרינבוים האָט זיך געווידמעט צו שאַפן אַ רעפּרעזענטאַנץ פון גאַנצן פּוילישן יידנטום, ער האָט אָנגעהויבן רופן אויף באַראַטונגען אַלע יידישע פּאַרטייען און געזעלשאַפט־לעכע אָרגאַניזאַציעס, ווי סוחרים־פאַריין, וואָיאַזשאָרן־פאַריין, האַנטווערקער־פאַריין און אויך אַלע יידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען.

די באַראַטונגען זענען פאָרגעקומען אין זאַל פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אויף גראַניטשנאַ 9. לויט ווי איך געדענק האָבן זיך באַטיי־ליקט פון דער אגודה: משולם קאַמינער און אליהו קירשבראון, פון די

פאָלקיסטן אַדוו' נח פּרילוצקי, פון די פאַרייניקטע שלמה זיסמאַן און גוט־מאַן, פון די סוחרים וואַצלאַוו ווישליצקי אאַז"ו. די אגודה האָט געשטעלט אַ באַדינג, אַז פרויען זאָלן נישט האָבן קיין וואַל־רעכט. כאָטש מיר האָבן אויך געגנוג פרויען, ב"ה, האָט אַרגומענטירט ר' משולם קאַמינער, אָבער אונדזער פּרינציפּ איז, אַז פרויען דאַרפן נישט זיין פאַרטראָטן אין דער קערפּערשאַפט. דער „בונד" האָט צוגעשיקט אַ בריוו, אַז ער גייט נישט מיט דער בורזשואַזיע צו איין טיש און די פאַראייניקטע האָבן אויך דער־קלערט, אַז די ציוניסטן זענען אויסן צו באַקומען די העגעמאָניע אויף די מאַסן און זיי וועלן נישט מיטמאַכן די שפּיל. פּרילוצקי האָט פאַרלאַנגט, אַז אין די באַראַטונגען און אויך אין דעם פאַראייניקטן קאָמיטעט זאָלן נאָר זיין פאַרטראָטן פּאָליטישע פאַרטייען און נישט קיין ווירטשאַפטלעכע אָרגאַ־ניזאַציעס. נאָך אַ פּאָר וואָכן פון אַזעלכע באַראַטונגען האָבן אַלע פּאָליטישע פאַרטייען זיך אָפּגעזאָגט אָנטיילצונעמען אינעם שאַפן אַ נאַציאָנאַלע קער־פּערשאַפט פון פּוילישן יידנטום. דאָך איז יצחק גרינבוים באַשטאַנען דערויף מען זאָל יאָ רופן אַ צוזאַמענפאָר, וואָס זאָל אויסוויילן די קערפּערשאַפט און דער צוזאַמענפאָר איז פאָרגעקומען אין „צענטראַל" טעאַטער אויף לעשנאָ 1. עס זענען געקומען דעלעגאַטן פון קהילות אין דער פּראָווינץ, רבנים, און דער מזרחי, האַנטווערקער און פרויען־פאַריינען. עס האָט זיך געבילדעט אַ האַנטווערקער־פראַקציע אויפן צוזאַמענפאָר אונטער דער אָנפי־רונג פון רייזמאַן פון קעלץ (פאָרזיצער פון דער קהילה), מאַלין פון שעדלעץ, גוטמאַן פון ראַדאָם און אויך פון די וואַרשעווער חברים פון האַנטווערקער־פאַרבאַנד אויף לעשנאָ 42.

עס זענען אויסגעקליבן געוואָרן: סטאַניסלאַוו ראָזענבערג און איך פון וואַרשע, לאָטערמאַן פון שעדלעץ און פרויד פון קאַליש.

די אַרבעט פון נאַציאָנאַל־ראַט איז געווען אַ פּרוכטבאַרע און אַן אומ־געהייער וויכטיקע. באַזונדערס איז דער נאַציאָנאַל־ראַט פאַר מיר געווען אַ געזעלשאַפטלעכע שולע. עס זענען מיר געבליבן אין זכרון אַ סך וויכטיקע געשעענישן און פּאַסירונגען עס זענען דאָרט דורכגעגאַנגען אַ גאַנצע רייע פּערזענלעכקייטן פון דער גאָרער וועלט.

עס איז כדאי צו דערמאָנען די געזעגענונג מיט הענרי מאָרגענטוי, וואָס איז פאָרגעקומען אין דער וווינונג פון העשיל פאַרבשטיין. דאָס פּרע־

זידיום האָט געוואָלט וויסן, וואָס פאַר אַ באַריכט ער וועט איבערגעבן אין וואַשינגטאָן. לויט מאַרגנטוי האָט זיך אויסגעדריקט, האָט די יידישע פּרעסע אַ ביסל איבערגעטריבן מיט אירע באַשולדיקונגען קעגן דער פּוילישער רעגירונג, „אַז עס זענען געהרגעט געוואָרן אַ פּאָר יידן ביים איינגעמען ווילנע איז נאָך נישט קיין שרעקלעכע זאַך, דאָס איז גאַנץ פאַרשטענדלעך"... האָט זיך מאַרגנטוי אויסגעדריקט: דאַן די נאַציאָנאַלע יידישע פאָדערונגען פון דער פּוילישער רעגירונג זענען אויך אין אַ געוויסער מאָס נישט באַ־רעכטיקט. עס האָבן אים געענטפערט כמעט אַלע אָנוועזנדיקע. באַזונדערס האָט זיך אויפגערעגט אברהם פּאָדלישעווסקי, און ער האָט געזאָגט, אַז דאָס אָפּשניידן אָדער אויסרייסן ביי אַ רעליגיעזן ייד די באָרד, איז ערגער נאָך ווי הרגענען... איך האָב אויך געהאַלטן אַ רעדע, און האָב געזאָגט, אַז דאָס אַמעריקאַנער יידנטום איז נאָך אַ יונג יידנטום און האָט נאָך נישט די דערפאַרונג וואָס דאָס מזרח־אייראָפּעישע יידנטום. מיר האָבן שוין אַלץ פּרובירט, השכלה, אַסימילאַציע, און מיר זענען געקומען צום באַשלוס, אַז נאָר זיך אויסלעבן אַלס אַ נאַציאָנאַלע מינדערהייט קען אונדז באַפרידיקן און פאַרזיכערן אונדזער צוקונפט.

אָדער אַ צווייטן פאַקט: דאָס איז געווען נאָך די פּאָגראָמען אין אוקראַי־נע. עס איז געקומען אַ געוויסער קאַצמאַן פון די קרעסן און דערציילט: יידן פון געוויסע לענדער האָבן זיך אונטערגענומען אויפצונעמען 1.000 יידישע יתומים, אָבער מען האָט זיי באַדאַרפט אַריבערפירן פון דער רוסישער זייט קיין פּוילן. וואָס האָט ער געטון? ער האָט אָפּגעקויפט די לייט פון דער גרענעץ אויף 2 שעה און עס זענען אַריבער די קינדער און אויך אַנ־דערע יידן.

איך וויל נאָך אויך דערמאָנען אַ געוויסן פּרט. ביים אָנהייב פון דער אַרבעט איז געווען סעקרעטאַר י. ל. וואהלמאַן. שפּעטער האָט ער פאַרלאָזט די אַרבעט, און די סיבה האָט ער מיר דערציילט, איז געווען פאָלגנדיקע: נאָך די פּאָגראָמען אין אוקראַינע האָט דער נאַציאָנאַל־ראַט אַרויסגעגעבן אַן אויפרוף צום פּוילישן יידנטום. וואהלמאַן האָט געשריבן דעם אויפרוף, און האָט געשריבן, אַז יידן זענען אומגעקומען אויף „קדוש השם" און גרינבוים האָט געוואָלט עס זאָל זיין „קדוש השם ישראל", דאָס האָט גאָר אַן אַנדער באַדייטונג. און צוליב דעם איז ער אַוועק.

קאַפּיטל עלף

וווקס און גערײַנגל, 1917־1919

אונדזער אָרגאַניזאַציע איז זיך צעוואַקסן אין דער ברייט און אין דער טיף. פיל פּאַכן האָבן זיך אָנגעשלאָסן, און יעדעס פּאַך האָט אויך אירע וויכטיקע חברים. אַזוי צום ביישפּיל, איז דער שפּעטעד אגודהשער טוער אַקערמאַן געוואָרן ביי אונדז אַ מיטגליד, ווייל דאָס פּאַך מיט וועלכן ער האָט זיך דאַן באַשעפטיקט (מאַכן סיראָפּ) איז ביי אונדז געווען אָנגעשלאָסן. דאָסגלייכן דער לערער שניידער־מייסטער „ריטעמייסטער״, אויך אַן אגודה־שער עסקן. אַ חוץ דעם האָבן פיל אינטעליגענטן שרייבער זיך פאַרשריבן פאַר מיטגלידער, ווי דער זשורנאַליסט הירשהאָרן און פּרילוצקי, נתן שוואלבע און אַנדערע. דער האַנטווערקער־פאַריין איז געווען כמעט דער איינציקער געזעלשאַפטלעכער און קולטורעלער צענטער אין וואַרשע. אַלע וועזנטלעכע שטרייט־פראַגן אין דער יידישער גאַס האָבן געפונען זייער אויסדרוק ביי אונדז אין לאָקאַל. די פראַגע פון יידיש אַלס נאַציאָנאַל־שפּראַך איז ביי אונדז געוואָרן אַ דיסקוסיע־טעמע צווישן ד״ר גאָטליב און פּרילוצקי, אויך דער לערער קאַפּלאַן האָט רעפערירט אויף דער פראַגע. עס זענען ביי אונדז אויפגעטרעטן רעדנער און טוער פון אַלע געזעלשאַפט־לעכע און פּאָליטישע ריכטונגען.

ביי יעדער פאַרזאַמלונג וואָס מיר פלעגן רופן, זענען געקומען מער מענטשן וויפל דער זאַל האָט געקענט אויפנעמען.

נאָך אַ פּרט. עס איז נישט געווען אַ פאַל, אַז ווער פון די גרויסע מענטשן, שרייבער, פּאָליטיקער, זאָל נישט וועלן קומען צו אונדז רעפערירן, אָדער אין אַנדערע זאַכן אונדז העלפן. אַזוי האָט ביי אונדז שמואל הירשהאָרן

געלייענט 4 רעפעראַטן וועגן יידן אין דער פּוילישער היסטאָריע. יצחק גרינבוים וועגן די קהילות. נתן שוואלבע וועגן פּאַך־בילדונג. יוסף העפּטמאַן וועגן די מכבים. ישראל מערעמינסקי וועגן חלוציזם און נאָך און נאָך.

איינמאָל האָבן מיר גרינבוימען געבעטן ער זאָל זיין ביי אונדז פאָר־זיצער ביי אַ שטרייט־פראַגע וועגן שאַפן אַ האַנטווערקער־ראַט. די פאַר־זאַמלונג איז פאָרגעקומען אין שניידער־פאַריין און האָט זיך פאַרצויגן ביז 3 פאַרטאָג, אָבער גרינבוים איז נישט אַוועק. אגב אורחה וויל איך דערציילן, ווי ריין און אָביעקטיוו גרינבוים איז געווען, אַז נישט געקוקט דערויף וואָס דער קאַמף איז פאָרגעקומען צווישן אונדז און די פּאָלקיסטישע האַנטווער־קער, און עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן דער וואַל־אָרדינאַציע צום האַנט־ווערקער־ראַט, האָט דאָך גרינבוים באַרעכטיקט זייער שטעלונג און נישט אונדזערע. עס איז נישט קיין וווּנדער, וואָס די פאָלקס־פאַרטיי האָט געוואָלט אַרונטערנעמען די גאַנצע אָרגאַניזאַציע אונטער אירע פליגלען. און איינמאָל האָט די פאָלקס־פאַרטיי איינגעלאַדן אַלע פאַרוואַלטונגען פון אַלע פאַכן אויף אַ פאַרזאַמלונג, און אויף דער פאַרזאַמלונג זענען אַרויסגעטראָטן די בעסטע קרעפטן פון דער פאָלקס־פאַרטיי: ש. י. סטופּניצקי, הלל צייטלין און ה. ד. נאָמבערג. און הלל צייטלין האָט גאַנץ אָפנהאַרציק געזאָגט: „מיר זענען דאָך פאַר אייך געשאַפן געוואָרן, מיר האָבן דאָך נישט קיין אַנדערע".

די ציוניסטישע האַנטווערקער און די אומפּאַרטייאישע האָבן נישט געוואָלט מסכים זיין זיך איינצושליסן אין דער פאָלקס־פאַרטיי, אָבער עס איז זיכער געווען אַ נאָרמאַלע און געזונטע דערשיינונג, וואָס אַ בירגער־לעכע פאַרטיי האָט געוואָלט זיך באַזירן אויף די פאָלקס־מאַסן און אויף די פּראָדוקטיווע טיילן פון דער פאָלקס־מאַסע. עס איז נאָר צום באַדויערן, וואָס זיי האָבן געהאַט אַ נעגאַטיווע באַציִונג צו ארץ־ישראל און צו דער העברעיִשער שפּראַך.

קאַפּיטל צוועלף

קהילה־וואַלן

די ייִדישע קהילה אין וואַרשע אָדער ווי מען פלעגט זי רופן, די ייִדישע גמינע, איז געווען אַ פעסטונג פון דער אַסימילאַציע און קיין דע־מאָקראַטישע וואַלן זענען דאָרט — ביז נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה — קיין מאָל נישט פאָרגעקומען. מיר פלעגן לייענען אין דער פרעסע, ווען עס פלעגן פאָרקומען וואַלן — און וואַל רעכט האָט נאָר געהאַט דער, וואָס צאָלט 15 רובל אַ יאָר עטאַט — אַז מען פלעגט געבן רשות אַן אַנדער מענטש, וואָס קען שטימען ווי יענער וויל. אַ טייל פון דער ייִדישער אָרטאָ־דאָקסיע האָט געמאַכט אַ בלאָק מיט דער אַסימילאַציע און קיין נאַציאָנאַלע פאָרשטייער פלעגן דאָרט נישט געוויילט ווערן.

אין יאָר 1917 איז דערשינען אַ וואַל־אָרדינאַציע, וואָס דער דייטשער קולטוס־אַמט האָט אויסגעאַרבעט, וואָרשיינלעך אין פאַרשטענדיקונג מיט באַטרעפנדיקע ייִדישע פאַקטאָרן, אַז יעדער ייִדישער בירגער, וואָס וווינט אַ יאָר אין אַ באַשטימט אָרט, קען האָבן דאָס פאַסיווע און אַקטיווע וואַל־רעכט. די ייִדישע פאַרטייען און געזעלשאַפטן האָבן אָנגעהויבן זיך גרייטן צו דער דאָזיקער ערשטער געוויילטער פאָלקס־פאַרטרעטונג. דער האַנט־ווערקער־פאַריין האָט גערופן די פאַרוואַלטונגען, און עס איז געשאַפן גע־וואָרן אַ וואַל־קאָמיטעט פון אַלע האַנטווערקער פאַריינען אין וואַרשע און מען איז צוגעטראָטן צו דער אַרבעט. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ דיסקוסיע וועגן אַ וואַל־פּלאַטפאָרם, וועלכע שפּראַך וועלן מיר פאָדערן זאָל געלערנט ווערן אין די גמינע־שולן. לסוף האָבן זיך 9 פאַריינען אָפּגעריסן פון אונדז און זיך אָנגעשלאָסן אין דער פאָלקס־פאַרטיי, ווייל די פאָלקס־פאַרטיי

וואָלט אַן די האַנטווערקער־פאַריינען נישט געקענט גיין צו די וואַלן. אויך אַ טייל פון די קליינהענדלער האָבן זיך אַנגעשלאָסן אָן זיי. אַזוי אַרום האָבן די פּאָלקיסטן פּאַקטיש דערפירט צו אַ שפּאַלטונג אין האַנטווערקערטום. מיר, פון די לעשנאָ 42, האָבן געוואָלט גיין זעלבסטשטענדיק, און מען האָט געפירט אַ גרויסע צוגרייטונגס־אַקציע צו דערגרייכן אַ נצחון. דאַן האָט מען אָנגעהויבן וויילן די קאַנדידאַטן. נאַטירלעך דעם ערשטן קאַנדידאַט, וואָס זאָל צ׳ען שטימען און פירן די ליסטע. צווישן די איינציקע קאַנדידאַטן בין איך אויך געווען באַצייכנט. ווי איבערראַשט בין איך געווען, ווען איך האָב מיך דערוווסט, אַז איך בין אויסגעוויילט געוואָרן איינשטימיק. איך ווייס נישט וועלכע געפילן עס האָבן מיך דעמאָלט באַהערשט, אַז איך האָב זיך צעוויינט. דאָס זענען, אמת, געווען טרערן פון פרייד. אָבער נאָך עפּעס, איך, אַ קינד פון אָרעמע עלטערן, געלערנט אין תלמוד־תורה־חדר, געגאַנגען צו 11—12 יאָר אַרבעטן, איך זאָל אַריין אין דער קהילה אויף גזשיבאָווסקע 26־וואָס פאַר אַן אויפשטייג? אָבער די וואַלן זענען נישט פאָרגעקומען.

פונקט אין מאָמענט ווען עס האָבן באַדאַרפט פאָרקומען די וואַלן האָבן די דייטשן פאַרלאָזט וואַרשע און עס איז געשאַפן געוואָרן אַ בירגער־קאָמי־סיע. די גמינע האָט דערהאַלטן אַ בריוו פון בירגער־קאָמיטעט, אַז ער ווינטשט דאָס די וואַלן זאָלן אָפּגעלייגט ווערן, ווייל עס איז אַ באַליידיקונג פאַר דעם ניי־אַנטשטאַנענעם פוילן, אַז די וואַלן זאָלן פאָרקומען אויפן גרונט פון אַן אָרדינאַציע, וואָס די דייטשן האָבן אויסגעאַרבעט. די וואַלן זענען אָפּגעלייגט געוואָרן און אין עטלעכע טעג אַרום האָט אונדזער וואַל־קאָמיטעט דערהאַלטן אַן איינלאַדונג פון דער קהילה, וועלכע האָט גערופן די ערשטע קאַנדידאַטן פון יעדער ליסטע אויף אַ באַראַטונג אין זאַל פון דער קהילה.

אַלס ערשטער קאַנדידאַט האָב איך זיך באַטייליקט אין דער זיצונג. געעפנט די זיצונג האָט דער דאַזאר ה׳ לייבוש דאַווידזאָן און דערקלערט דעם אינהאַלט פון בריוו וואָס איך האָב פריער דערמאָנט. ער האָט געזאָגט, אַז היות די גמינע איז דעקאָמפּלעטירט און שוין 8 יאָר זענען קיין וואַלן נישט פאָרגעקומען דורך סיבות פון מלחמה, און אַזוי ווי עס פעלן קרעפטן, לייגט ער פאָר, אַז די ערשטע קאַנדידאַטן פון יעדער ליסטע זאָלן צוקאָאָפּ־טירט ווערן צו דער גמינע־פאַרוואַלטונג, כדי צו דערמעגלעכן ווייטער צו

פירן די קהילה־אַרבעט. עס האָט נאָך גערעדט אַ פּאָר ווערטער פּראָפּעסאָר שמואל דיקשטיין. אויף דער זיצונג זענען געווען פאַרטראָטן אַלע פּאַרטייען און איך איינער אַלס פאָרשטייער פון אַ ווירטשאַפטלעכער אָרגאַניזאַציע, ווייל די אַנדערע האַנטווערקער פאַריינען זענען אָנגעשלאָסן געוואָרן אין די פאָלקס־פּאַרטיי. עס האָט זיך אַנטוויקלט אַ דעבאַטע. דאָס ערשטע וואָרט האָט באַקומען דער פאָרשטייער פון „בונד", און דערקלערט, אַז די גמינע האָט נישט באַדאַרפט איינשטימען מיט די מאָטיוון פון בירגער־קאָמיטעט, ווייל דער פוילישער מאַגיסטראַט עקזיסטירט אויף אויפן גרונט פון אַ דייטשער וואַל־אָרדינאַציע און דאָך האָט ער זיך נישט פונאַנדערגעלאָזט. אין דעם זין האָבן אויך גערעדט אַנדערע פּאַרטייען.

אין נאָמען פון די ציוניסטן האָט גערעדט ד"ר מאיר קלומעל. ער האָט גערעדט העברעיש און איך האָב געהאַלטן אַ דעקלאַראַציע אין נאָמען פון די האַנטווערקער מאַסן, אַז מען האָט נישט געדאַרפט אָפּלייגן די וואַלן. איך מיין, אַז צום ערשטן מאָל האָט מען אין די ווענט פון דער קהילה געהערט יידישע און העברעישע רעדעס.

אַ וואָך שפּעטער האָבן מיר באַקומען נאָך אַ בריוו פון דער קהילה, אַז זיי בעטן נאָך אַמאָל, מען זאָל זיי דעלעגירן 3 פּערזאָן פון דער ליסטע, ווייל זיי זענען נאָך נישט אימשטאַנד צו פירן די לויפנדיקע אַרבעט. איך האָב דעם פאָרשלאַג נישט אָנגענומען, מיין מאַנדאַט האָב איך איבערגעגעבן אויף דער זיצונג וועגן שאַפן אַ האַנטווערקער־ראַט און מען האָט שפּעטער דעלעגירט סטאַניסלאַוו ראָזענבערג, יעקב קריסטאל און ש. ב. רוזשאַני.

קאַפּיטל דרייצן

דער געראַנגל פאַר מאַכט

דער פּעריאָד פון די צוויי יאָר, זייט די דעמאָקראַטישע פאַרוואַלטונג איז אָפּגעטראָטן ביזן 1919, ווען עס איז געשאַפן געוואָרן אַ צווייטע האַנט־ווערקער־אָרגאַניזאַציע אויף נאַלעווקי 2א׳, איז אייגנטלעך געווען צוויי יאָר פון געראַנגל צווישן די גרופּן, וואָס האָבן געשטיצט און געשאַפן די פאָלקס־פּאַרטיי, און צווישן די ציוניסטיש־געשטימטע האַנטווערקער־גרופּן, וואָס האָבן געוואָלט עס זאָל עקזיסטירן אַן אומפּאַרטייאישע האַנטווערקער־אָרגאַניזאַציע. די צאָל מיטגלידער פון צענטראַלן האַנטווערקער־פאַריין האָט זיך פאַרגרעסערט און די אַרבעט האָט זיך פאַרשטאַרקט.

אַ חוץ דעם האָט די אָרגאַניזאַציע באַקומען אַ נאָמען אין דער געזעל־שאַפט, און מען האָט זיך ממש געבעטן אָנגענומען צו ווערן אַלס מיטגליד.

די מענטשן פון לעשנאָ האָבן געהאַט דעם צוטרוי און מען האָט זיי געגעבן די געלטער, וואָס זענען געשיקט געוואָרן פון אויסלאַנד אויף צו שטיצן אָרעמע האַנטווערקער. די אָנהענגער פון דער פאָלקס־פּאַרטיי האָבן אָבער נישט געלאָזט רויק אַרבעטן, און האָבן יעדע פאַרזאַמלונג אויפגעריסן, אָדער געמאַכט אָבסטרוקציעס, אַזוי, אַז אַ סך מיטגלידער האָבן געמוזט פאַרלאָזן דעם פאַריין.

די פאָלקיסטן האָבן געזאָרגט אַז די פאַריינען, וואָס שטיצן דעם פאָל־קיזם, זאָלן נישט זיין אָנגעשלאָסן אויף לעשנאָ, נאָר זיך האַלטן אין באַזונ־דערע דירות. זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז נישט זייענדיק קיין מיטגלידער, האָבן זיי נישט געקענט געניסן פון די זכויות, וואָס עס האָבן געהאַט די מיטגלידער פון לעשנאָ 42. וואָס האָבן זיי געטון? זיי האָבן איינמאָל אין אַ

שבת גערופן 3 מיטינגען אין 3 פאַרשיידענע זאַלן.ביים פלײשער פאַריין דזיקע 9, אין „הזמיר", סימאָנס פּאַסאַזש און אין נאָך אַ פּלאַץ, און נאָטיר־לעך זענען די פאַרזאַמלונגען אַנאָנסירט געוואָרן ווי געהעריק אין „מאָמענט", אַז דאָס וואַרשעווער האַנטווערקערטום גייט אויסדריקן זיין פּראָטעסט קעגן די אומגעבעטענע בעלי־טובות פון לעשנאָ 42. אויף די פאַרזאַמלונגען האָט מען געהאַלטן פייערדיקע רעדעס קעגן די אַסימילאַטאָרן, קעגן די וואָס פאַרכאַפּן די געלטער וואָס זענען באַשטימט פאַר האַנטווערקער און מען גיט זיי נישט די האַנטווערקער. עס זענען אויף די פאַרזאַמלונגען געווען איניקע חברים פון לעשנאָ, וואָס האָבן געמאַכט צווישנרופן און געשריגן, אַז עס איז ליגן און דעמאַגאָגיע, אָבער מען האָט זיי שיער נישט צעריסן. אַ נס וואָס די חברים, די ברידער מעלניק (איינער איז דאָ אין ארץ־ישראל) און חבר קריסטאַל (אויך אין ארץ־ישראל) זענען פיזיש געזונטע חברה, האָבן זיי די אַטאַקעס אויסגעהאַלטן און זענען אַרויס גאַנץ. אָבער וואָס עס האָט זיך געטון דאַן, ווען פון די 3 פאַרזאַמלונגען האָט די ברויזנדיקע, אויפגע־רעגטע מאַסע מאַרשירט צו לעשנאָ 42, און מען איז אַרויף מיט אַזאַ אימפּעט און צאָרן, אַז צו אַ פּאָגראָם האָט נישט פיל געפעלט. און איינער אַ שוסטער, מיט אַ בלינד אויג, האָט געשריגן: „ווו זענען די ביכער, זאָל מען פאַרכאַפּן די ביכער"! און מען האָט זיי טאַקע צוגענומען.

גראָד איז דאַן פאָרגעקומען אַ זיצונג פון אַלע פאַרוואַלטונגען, און עס זענען סתם געווען מיטגלידער אין זאַל, און עס איז געוואָרן אַ געראַנגל, אַ קאָכעניש.

די ביכער האָבן מיר געמוזט צוריקבאַקומען מיט דער הילף פון דער מאַכט, און אַזוי האָט מען זיך געראַנגלט און זיך קעגנזייטיק באַקעמפט, ביז מען איז געקומען צום באַשלוס, אַז מען דאַרף רופן אַ קאָנפערענץ פון אַלע האַנטווערקער אין פוילן. אין פוילן — מיין איך — קאָנגרעס פוילן, ווייל די האַנטווערקער־אָרגאַניזאַציעס אין גאַליציע, זענען געווען געבויט אויף אַנ־דערע יסודות, דאָרט האָבן זיי געהאַט אייגענע הייזער און די מענטאַליטעט איז גאָר געווען אַן אַנדערע. ביי אונדז אין פוילן איז עס געווען אַ פאָלקס־באַוועגונג, אַן אויפוואַכונגס־באַוועגונג, און איך האָב געזען אין מיין אַר־בעט ביי די האַנטווערקער, אַ נאַציאָנאַלע אויפגאַבע, ווי איך האָב זיך געהאַט אויסגעדריקט אויף אַ פאַרזאַמלונג ביים גרינדן דעם האַנטווערקער־פאַריין

אין מעזריטש: „נישט בלויז, כדי איר זאָלט האָבן אַ גרעסער שטיקל ברויט מיט פּוטער, האָב איך פאַרלאָזט היים און פאַמיליע און געקומען אַהער אייך אָרגאַניזירן, איך האַלט אַז עס איז אַ נאַציאָנאַלע אויפגאַבע, צו שטאַרקן דעם פאָלקס־אָרגאַניזם, און מיר, האַנטווערקער, זענען אַ וויכטיקער, און פיליכט דער וויכטיקסטער גליד אין דעם פאָלקס־אָרגאַניזם, און די עקאָנאָמישע בעסערונג וועט שוין ממילא קומען".

מיר זענען נישט געקומען אין דער באַוועגונג צוליב עקאָנאָמישע נוצן און מיר האָבן נישט געזוכט קיין פּערזענלעכע בעסערונג. מיר האָבן געהיט די נשמה פון דער באַוועגונג, און געזאָרגט, אַז זי זאָל פאַרמאָגן אויך גייסטיקע און נאַציאָנאַלע צילן, און דאָס איז אונדז אין אַ געוויסער מאָס געלונגען.

עס איז אַלזאָ באַשלאָסן געוואָרן צו רופן אַ צוזאַמענפאָר, וואָס זאָל רעפּרעזענטירן אַלע האַנטווערקער אין קאָנגרעס־פּוילן, און זאָל האָבן דאָס רעכט צו רעדן אין זייער נאָמען און דערהויפּט איז מען אויסן געווען, אַז די הילפס־געלטער, וואָס דאַרפן אָנקומען פאַר האַנטווערקער, זאָלן אַריין אין די ריכטיקע הענט. נאַטירלעך האָבן די פּאָלקיסטישע גרופּן מער געטון אין דער זאַך, ווייל זיי האָבן געהאַט אונטער זיך אַ פּאַרטיי, וואָס איר גאַנצע עקזיסטענץ האָט זיך געבויט כדי צו זיין די פאַרטרעטערין פון דעם שיכט האַנטווערקער. מיר האָבן אַ ביסל פאַרנאַכלעסיקט, און מיר זענען דערפאַר דורכגעפאַלן.

קאַפּיטל פערצן

דער ערשטער האַנטווערקער־צוזאַמענפאָר

מיט גרויס שפּאַנונג איז דערוואַרט געוואָרן דער ערשטער האַנטווער־קער־צוזאַמענפאָר, וואָס איז פאָרגעקומען אין די טעג פון 8טן ביזן 10טן יולי 1919. די פאַלקיסטישע גרופּע איז מער וואַכזאַם געווען און האָט באַזוכט אַ סך שטעט און שטעטלעך, כדי צו צוגרייטן דעם צוזאַמענפאָר. דאָס הייסט, עס זאָלן קומען דעלעגאַטן — פאָלקיסטן אָדער זייערע סימפּאַ־טיקער. אַ חוץ דעם האָבן אַ פּאָר וואַרשעווער פאַריינען אויסגעקליבן דעלעג־גאַטן נישט זייערע אייגענע בעלי־מלאכות. נאָר מען האָט געקליבן נח פּרילוצקין אַלס דעלעגאַט פון די שוסטערס און נאָמבערגן אַלס דעלעגאַט פון אַן אַנדער פאַריין. אויך לאַזאַר קאהאן איז געווען דעלעגאַט. מיר, פון לעשנאָ 42, האָבן זיך פאַרלאָזט אויפן געזונטן אינסטינקט פון די האַנט־ווערקער און מיר האָבן געשיקט אַלס דעלעגאַטן בלויז האַנטווערקער.

דער צוזאַמענפאָר איז פאָרגעקומען אין די זאַלן פון פאַריין פון האַנדלס־אַנגעשטעלטע אויף זיעלנאַ 7. דאָס זענען דאַן געווען די שענסטע זאַלן פון אַלע יידישע אינסטיטוציעס.

פאָרמעל איז געשאַפן געוואָרן אַ פאַראייניקטער קאָמיטעט צו צוגרייטן דעם צוזאַמענפאָר, אָבער יעדער צד האָט געאַרבעט, אַז ער זאָל האָבן מער דעלעגאַטן, באַזונדער איז אין דעם פאַראינטערעסירט געווען די פאָלקס־פּאַרטיי, ווייל אירע פירער האָבן עפנטלעך דערקלערט, אַז די פאָלקס־פּאַרטיי שטרעבט צו ווערן די פאָרשטייערין פון די האַנטווערקער און קלייןהענדלער־מאַסן.

מיר האָבן פאַרבעטן אַלע גרעסערע יידישע אינסטיטוציעס. נאַטירלעך

זענען אויך פאַרבעטן געוואָרן רעגירונגס־פאַרשטייער. דעלעגאַטן זענען גע־קומען פון 60 שטעט און שטעטלעך, דערהויפּט פון קאָנגרעס־פּוילן, צווישן זיי פון לאָדזש, קיעלץ, ראַדאָם, טשענסטאָכאָוו און פול אַנדערע שטעט און שטעטלעך.

דער ערשטער שאַרפער קאָנפליקט איז פאָרגעקומען ביים וויילן אַ פאָר־זיצער און אויך ווען עס איז געשטעלט געוואָרן די פראַגע אויף וועלכער שפּראַך עס זאָל פאָרקומען די דערעפענונג. אינזשיניער רוסאַק פון לאָדזש, וועלכער איז געווען פאָרזיצער פון צוגרייטונגס־קאָמיטעט, האָט דערקלערט, אַז ער וועט עפענען אין פּויליש. די פּאָלקיסטן האָבן געהאַלטן, אַז מען דאַרף עפענען אין ייִדיש. דאַן האָבן די פּאָלקיסטן פאַרלאַנגט, אַז נח פּרי־לוצקי זאָל געוויילט ווערן אַלס פאָרזיצער. נאַטירלעך האָבן מיר אויף זיין קאַנדידאַטור נישט געוואָלט מסכים זיין. די דינגענישן האָבן זיך געצויגן שעהן־לאַנג ביז עס איז געקומען דער פאַרשטייער פון דער רעגירונג באַ־גריסן דעם צוזאַמענפאָר און מען האָט אים געמוזט דערעפענען. די פּאָל־קיסטן האָבן בעת מען האָט דערעפנט די קאָנפערענץ אויף פּויליש פאַרלאָזט דעם זאַל. ערשט נאָך דער דערעפענונג, ווען די פאַרהאַנדלונגען זענען שוין געפירט געוואָרן אין ייִדיש, זענען זיי צוריק אַריין אין זאַל. נח פּרילוצקי האָט אַריינמאַרשירט בראש פון די פּאָלקיסטישע דעלעגאַטן.

ישראל גלאַצער האָט זיך דאַן ממש מוסר נפש געווען ביים שרייען און ביים באַקעמפן פּרילוצקין. פון אַלע ייִדישע פאַרשטייער איז געקומען באַגריסן בלויז דער אַלטער סיים־דעפּוטאַט הרב פּערלמוטער.

ביים וויילן דאָס פּרעזידיום האָט מען געזען, אַז די פּאָלקיסטן האָבן אַ מערהייט. עס איז געמאַכט געוואָרן אַ הפסקה און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ טומל. די לאָדזשער האָבן געוואָלט פאַרלאָזן די קאָנפערענץ, מיר האָבן זיי נישט געראַטן דאָס צו טון. זיי האָבן געטענהט, אַז פּרילוצקי באַאיינ־פלוסט די אומפּאַרטייאישע דעלעגאַטן מיט זיין אויטאָריטעט.

דער צוזאַמענפאָר איז אַדורך מיט כסדרדיקע שטורמישע אינצידענטן. נאָך שטורמישער איז געווען זיין פינאַל. די פּאָלקיסטן האָבן ממש מיט כוח אַרויפגעפירט נח פּרילוצקין אויף דער טריבונע, אַז ער זאָל האַלטן די שלוס־רעדע. עס איז געוואָרן אַ שטורעם פון פּראָטעסטן, אָבער עס האָט גאָרנישט געהאָלפן. פּרילוצקי האָט איבערגעשריגן אַלעמען.

אלימלך ראַק

אַזוי האָט זיך געענדיקט דער ערשטער האַנטווערקער־צוזאַמענפֿאָר, וואָס מען האָט אויף אים געוואַרט מיט אַזויפֿיל אינטערעס.

עס איז פֿאָרמעל געווילט געוואָרן אַ לייטונג, דאָס הייסט, אַ פֿאַר־שטייערשאַפֿט פֿון יידישן האַנטווערקערטום. אָבער אַ קנאַפּע העלפֿט דעלע־גאַטן האָבן זיך נישט באַטייליקט אין די וואַלן און שפּעטער האָט מען נישט אָנערקענט די רעפּרעזענטאַנץ.

דער פּאָלקיסטישער „האַנטווערקער־ראַט"

אין אַ שיינעם פרימאָרגן זענען מיר געוואויר געוואָרן, אַז חיים ראַסנער און משה בורגין האָבן געדונגען אַ גרויסן זאַל אין סימאָנס פּאַסאַזש אויף נאַלעווקי 2אַ, און זיי האָבן אַ נאָמען געגעבן זייער אָרגאַניזאַציע „האַנט־ווערקער־ראַט". (אונדזער אָרגאַניזאַציע האָט געהייסן „צענטראַל האַנטווערקער־ראַט"). דער לאָקאַל איז געווען זייער גרויס און עס האָט געדויערט עטלעכע יאָר ביז עס איז דאָרט איינגעאָרדנט געוואָרן אַ שיינער זאַל און ביוראָ־צימערן. אָבער אין אָנהייב האָט דער לאָקאַל אויסגעזען ווי אַ קאַ־זאַרמע, עס האָבן זיך אַהין גלייך אַריבערגעקליבן די עטלעכע פאַריינען, וואָס זענען געווען טריי דער פּאָלקיסטישער אידייע. דאָס זענען געווען די שפּילקאָווע שוסטער, די שניידער (טאַנדייטערס). דער שמוקלער צעך איז געווען אויף אַן אַנדער פּלאַץ — דלוגע 59. זיי האָבן אויך באַשטימט אַ טעכנישן סעקטאָר. אָבער ווי אָרעם די ווירטשאַפט און דער ביוראָ־אַפּאַ־ראַט איז געווען, האָט מען אָנגעהויבן מפרסם צו מאַכן דעם האַנטווערקער־ראַט אין די צייטונגען, הויפּטזעכלעך אין „מאָמענט", וווּ נח פּרילוצקי האָט געהאַט גרויס השפעה און ביסלעכווייז האָט דער ראַט אָנגעהויבן אַריינ־ציִען מער פאַריינען, באַזונדערס האָבן זיי אויסגענוצט דאָס וואָס די מענטשן פון „ראַט" זענען געווען די געוויילטע דורך דער ערשטער קאָנפערענץ און דעריבער האָבן זיי געהאַלטן איז ביי זיי דער ריכטיקער אַדרעס פאַר אַלע געלטער וואָס קומען אָן פאַר האַנטווערקער. דער „דזשאָינט" האָט שוין דעמאָלסט אָנגעהויבן אַרבעטן אין פּוילן און מען האָט זיך געגרייט צו באַקומען די געלטער, וואָס דער „דזשאָינט" האָט באַשטימט פאַר האַנט־

ווערקער. דער „דזשאָינט" האָט געהאַט אַ גלענצנדיקע געלעגנהייט אויסצו־
נוצן די צעשפּליטערונג צווישן די האַנטווערקער און זיי צווינגען זיך צו
פֿאַראייניקן בכדי צו געניסן פֿון די הילפֿס־פֿאָנדן. אָבער די פֿאָלקיסטן איז
דאָך געלונגען אַרויסצובאַקומען אַ געוויסע סומע געלט פֿאַר אַ רוי־שטאָף־
צענטראַלע. אַז מען האָט געקראָגן דאָס געלט האָט מען ווידער אָנגעהויבן
מאַכן פּראָפּאַגאַנדע אין דער פּרעסע, אַז דער „ראַט" איז דער איינציקער
פֿאָרשטייער פֿון האַנטווערקערטום און אַלע פֿאַריינען דאַרפֿן קומען און זיך
ביי אים רעגיסטרירן. שפּעטער האָט אונדזער פֿאַריין אויך געקראָגן אַ גע־
וויסע סומע געלט, וואָס איז אַריינגעגאָסן געוואָרן אין דער עקזיסטירנדיקער
האַנטווערקער קאַסע.

ביי די פֿאָלקיסטן איז טאַקע געווען פֿאָלקסטימלעכקייט און חברשאַפֿט,
אָבער אָרדענונג און ערלעכקייט איז דאָרט נישט שטענדיק געווען.

קאַפּיטל זעכצן

אַ נייער האַנטווערקער־צוזאַמענפאַר

נאָך דעם ערשטן צוזאַמענפאָר, אויף וועלכן די פּאַלקיסטן האָבן באַקומען די מאַכט, אָדער ווי די קעגנער פלעגן זאָגן: „זיי האָבן פאַרכאַפּט די מאַכט אויף דער פּראָווינץ", האָבן די ציוניסטישע גרופּן אין די האַנט־ווערקער־פאַריינען אָנגעהויבן טראַכטן וועגן אָרגאַניזירן די פּראָווינצן און רופן אַ צווייטן האַנטווערקער צוזאַמענפאָר. צוליב דעם זענען מצד דער לאָדזשער אָרגאַניזאַציע אַרומגעפאָרן איבער דער פּראָווינץ ד"ר לעווין, וואָס האָט אָרגאַניזירט און געגרינדעט אַ סך האַנטווערקער־פאַריינען. פון וואַרשע האָט מען געשיקט דעם חבר אברהם גאָלדבערג, און ער איז געפאָרן אין אַ גאַנצער ריי שטעט און שטעטלעך און געגרינדעט האַנטווערקער־פאַריינען. נאַטירלעך האָט מען געזען, אַז אין דער שפּיץ זאָלן שטיין ציו־ניסטישע האַנטווערקער אָדער סימפּאַטיקער פון ציוניזם. ווי איך בין שפּעטער געוווירן געוואָרן האָט דער צייטווייליקער נאַציאָנאַל־ראַט געשטיצט פינאַנסיעל די צוגרייטונג צום צוזאַמענפאָר, דערמיט וואָס ער האָט געדעקט די רייזע הוצאות פון די אַרומפאָרנדיקע. אין אָנהייב 1920 איז באַקאַנט געוואָרן אין דער פּרעסע, אַז עס וועט גערופן דער ריכטיקער האַנטווער־קער־צוזאַמענפאָר אויף לעשנאָ 42. עס זענען איינגעלאַדן געוואָרן אַלע האַנטווערקער פאַריינען אין גאַנץ פּוילן. דער צענטראַל האַנטווערקער־ראַט פון די פּאַלקיסטן האָט באַשלאָסן צו איגנאָרירן דעם צוזאַמענפאָר און גע־ראָטן זיינע אָנגעשלאָסענע פאַריינען נישט צו קומען אויפן צוזאַמענפאָר. דאָך צום באַשטימטן טערמין, צווישן דעם 10טן און דעם 12טן מאַי 1920, זענען געקומען אַ גרויסע צאָל דעלעגאַטן, דערונטער פון גרויסע שטעט, ווי קראָקע, קעלץ, ראַדאָם, לאָדזש, קאַליש און אַנדערע. דער האַנט־ווערקער־ראַט האָט אין זעלבן טאָג אָפּגעדרוקט אין „מאָמענט" אַ נאָטיץ,

ווו ער האָט געטאַדלט די פירער פון אונדזער פאַריין, וואָס ווילן זיך נישט אונטערוואַרפן דעם באַשלוס פון פאַריקן צוזאַמענפאָר. עס זענען אויך אָנגעקומען דעלעגאַטן פון די אָפּטיילונגען, וואָס זענען געווען אָנגעשלאָסן אין דעם פאָלקיסטישן ראַט, אָבער זיי זענען אַוועק אין „ראַט” זיך באַראַטן, וואָס צו טון. אַזוי ווי מען איז דאָרט געוויר געוואָרן, אַז עס זענען געקומען אַ סך דעלעגאַטן, זענען זיי אַלע, צוזאַמען מיט בורגין און ראַסנער און דעם דעלעגאַט פון ביאַליסטאָק, צבי ווידער, וואָס איז געווען זייער אַ וויכ־טיקער עסקן, געקומען צו אונדזער צוזאַמענפאָר און געבעטן, אַז מען זאָל זיי אויך געבן דעלעגאַטן־קאַרטן, ווייל זיי ווילן זיך באַטייליקן אין צו־זאַמענפאָר. זיי האָבן דערביי צוגעזאָגט, אַז זיי וועלן זיך אונטערוואַרפן די רעזאָלוציעס פון צוזאַמענפאָר, אָבער אַנשטאָט זיך צו האַלטן ביים טאָג־אָרדענונג, האָבן זיי אָנגעהויבן האַלטן רעדעס קעגן די אָרגאַניזאַטאָרן פון דעם צוזאַמענפאָר. זייער האַלטונג האָט אַזוי אויפגערעגט דעם פאָרזיצער פישער פון קראָקע, אַז ער האָט געשטעלט צו דער אָפּשטימונג, צי זאָל מען זיי ווייטער לאָזן רעדן. זעענדיק, אַז זיי האָבן דעם גאַנצן צוזאַמענפאָר קעגן זיך, האָבן זיי זיך דערשראָקן און זענען אַוועק.

נאָך אַ לאַנגער און אַלזייטיקער דיסקוסיע, האָט מען ביי אַ פייערלעכער שטימונג אָנגענומען אַלע רעזאָלוציעס, וואָס מען האָט פאָרגעלייענט, און עס איז געוויילט געוואָרן אַ צענטראַל־קאָמיטעט פאַר גאַנץ פוילן. אין דער אָנפירונג פון דעם צוזאַמענפאָר האָבן זיך אויסגעצייכנט ש. לאַנדשטאַק פון וואַרשע, קראַקאָער פון לאָדזש, רייזמאַן פון קעלץ. פון די אָרגאַניזאַטאָרן האָבן פיל געלייסטעט צום דערפאָלג אברהם גאָלדבערג און יעקב קריסטאַל. אַזוי אַרום האָבן זיך געשאַפן צוויי יידישע האַנטווערקער־צענטראַלעס אין פוילן, און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ קאָנקורענץ צווישן ביידע צענטראַלעס אויף אַלע געביטן, סיי מיט שעפערישער אַרבעט און סיי מיט מיאוסער פּאָ־לעמיק אין די צייטונגען. מיר האָבן אַרויסגעגעבן דעם זשורנאַל „דער יידישער האַנטווערקער”, און די פאָלקיסטן האָבן אָנגעהויבן אַרויסגעבן „די האַנטווערקער שטימע”. איר רעדאַקטאָר איז געווען שלמה מענדעלסאָן, וועלכער איז דאַן נאָך געווען אַ פאָלקיסט און איז שפּעטער איבערגעגאַנ־גען צום „בונד”. אַ חוץ דעם האָט די פאָלקיסטישע האַנטווערקער געשטיצט די צייטונג „מאָמענט”, געבנדיק פרסום פאַר זייער טעטיקייט.



ציטווייליקער קאָמיטעט פון דער וואַרשעווער אָרגאַניזאַציע
פון רעכטס: ב. ראָזענבערג, י. דעמבסקי, ה. פייערינג, ל. גאָלדשטיין, ד. מינץ און ח. קאַלישער.

קאַפּיטל זיבעצן

אונדזער געזעלשאַפטלעכע אַרבעט

רעזערוויסטן

אין די טעג פון מאַראַטשעווסקיס רעגירונג זענען פיל געוועזענע זעלנער אַהיימגעקומען פון דער מלחמה און האָבן געטראָפן חרוב זייערע היימען. קיין פרייע אַרבעטס־פּלעצער זענען אויך נישט געווען, איז מען אַוועק אויף די אַלטע אַרבעטס־פּלעצער און זיך אַוועקגעזעצט און מיטגע־געסן מיט די שטוב־מענטשן און נישט אָפּגעטראָטן אַפילו אויף ביינאַכט, זיך געלייגט אין די בעטן, אָדער געשלאָפן אויף די טישן און טעראָריזירט די בעלי־בתים, מען זאָל זיי געבן אַרבעט אָדער געלט אויף איינצואָרדענען זיך. די מיטגלידער זענען געקומען אין פאַריין מיט אַ געוואַלד, מיר זאָלן העלפן: מיר האָבן גערופן פּראָטעסט־פאַרזאַמלונגען, געפאָדערט, אַז דאָס וואָס עס דאַרף טאָן די רעגירונג אָדער די גמינע קענען נישט טאָן קיין פּריוואַטע יחידים. מיר האָבן זיך פאַרשטענדיקט מיט דער מאַכט וועגן דעם ענין, אָבער עס האָט גאָרנישט געהאָלפן. די מענטשן האָבן זיך געמוזט ווי עס איז פאַרגלייכן מיט די צוריקגעקומענע געוועזענע זעלנער און די זאַך איז שטיל געוואָרן.

סטודענטן

שפּעטער האָבן מיר באַקומען אַ ווענדונג פון דער אַקאַדעמישער היים, אַז די יידישע סטודענטן געפינען זיך אין אַ שווערער לאַגע, זיי האָבן נישט קיין וווינונגען און האָבן נישט קיין געלט צו צאָלן פאַר די וווינונגען. זיי זענען גרייט געווען צו געבן לעקציעס פאַר אַ וווינונג. מיר האָבן גלייך גערופן אַ גרויסע פאַרזאַמלונג און אין זאַל איז געקלעפּט גרויסע לאָזונגען, מיטן רוף צו ראַטעווען די צוקונפטיקע יידישע אינטעליגענץ! אַ טייל מיט־גלידער האָבן זיך גלייך דעקלאַרירט צו געבן אַ וווינונג פאַר סטודענטן. איך

אַליין האָב אויך אַריינגענומען צו זיך אַ סטודענט און אים נאָך צוגעגעבן פרישטיק און אָוונט־ברויט. הגם איך מוז זאָגן דעם אמת, אַז איך האָב דערנאָך געהאַט צרות דערפון.

„אָ ר ט"

נאָך דער מלחמה האָט אָנגעהויבן זיין טעטיק אין פוילן די געזעלשאַפט „אָרט". אינעם קאָמיטעט זענען איינגעלאַדן געוואָרן די פאַרשטייער פון ביידע האַנטווערקער־צענטראַלעס, און מיר האָבן געאַרבעט ביים פאַרטיילן מאַשינען פאַר בעלי־מלאכות אויף צוגעגלעכע באַדינגונגען. עס זענען אויך געווען פאַרטראַטן פאַרשטייער פון די פּראָפעסיאָנעלע אַרבעטער־פאַריינען און נישט איינמאָל זענען פאָרגעקומען שאַרפע רייבונגען ביי פאַרשיידענע פראַגן. ד"ר משה זילבערפאַרב און אינזש' יוסף יאַשונסקי, שכלדיקע מענטשן, סאָציאַליסטן, האָבן שטענדיק געזען די קעגנזאַצן צו פאַרגלעטן.

טעאַטער געזעלשאַפט

איינמאָל באַקומען מיר אַ בריוו פון אַן איניציאַטיוו־גרופּע צו גרינדן אַ יידישע טעאַטער־געזעלשאַפט. די זיצונג האָט באַדאַרפט פאָרקומען אין דער אַקאַדעמישער היים אויף „נייע וועלט". איך בין געקומען אויף דער זיצונג, איך מעג עס אָנרופן, אויף דער היסטאָרישער זיצונג, ווייל דאָרט האָבן זיך צונויפגעטראָפן די באַוווסטע יידישע רעזשיסאָרן: דוד הערמאַן, מאַרק ארנשטיין און מיכאל וויכערט.

ד"ר וויכערט האָט דערקלערט, אַז אַזוי ווי עס איז נישטאָ קיין גוט יידיש פאָלקס־טעאַטער, ווייל די טעאַטערן געהערן צו פּריוואַטע מענטשן, דאַרף געשאַפן ווערן אַ געזעלשאַפטלעכער טעאַטער, וואָס זאָל קענען אויפפירן ערנסטע זאַכן און דערציִען די פאָלקס־מאַסן צו אַ גוט יידיש טעאַטער. עס איז אויסגעקליבן געוואָרן אַ קאָמיסיע אויסצואַרבעטן אַן אויפרוף צו דער עפנטלעכקייט און צו די פּאַרטייען, זיי זאָלן עס שטיצן. שפּעטער האָבן די פּאַרטייען גענומען מאַכן שטערונגען, די אַרבעטער האָבן געזאָגט: אַז זיי ווילן נישט זיצן מיט דער בורזשואַזיע ביי איין טיש און די פאָלקיסטן האָבן געזאָגט, אַז דאָס געהערט צו זייער טעטיקייט. הכלל, עס איז פון דער זאַך גאָרנישט געוואָרן.

קאפיטל אכצן

דער קאמף צווישןביידע צענטערס

מעגלעך אז צוליב דער קאנקורענץ פון די פאלקיסטן־האנטווערקער, איז אונדזער פאריין זיך פאנאנדערגעוואקסן סיי אין ווארשע און סיי אין דער פראווינץ. די האנטווערקער־קאסע האט זייער גוט געארבעט, און עס איז געשאפן געווארן א פארקויפס־באזאר פאר די מעכאנישע שוסטער. דער באזאר האט ארומגענומען נאר א באגרענעצטע צאל מייסטערס, ווייל נישט לע האבן געקענט האלטן סחורה ביי זיך אין לאגער. די ביורא פון פאריין האט זיך אויך גוט אנטוויקלט אונטער דער אנפירונג פון ח׳ דארפסמאן. דער צענטראל־קאמיטעט פלעגט רופן קרייז־קאנפערענצן און מיר פלעגן שיקן אונדזערע פארטרעטער אויף די קאנפערענצן. דאס זעלבע פלעגט טון אויך דער האנטווערקער־ראט.

איינמאל איז גערופן געווארן א קרייז־קאנפערענץ אין טשענסטאכאוו, עס זענען געקומען דעלעגאטן סיי פון לעשנא (אונדזער פאריין) און סיי פון נאלעווקי 2א׳ (דער פאלקיסטישער פאריין), און זיי האבן זיך קעגנזייטיק שטארק באקעמפט. אייגנטלעך האט די פראווינץ פארלאנגט מען זאל זיך פאראייניקן, ווייל די אינטערעסן פון די בעלי־מלאכות ליידן פון דער צעשפליטערונג. נאטירלעך האט „לעשנא״ געזאגט, אז נאלעווקי איז שולדיק און די פון „נאלעווקי״ האבן באשולדיקט אונדזער פאריין.

נאך די שטארקע קאמפן וואס זענען פארגעקומען אויף דער קאנפערענץ, זענען די דעלעגאטן געפארן צום וואקזאל בכדי אהיימצופארן. דארט האבן די פראווינצער דעלעגאטן געזען ווי די קעגנער פון ביידע צענטראלעס ריידן צווישן זיך ווי גוטע חברים. האבן אייניקע אויסגערופן: „איר זענט

דאָך קאָמעדיאַנטשיקעס, דאָרט האָט איר זיך געוואָלט דורסן און דאָ זענט איר גוטע ברידער"...

פיינלעכע צוזאַמענטרעפן פלעגן זיין, ווען עס זענען געשאַפן געוואָרן פאַרשיידענע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס, ווי צ"ב דער אַמעריקאַנער הילפס־קאָמיטעט. ביי אַ סך פראַגן האָט אין טייל האַנטווערקער געשטימט קעגן דעם צווייטן צד און אין דעם קאָמיטעט גופא האָבן די פאָלקיסטן מיט פרילוצקין בראש געהאַט מער השפעה, ווייל די ציוניסטן האָבן געהאַט אַנדערע אַרבעט און פרילוצקי האָט פּאָפּולאַריזירט דעם אַמעריקאַנער קאָמיטעט אין דער פרעסע, און ממילא האָט ער געהאַט מער אַנזען.

דאָס זעלביקע איז געווען מיטן „דזשאָינט", וואָס איז אין יענעם פּע־ריאָד געווען אַנטי־ציוניסטיש און ער פלעגט מער שטיצן די פאָלקיסטישע האַנטווערקער. דאָס האָט די פאָלקיסטן געברענגט פּאָפּולאַריטעט אויך אין דער פּראָווינץ. ווען בורגין, למשל, איז אַרומגעפאָרן אין נאָמען פון „אַמע־ריקאַנער קאָמיטעט" אין דער פּראָווינץ, כדי צו פאָרשן וועמען מען דאַרף שטיצן, האָט ער גלייכצייטיק, קומענדיק אין אַ שטעטל, געגרינדעט אַ האַנט־ווערקער־פאַריין אָדער ער האָט פאַרשטאַרקט דעם עקזיסטירנדיקן האַנט־ווערקער־פאַריין, אָדער ער האָט גאָר אונדזערס אַן אָפּטיילונג אָנגעשלאָסן אָן זיין צענטראַלע. איך האָב דאַן אָנגעשריבן אַן אַרטיקל אין „הייגט" אונטערן קעפּל „מען טאָר נישט שווייגן", און האָב אויפגעוויזן, אַז בורגין פאָרט אַרום פאַר די געלטער פון „אַמעריקאַנער קאָמיטעט" און מאַכט פאָל־קיסטישע האַנטווערקער־פּראָפּאַגאַנדע. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ פּאָלעמיק. און אין דער צייטונג, וואָס די פאָלקיסטן האָבן אַרויסגעגעבן זענען דער־שינען פּראָטעסט־רעזאָלוציעס קעגן מיין אַרטיקל.

אויפן פאַרלאַנג פון ד"ר באָריס באָגען, דעם דעמאָלסטיקן דירעקטאָר פון „דזשאָינט" איז געשאַפן געוואָרן אַ פאַרשטענדיקונגס־קאָמיסיע צו פאַר־אייניקןביידע צענטראַלעס. די קאָמיסיע האָט געאַרבעט אַ פּאָר וואָכן אָדער חדשים און נישט געקענט קומען צו קיין הסכם. האָט מען גערופן אַ צווייטע קאָמיסיע, אויך די צווייטע האָט אָפּגעאַרבעט אַ געוויסע צייט און נישט געקענט זיך אויסגלייכן, ווייל די אָנפירער פון „באַלעווקי" האָבן געוואָלט, אַז מיר זאָלן זיך אָנשליסן צום „ראַט". זייער לאָזונג איז געווען: „בידער מיט דער אינטעליגענץ"! „נאָר האַנטווערקער קענען זיין מיטגלידער

אין האַנטווערקער־פּאַריינען”! אויף דעם האָבן מיר נישט מסכים געווען. יעדע באַוועגונג אָן אינטעליגענץ איז פאַראורטיילט צו וועגעטירן. אַזוי האָט זיך עס געצויגן אין משך פון איניקע יאָר.

אַלס אילוסטראַציע פאַר די שטימונגען וואָס האָבן אין יענער צייט געהערשט אין די יידישע האַנטווערקער־רייען, וויל איך דאָ ברענגען מיינעם אַן אַרטיקל א״נ „אילוזיע אוןווירקלעכקייט”, וואָס איז פאַרעפנטלעכט געווארן אין אַפּריל פון יאָר 1922 אין דעם וואַרשעווער פּאָפּולערן זשורנאַל „דער וועגווייזער”.

> „די יידישע האַנטווערקערשאַפט, וועלכע האָט היינטער זיך אַ געשיכטע שוין פון עטלעכע דורות, איז ערשט קוים מיט צען יאָר צוריק צוגעטרעטן צו לייגן דעם ערשטן גרונטשטיין פון זיין אָרגאַניזאַציאָנס־בנין. די סיבות, פאַרוואָס דער האַנטווערקער האָט זיך אַזוי שפּעט גענומען אָרגאַניזירן, איז נישט דאָ דאָס אָרט צו אַנאַליזירן. די הויפּט־סיבה דערפון איז געווען, — וואָס מיר האָבן געוויינט אונטער דער רוסישער הערשאַפט, ביי וועלכער עס איז אוממעגלעך געווען וועלכע ס'איז טעטיקייט אויפן געזעלשאַפטלעכן געביט. בעת דער יידישער האַנטווערקער האָט אָנגעהויבן אַרויסצוטרעטן אויף דער אַרענע פון דער יידישער עפנטלעכקייט, אָדער ריכטיקער געזאָגט, ווען ער האָט אָנגעהויבן צו שטרעבן דערצו, האָט ער זיך געפונען אין אַ צושטאַנד פון דערוואַכונג, פול מיט האָפענונגען און גלויבן אין דער צוקונפט און פיל מיט יאוש און דערביטערונג צו דער פאַרגאַנגענהייט. און באמת איז דער יידישער האַנטווערקער ביז יענער צייט געווען מאָראַליש און מאַטעריעליש אויסערגעוויינלעך אונטערדריקט און האָט זיך בכלל געפונען אין אַ שפּלדיקער לאַגע. פאַראַכטעט און איגנאָרירט פון אַלע זייטן, האָט ער אין געזעלשאַפטלעכן לעבן נישט פאַרנומען קיין שום שטעלונג און נישט נאָר אַלס גאַנצע איינהייט, איז דער יידישער האַנטווערקער געווען פאַרשטויסן און איגנאָרירט, נאָר אינדיווידועל אויך.
>
> יעדן יחיד באַזונדער פלעגט מען באַהאַנדלען ווי עפּעס אַ נעבעכדיק באַשעפעניש, וואָס איז אומבאַהאָלפן, שוצלאָז און מען קען מיט אים מאַכן וואָס מ'וויל. און מ'האָט ווירקלעך מיט אים געמאַכט, וואָס מען האָט נאָר געוואָלט. עס איז דערום קיין חידוש נישט, וואָס די ערשטע האַנטווערקער־אַגיטאַטאָרן האָבן פאַר זיך געהאַט אַ גרייט און ברייט פעלד פאַר אַגיטאַציע, און די האַנטווערקער, וואָס זענען נאָך נישט געווען איינגאַנצן פאַרסמט פון גלייכגילטיקייט און אַטראָפירט אין זייער מענטשלעכער ווירדע, אַז זיי זאָלן נישט פילן די קשיוודע און אומ־

רעכט, וואָס מען פלעגט בנוגע זיי באַגיין און ווי די געזעלשאַפט פלעגט זיי בכלל באַליידיקן. — האָבן זיך באַלד אָנגעשלאָסן צו די רייען פון די האַנטווערקער־אָרגאַניזאַציעס, האָבן אָנגעהויבן צו חלומען פון בעסערע און ליכטיקערע צייטן און שטרעבן צו אַ בעסערער צוקונפט. און וואָס ערגער זיין לאַגע איז געוואָרן, אַלץ שטאַרקער האָט זיך צעפלאַקערט זיין פאַנטאַזיע און געוועבט חלומות וועגן אַ בעסערער צוקונפט. וואָס נידעריקער דער האַנטווערקער איז געווען אין סאָציאַלן זין געזונקען, אַלץ העכער און שטאַרקער איז געווען זיין שטרעבונג אַרויסצורייסן זיך פון דעם דאָזיקן פאַרכישופטן קרייז פון רעכטלאָזיקייט און שפלות. אַנשטאָט די ווערטער: „מיר ווילן אייך", „מיר זענען אייך", האָט ער דאַן אָנגעהויבן זאָגן מיט גאָר אַן אַנדערן טאָן: „מיר ווילן"! און „נאָר מיר זענען, „מיר זענען דערוואַקסן און איבערגעוואַקסן". מיר זענען אין אונדזערע אויגן אַזוי שטאַרק געשטיגן, דאָס באַוווסטזיין פון אונדזער ווירדע אַלס מענטשן און געזעלשאַפטלעכער קלאַס, איז ביי אונדז געוואָרן אַזוי שטאַרק, אַז בעת אַ פייערונג פון די האַנטווערקער האָט זיך די פאַנטאַזיע ביי אייניקע אַזוי פונאַנדערגעפלאַקערט, מיט דעם „נאָר מיר זענען די איינציקע פראָדוקטיווע", אַז אַפילו דער ה׳ סטופניצקי האָט געמוזט נעמען דאָס וואָרט און האָט אַ ביסל אָפּגעקילט די צעהיצטע פאַנטאַזיע פון די רעדנער, און ווען מען לייענט איבער די רעזאָלוציעס פונעם ערשטן און צווייטן האַנטווערקער־צוזאַמענפאָר, זעט מען באַשיימפערלעך, אַז אויף קאָפּ־אַרבעט זענען מיר ב״ה גרויסע בריות. וואָס געפינט איר נישט אין די דאָזיקע רעזאָלוציעס? פראָיעקטן וועגן בענק, קאָאָפּעראַטיוון, באַזאַרן, שולן, קורסן, צייטונגען, זשורנאַלן און רעפּרעזענטאַנטן פון אַלע מינים. אַפילו די וועלט־פּאָליטיק האָט מען דאָרט אויך נישט פאַרגעסן און עס וועט קלינגען ווי אַ פּאַראַדאָקס, ווען איך וועל אייך מגלה זיין אַ סוד, אַז ווען די אַלע זאַכן זענען פאַר האַנטווערקער געוואָרן געשאַפן, איז דאָס פאַר אים געווען נאָך ווייניק און ער האָט זיך מיט דעם נישט געפונען באַפרידיקט. ער איז נאָך אַלץ געווען נישט צופרידן און זיך געפילט באַרויבט אין זיינע רעכט. די האַנטווערקער האָבן דאָך אַפּלאָדירט, ווען עס איז באַשלאָסן געוואָרן אַרויסצוגעבן אַ צייטונג, אָבער נישט די וואַרשעווער און נישט די פּראָווינצער חברים האָבן דערפילט זייער חוב לגבי דער צייטונג. מיינט איר אפשר, אַז מיר האָבן געפאָדערט פון זיי גרויסע קרבנות? ס׳הייבט זיך נישט אָן! נאָר צו קויפן אַן עקזעמפּליאַר פאַר 50 פעניג צו יענער צייט, און מער נישט. אַ האַנטווערקער־באַנק איז געווען אונדזער ווייטסטער חלום און ווען דער דאָזיקער חלום איז אויך מקוים געוואָרן און מיר האָבן שוין געהאַט אַ האַנטווערקער־באַנק, איז

וויפל מיינט איר האָנטוועָרקער האָבן אויסגעקויפט פייען צו 1.000 מאַרק, אַ חוץ די וואָס מוזן צו דער באַנק אָנקומען געשעפטלעך? אפשר אַ מגין האָבן דאָס פאַרשטאַנען צו טון.

אַ צענטראַלע־פאַרבאַנד, אָדער אַ צענטראַל־ראַט — דאָס איז דאָך די עלעמענטאַרסטע נויטווענדיקייט פאַר דער פּראָווינץ — אַזוי האָבן געטענהט די פּראָווינצער דעלעגאַטן און זיי האָבן דאָך די דאָזיקע אינסטיטוציע געשאַפן און זיי פאָדערן דאָך אַלע מאָל רעפערענטן, אינ־סטרוקטאָרן, סטאַטוטן, לעגאַליזאַציעס מכל המינים. גאַנץ שיין, מהיכי־תיתא. אָבער אַז אַזעלכע אינסטיטוציעס דאַרפן האָבן אַ ביודזשעט מיט אויסגאַבן — דאָס האָט מען אינגאַנצן פאַרגעסן, אָדער געמאַכט זיך פאַרגעסן. דאָס זעלבע איז מיט אַלע אונטערנעמונגען, וואָס דער האַנט־װערקער שאַפט: קוים דאַרף מען די דאָזיקע אונטערנעמונגען אויס־האַלטן אויף די אייגענע פלייצעס — איז שוין איר גורל באַשטימט. פרעגט זיך: ווער איז אין דעם שולדיק? ווער איז שולדיק אין דעם, וואָס דער האַנטוועָרקער וויל, אַז זיינע אייגענע אינסטיטוציעס זאָלן אים גאָר נישט קאָסטן? שולדיק אין דעם איז אַ גרויסער טייל פון די האַנטוועָרקער־טוער, די דעמאַגאָגן, וואָס, פאַרנדיק איבער דער פּראָ־ווינץ, אָרגאַניזירנדיק האַנטוועָרקער־פאַרייגען און וועלנדיק געווינען די האַנטוועָרקער אויף זייער זייט, זאָגן זיי צו הרים וגבעות, גאָל־דענע בערג: אַז אַמעריקע וועט אַלץ שיקן, מיט אַלעמען אונדז באַ־זאָרגן, מחמת מיר זענען דאָך די אומגליקלעכע מלחמה־קרבנות, און ווען ס׳איז אַריבער אַ געוויסע צייט און דער פּראָווינצער בעל־מלאכה האָט דערזען, אַז דער פאַריין מאַכט אים גאָר נישט רייכער נאָר אַז ער, דער האַנטוועָרקער, מוז נאָך צאָלן מיטגלידס־בייטראָגן א״אַ האָט ער געגעבן אַ מאַך מיט דער האַנט און זיך אינגאַנצן אויפגעהערט אינטערעסירן מיטן פאַריין. מיט איין וואָרט, ער האָט זיך אינגאַנצן מיאש געווען אין פאַריין.

אויב מיר ווילן ווירקלעך האָבן אַן אָרגאַניזירטן יידישן האַנטוועָר־קער־קלאַס, מוזן מיר אונדזער אַרבעט אויף ס׳ניי אָנהייבן פון אָנהייב אָן. מיר מוזן זיך באַפרייען פון דער אילוזיע און אַרייַנטרעטן אין אַ פאַזע פון אַ ווירקלעכקייט און שאַפנדיקער אַרבעט. מיר דאַרפן זאָגן אונ־דזערע חברים, אַז מיר זענען נאָך נישט אַלץ און מיר וויסן נאָך נישט אַלץ. מיר דאַרפן זיך נאָך אַ סך לערנען און האָבן נאָך פיל צו דער־גרייכן, ס׳שטייט אונדז נאָך פאַר דורכצופירן אַ גרויסע אויפקלערונגס־אַרבעט. און אויב מיר ווילן עקזיסטירן, מוזן מיר אויסמיידן יעדע אילו־זיע און פעסט שטיין אויפן באָדן פון דער ווירקלעכקייט און פּראָ־דוקטיווער אַרבעט״.

קאַפּיטל ניינצן

דער מינדערהייטס־בלאָק

עס איז געווען אין יאָר 1922. די פּוילישע רעגירונג האָט געענדערט די וואַל־אָרדינאַציע און געמאַכט אַזעלכע וואַל־קרייזן, אין וועלכע די מינדערהייטן זאָלן נישט קענען אַדורכפירן קיין מאַנדאַטן, ווו עס איז דאָ אַ געמישטע באַפעלקערונג. עס איז דאַן געשאַפן געוואָרן דער בלאָק פון נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, וואָס איז געווען די קרוין־אַרבעט פון יצחק גרינבוימען.

אין בלאָק זענען אַריין כמעט אַלע בירגערלעכע ייִדישע פּאַרטייען אַ חוץ דער פאָלקס־פּאַרטיי און די פאָלקיסטישע ווירטשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס, ד״ה, דער האַנטווערקער־ראַט פון נאַלעווקי 2אַ׳ און די קליינהענדלער־אָרגאַניזאַציע פון דזיקע 5. אונדזער צענטראַלער האַנטווערקער־פאַריין פון לעשנאָ 42 איז נאַטירלעך מיטגעגאַנגען מיטן בלאָק און מיר האָבן געשאַפן אַ וואַל־קאָמיטעט, וואָס האָט אַקטיוו מיטגעהאָלפן אין דער אַרבעט.

די וויכוחים אַרום מינדערהייטס־בלאָק אין דער ייִדישער פּרעסע, האָבן זיך געצויגן אַ לענגערע צייט.

אַ פּאָר פון אונדזערע חברים — איך, בראַמבערגער, גאָלדבערג און קריסטאַל — זענען געפאָרן איבער דער פּראָווינץ פירן וואַל־פּראָפּאַגאַנדע לטובת דעם בלאָק. אַזוי האָב איך באַזוכט פּיעטרקאָוו, ווו די לאַגע איז געווען אַ שווערע, ווייל דער אַרויסגעשטעלטער ציוניסטישער קאַנדידאַט איז נישט געווען פּאָפּולער, אָדער ריכטיקער געזאָגט, נישט באַליבט. דאַן האָב איך באַזוכט בענדין און סאָסנאָוויץ, ווו עס האָט פיגורירט ד״ר שמואל וויינצנער, זייער אַ באַליבטער עסקן, כאָטש אַ ביסל אַסימילירט, מיט נטיות צו

דער פּ. פּ. ס., אָבער פּאָפּולער ביי דער ייִדישער און סיי ביי דער פּוילישער באַפעלקערונג. (ער איז אויך געווען אַ מיטגליד אין צייטווייליקן ייִדישן נאַציאָנאַל־ראַט אַלס אומפּאַרטייאישער). ער איז טאַקע דורכגעגאַנגען אַלס דעפּוטאַט אין סיים.

ביי דער געלעגנהייט וויל איך איבערגעבן אייניקע קוריאָזן פון יענער וואַל־אַקציע, אין וועלכער איך האָב מיך אַזוי אַקטיוו באַטייליקט: האַרט פאַר די וואַלן האָב איך באַקומען אַ מעלדונג פון צענטראַלן וואַל־קאָמיטעט, אַז שבת זאָל איך באַזוכן כעלם און זונטיק וולאָדאַווע. צווישן אַלע מעל־דונגען אין דער פּרעסע איז אויך געווען געמאָלדן וועגן מיינע באַזוכן אין די צוויי שטעט.

ווען איך בין געקומען קיין כעלם צו אונדזער אַ חבר, וואָס איז געווען דער פאַרטרויאונגס־מאַן פון אונדזער אָרגאַניזאַציע, האָט ער מיר דערציילט, אַז די פאָלקיסטן, וויסנדיק פון דער צייטונג, אַז איך האַלט ביי קומען, האָבן אַהער געשיקט דעם חבר טענענבוים פון לובלין, און ער האָט אָפּגע־האַלטן אַ מיטינג אין דער האַנטווערקער־אָרגאַניזאַציע און אָנגענומען אַ רעזאָלוציע נישט צו שטימען פאַרן מינדערהייטס־בלאָק נאָר פאַר דער פאָלקס־פּאַרטיי, וועמענס ליסטע עס האָט געהייסן דעמאָקראַטישער בלאָק.

איך האָב אָבער דאָך נישט געוואָלט סתם אַזוי פאַרלאָזן כעלם און אַוועקפאָרן, איך האָב באַשלאָסן צו וואַרטן אויף מאָרגן און זען אפשר איז מעגלעך צו מאַכן אַ פאַרזאַמלונג, מען זאָל אויך אויסהערן מיין מיינונג.

צומאָרגנס באַלד אין דער פרי האָבן אָנגעהויבן קומען פאַרשיידענע חברים און דעלעגאַציעס פון אָנהענגער און קעגנער, אָבער דער פאָרזיצער פון דער אָרגאַניזאַציע אין כעלם, אַ חסידיש ייִדל, האָט מיך דווקא געוואָלט איבערצייגן, אַז מיר גייען אין אַ שלעכטן וועג. ערשטנס גייען מיר זיך פאַראייניקן מיט פּאָגראָמשטשיקעס (אוקראַינער), און צווייטנס וועלן אַלע ייִדן סיי־ווי שטימען פאַר פּרילוצקין; אַז דער דעמאָקראַטישער בלאָק האָט זיכערע 18 מאַנדאַטן און אויף צוויי האַנטווערקער־מאַנדאַטן זענען זיכער. ד״ה, אַז ראסנער און בורגין זענען שוין זיכערע דעפּוטאַטן. און בכלל ווי קען ער הייסן זיינע האַנטווערקער שטימען פאַרן אַסימילאַטאָר זיידמאַן

אין לובלינער קרייז האָט קאַנדידירט דער באַקאַנטער טוער ד״ר שמעון זיידמאַן, וואָס האָט נישט גערעדט קיין ייִדיש און ביי די ברייטע מאַסן איז

פוילן איז געווען אָנגענומען, אַז די אינטעליגענץ וואָס וויל נישט רעדן קיין יידיש איז אַסימילאַטאָריש.

מיין שליחות אין כעלם איז בכן דורכגעפאַלן און עס איז מיר נאָר געבליבן צו פּרוּוון מיין מזל אין וולאָדעווע, וווּהין איך בין שוין געפאָרן אין גאָרנישט קיין געהויבענער שטימונג.

עס איז געווען אין די ווינטערדיקע חדשים, ווען עס ווערט פרי נאַכט. אַז איך בין געקומען אויף דער באַן־סטאַנציע אין וולאָדאַווע האָט געברענט אַ קנאַקנדיקער פראָסט, איך האָב גענומען מיט נאָך אַ ייִדן אַ בריטשקע צו פאָרן אין שטאָט אַריין. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אין שטאָט אַריין דאַרף מען פאָרן 6—7 קילאָמעטער. די געגנט איז אַ באַרגיקע און מיר זענען דורכגעפאָרן אַ בריק, וואָס איז איבערן טייך בוג. איך האָב שיער נישט איינגעדרימלט זיצנדיק פאַרזונקען אין געדאַנקען וועגן מיין מפלה אין כעלם.

אין דעם קומט אונדז אַנטקעגן אַ בריטשקע מיט ייִדן און מען פרעגט:

— פאָרט נישט אַמאָל דאָ אלימלך ראָק?

— יאָ! — רוף איך זיך אָן.

— קומט שוין אַריבער אויף אונדזער בריטשקע, ווייל דער „בונד“ האָט פאַרכאַפּט דאָס בית המדרש און אָפּגעהאַלטן אַ מיטינג, און וויל נישט פאַרלאָזן דאָס בית המדרש, כאָטש מיר האָבן די דערלויבעניש פון דער מאַכט.

מען האָט געשמיסן די פערדלעך וויפל עס איז נאָר אַריינגעגאַנגען, אַבי שנעלער צו קומען אין שטאָט.

איך קום אַריין אין בית המדרש, קיין שפּילקע אויף דער ערד נישט צו וואַרפן. מען הענגט אויף די פענצטער. אין דרויסן איז אַ פראָסט און אין בית המדרש איז אַ היץ. די אָרדענער פון מיטינג בעטן, אַז דער „בונד“ וואָס האָט אָפּגעהאַלטן דעם מיטינג זאָל פאַרלאָזן דאָס בית המדרש, אָבער זיי ווילן נישט הערן. מען רוישט, מען טומלט און די אָנפירער זאָגן מיר, אַז עס זענען דאָ 2 אויסוועגן, אָדער אָפּלייגן דעם מיטינג אויף מאָרגן, אָדער מיט דער הילף פון שטאַרקע הענט אַרויספירן די בונדיסטן פון בית המדרש.

אויף מאָרגן האָב איך נישט געקענט מסכים זיין, ווייל איך האָב געמוזט

זיך צוריק אין וואַרשע. איך האָב געפאָדערט, אַז דער מיטינג זאָל דורכויס פאַרקומען דעם זעלבן אָוונט.

דאַן האָט דער פאַרזיצער פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע געזאָגט מען זאָל פּרוּוון אָנהייבן דעם מיטינג, אפשר וועלן זיי נישט שטערן. איך האָב אָנגעהויבן רעדן אינעם גרויסן טומל וואָס האָט געהערשט אין בית המדרש. איך האָב אָנגעהויבן מיט אַ קורצן איבערבליק איבער דער ראָל פון „בונד" אין ייִדישן לעבן און אָנגעוויזן אויף די פּאָזיטיווע זייטן פון זיין טעטיקייט אַלס אָרגאַניזאַטאָר פונעם ייִדישן אַרבעטער; אַז דער היסטאָ־ריקער פון דער ייִדישער געשיכטע וועט געוויס שרייבן אַ שיין בלעטל פון דער דאָזיקער פּיאָנערישער אַרבעט. אָבער דאָס באַפרייט נישט דעם „בונד" מיטצוהעלפן אין קאַמף קעגן די, וואָס ווילן אָפּשוואַכן דעם נאַציאָנאַלן ייִדישן כוח און פאַרמינערן זיין רעפּרעזענטאַנץ אין די מלוכהשע אינסטאַנצן.

דער בונדישער אָנפירער, וואָס האָבן געהערט די הקדמה מיינע, האָט געגעבן אַ באַפעל, אַז עס זאָל זיין רויִק און מען זאָל מיך לאָזן רעדן, ווייל זייער רעדנער וועט שפּעטער ענטפערן.

דער בונדישער הויפּט־רעדנער האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זיין דער באַקאַנטער רייזנדער באָריס אייסוראָוויטש. איך האָב שפּעטער אַנטוויקלט דעם געדאַנק איבער דער נויטווענדיקייט פון נאַציאָנאַליטעטן־בלאָק, וואָס גיט די מעגלעכקייט, אַז די מינדערהייטן זאָלן זיין פאַרטראָטן אין סיים. כ'האָב אָנגעוויזן, אַז דער בלאָק איז נאָר אַ טעכנישער און אַז דווקא די ייִדישע אַרבעטער־פאַרשטייער וואָלטן געדאַרפט געהערן צום דאָזיקן וואַל־בלאָק.

אייסוראָוויטש האָט גענומען אַ וואָרט צו אָפּענטפערן און געזאָגט: מיר האָבן דאָ געהערט אַ רעדע פון אַ האַרעפּאַשניק, אַ פאַרשטייער פון די האַנט־ווערקער, וואָס איז אַ דעמאָקראַטישער עלעמענט, אָבער צי וועלן אויך רעדן מיט אַזאַ שפּראַך די הערן: ווישליצקי, טרוסקער און אַנדערע קאַפּיטאַליס־טישע פאַרשטייער?

וואָס אַן אמת, בנוגע ווישליצקין בין איך מיט אים געווען איינשטימיק, אָבער טרוסקער איז געווען אַ וויכטיקער און ווירדיקער פאַרשטייער פון דער ייִדישער בירגערלעכער באַפעלקערונג.

איך האָב נאָך שפּעטער גערעדט אין זאַל פון דער העברעיִשער פאָלקס־

שולע, און 2 אַזייגער בייניאַכט האָט מען מיך אַרויסבאַגלייט אויפֿן מאַרק, צו פֿאָרן צום באַן. אַזוי ווי עס איז נאָר געווען איין בריטשקע צום באַן, האָט דער פֿאָרשטייער פֿון פּראָלעטאַריאַט און דער פֿאָרשטייער פֿון דער בור־זשואַזיע געמוזט פֿאָרן צוזאַמען...

די וואַלן פֿון נאַציאָנאַליטעטן־בלאָק זענען דורכגעגאַנגען מיט אַ ריזיקן נצחון פֿאַר אַלע אָנטיילנעמער אין בלאָק, אַ חוץ פֿאַר די האַנטווערקער. מיר האָבן אַרויסגעשטעלט אַלס אונדזער קאַנדידאַט דעם דאָזאָר סטאַניסלאַוו ראָזענבערג און ער האָט געזאָלט שטיין אויפֿן 7טן אָרט. אין דער לעצטער נאַכט פֿאַרן אָפּדרוקן די ליסטעס, האָט מען געגעבן אַ דריי איבער און ד״ר בערקעלהאַמער פֿון גאַליציע, איז געשטעלט געוואָרן אויפֿן 7טן אָרט און ראָ־זענבערג אויפֿן 9טן אָרט, אַזוי אַז ער האָט שוין נישט געקענט אויסגעוויילט ווערן. מיר האָבן פּראָטעסטירט מיט אַ שאַרפֿן בריוו צום נאַציאָנאַל־ראַט. יצחק גרינבוים האָט דערעפֿענענדיק די זיצונג געזאָגט, אַז ער וויל נישט לייענען דעם בריוו, ווייל ער איז אין אַ צו שאַרפֿן טאָן. ער האָט בלויז איבערגעגעבן דעם אינהאַלט, אָבער סיי־ווי איז שוין געווען פֿאַרפֿאַלן. אַ צייט שפּעטער, בעת כ׳בין געווען אין אַ דעלעגאַציע ביי גרינבוימען, האָט ער אונדז מודה־געווען, אַז מען האָט ראָזענבערגן פֿאַררוקט אויף אַזאַ וויטן אָרט, ווייל זיין קאַנדידאַטור איז נישט געווען פּאָפּולער.

קאַפּיטל צוואַנציק

פּראָפעסיאָנעלע אַרבעט

איך בין ווייניק געווען טעטיק אין פאַך, אָדער ווי טייל רופן דאָס, אין דער פּראָפעסיאָנעלער אַרבעט. ערשטנס, ווייל איך בין נישט געקומען אין דער אָרגאַניזאַציע צוליב פאַך־אינטערעסן, און באַזונדערס איז מיין פאַך געווען אַן אומבאַדייטנדיק און קליין פאַך אַזוי, אַז איך בין נישט געוואקסן און געשטיגן אין אונדזער באַוועגונג אַדאַנק דעם פאַך, ווי עס פלעגט זיין דער פאַל מיט פיל טוער, נאָר איך האָב רעפּרעזענטירט דעם פּשוטן, אומבאַקאַנטן קליינעם האַנטווערקער. אָבער דאָך איז געווען אַ סך פאַך־טעטיקייט אין אונדזער אָרגאַניזאַציע, סיי אויפן געביט פון פּרייזן־העכערונג, שטרייק־סכסוכים, אָדער איינקויפס־פראַגן. ביי די אַלע פראַגן זענען געווען פאַרנומען די פאַרוואַלטונגס־מיטגלידער פון די באַטרעפנדיקע פאַכן, ווי צום ביישפּיל, קריסטאַל ביי די סטאָליאַרעס, קאַלישער ביי די קאַמאַשן־מאַכן, פּאַלינאַוועער ביי די מעשנגיסערס און אַזוי ווייטער. ווען עס איז אויפגעקומען עפּעס אַן אַלגעמיינע פראַגע ווו די פאַכן האָבן באַדאַרפט באַשליסן, אָדער געבן געלט, האָט מען מיך אָפט גערופן צו אַ פאַרזאַמלונג בכדי צו באַהאַנדלען דעם באַטרעפנדיקן ענין.

מיך פלעגט שטענדיק שרעקלעך דענערווירן און פאַרדריסן, וואָס די מיטגלידער, און אַפילו פאַרוואַלטונגס־מיטגלידער, פלעגן העכער שטעלן די פאַך־טעטיקייט פון די אַלגעמיין־געזעלשאַפטלעכע ענינים. און אַז עס האָט געטראָפן, אַז אין גרויסן זאַל איז געווען אַ פאַרלעזונג נישט ביי אַ פולן זאַל און אין דער זעלבער צייט פלעגן זיצן מיטגלידער אויף זייערע פאַך־זיצונגען, פלעגט עס מיך אַזוי ערגערן, אַז שפּעטער האָב איך אין דער



דערעפענונג פון פאַך־קורסן פאַר יידישע פריזירער אין וואַרשע (יאָר 1923)

צייט פון אַ רעפּעראַט נישט געלאָזט מאַכן קיין שום אַנדערע זיצונגען, נאָר אַלע האָבן געמוזט אַריין גיין אין גרויסן זאַל.

איך האָב געוואָלט, אַז דער פּרעלעגענט זאָל זען, אַז מיר האָבן אַ מאַסע און אונדז אינטערעסירן גייסטיקע און קולטורעלע ענינים. און אַז אַ פּאַר־לעזונג פון העפטמאַנען אָדער פּריידן, צי אַן אַנדער פּרעלעגענט, איז גע־הערט באַזוכט געוואָרן, האָט עס מיר געגעבן די גרעסטע באַפרידיקונג פאַר מיינע אָנשטרענגונגען אין דער האַנטווערקער־אָרגאַניזאַציע.

קאַפּיטל איינאונצוואַנציק

פּאָליטישע אַרבעט

אין יענער צייט איז געקומען צו אָפּטע צוזאַמענשטויסן צווישן דער פּוילישער רעגירונג און די יידישע נאַציאָנאַלע פאָרשטייער אין סיים, אין שטאָטראַט און אין אַלע אַנדערע מלוכהשע אינסטיטוציעס. דאָס יידישע האַנטווערקערטום איז שטענדיק געשטאַנען אויף דער זייט פון זיינע גע־ווילטע פאָרשטייער.

אייניקע מאָל האָט זיך צו אונדז געווענדט דער רעפערענט פון אינערן־מיניסטעריום פאַר יידישע ענינים ה׳ אַדיעלבערג, אַז מיר זאָלן זיי שיקן אַ מעמאָראַנדום וועגן אונדזערע באַדערפענישן, נאַטירלעך עקאָנאָמישע און ווירטשאַפטלעכע. מיר האָבן אַלע מאָל געענטפערט, אַז אונדזערע באַדער־פעניש און פאָדערונגען זענען שוין אויסגעדריקט געוואָרן דורך אונדזערע פאָרשטייער אין סיים און אין שטאָטראַט. אין דער פראַגע האָבן מיר זיך אויפגעהויבן העכער ווי די קליינלעכע אינטערעסן האָבן דיקטירט, מיר האָבן געהאָלפן פירן דעם קאַמף פאַר יידישע נאַציאָנאַלע רעכט. ווען עס איז פאָרגעקומען די אָפּשטימונג אין סיים פאַר צוואַנגס זונטיק־רו, האָבן מיר געמאַכט אַ סך פּראָטעסט־פאַרזאַמלונגען און עס איז געפּלאַנט געוואָרן צו מאַכן אַ דעמאָנסטראַציע צום סיים, נאָר דעפּוטאַט גרינבוים האָט אונדז געזאָגט, אַז עס איז מעגלעך דאָס מען וועט שיסן אין דער דעמאָנסטראַציע און דעריבער איז זי נישט צושטאַנד געקומען. אין טאָג פון דער אָפּשטי־מונג איז געווען אַ פּראָטעסט־שטרייק אין גאַנץ וואַרשע און דער האַנט־ווערקער איז געווען דער אַוואַנגאַרד אין דעם שטרייק.

דאָסגלייכן ווען עס זענען געקומען פאַרשיידענע דעלעגאַציעס פון אויס־

לאַנד וועגן אויספאָרשן און פאַרמיטלען צווישן די ייִדן און דער פוילישער רעגירונג, זענען די האַנטווערקער געשטאַנען פאַר די נאַציאָנאַלע פאָדערונגען פון גאַנצן נאַציאָנאַלן ציבור, און אַפילו שפּעטער, ווען פּילסודסקי האָט געמאַכט די איבערקערעניש, און עס איז געוואָרן אַ האַלב־דיקטאַטאָרישע מאַכט און אינערן־מיניסטער איז געווען שוויטאַלסקי, האָבן מיר געקריגן אַן איינלאַדונג אין אינערן־מיניסטעריום און דאָרט האָט מען אונדז קלאָר געזאָגט, אַז מיר זאָלן זיך אָפּזאָגן פון די פּאָליטישע פאָדערונגען וואָס עס פאָדערן די דעפּוטאַטן. און כאָטש מיר האָבן געוווסט, אַז עס קען שמעקן מיט פאַרמאַכן דעם פאַריין און אַוועקשיקן קיין קאַרטוז־בערעזע, זענען מיר נישט אָפּגעטראָטן און נישט פאַרלאָזט דעם נאַציאָנאַלן פראָנט.

קאַפּיטל צווייאונצוואַנציק

ווידער די פאַראייניקונגס־פראַגע

דאָס איז געווען ווען סטאַניסלאַוו ראָזענבערג איז געווען פאָרזיצער פון צענטראַלן האַנטוועקער־פאַריין אויף לעשנאָ 42. ראָזענבערג אַלס אָרענט־לעכער און פּאָרזיכטיקער מענטש האָט נישט געלאָזט מאַכן קיין אויסגאַבן פאַר דער פּראָווינץ. די פּראָווינץ ווידער, אַז מען האָט זי נישט באַזוכט און נישט געשיקט איר קיין צירקולאַרן, האָט עס געהייסן, אַז מיר זענען נישט טעטיק. אונדזער טעכנישער דירעקטאָר, דאַרפמאַן, איז אַוועק אַרבעטן אין באַנק פאַר קאָאָפּעראַטיוון און עס איז געבליבן אַרבעטן אַ סעקרעטאַר אַ יינגל, וואָס האָט נישט געקענט פירן די אַרבעט פון אַ צענטראַלן פאַריין מיט אָפּטיילונגען אין צענדליקער שטעט. מיר פלעגן פון צייט צו צייט רופן דעם הויפּט־צענטראַל־קאָמיטעט און די דעלעגאַטן פלעגן זיך קלאָגן, אַז די „באַלעוואקי" אַרבעט און מיר שלאָפן און פאָרגעלייגט מיר זאָלן זיך פאַראייניקן, ווייל זיי לײדן פון די צוויי צענטראַלעס. דער „דזשאָינט" פלעגט אויך פאַרלאַנגען, אַז מיר זאָלן זיך פאַראייניקן און עס איז ווידער אַוועקגע־זעצט געוואָרן אַ קאָמיסיע פון ביידע צדדים, וואָס האָט געאַרבעט טאָג און נאַכט און עס איז שוין געווען פאַרטיק אַן אָנגעשריבענער אָפּמאַך. מען איז געגאַנגען אין „דזשאָינט"־ביוראָ, מען האָט געטרונקען לחיים און געהאַלטן פייערדיקע רעדעס און דאַן איז מען אַלע אַרויף אויף לעשנאָ 42 און דאָ האָט מען ווידער געטרונקען לחיים און ווידער געהאַלטן פייערדיקע רעדעס וועגן דעם גרויסן ווערט פון האַנטווערקער־קלאַס. עס געדענקט זיך מיר, אַז דער דענקער און שריפטשטעלער ש. י. סטופּניצקי, וואָס איז נישט מיט־געווען געוואָרן מיטן שטראָם פון גרויס מאַכן דעם האַנטווערקער־קלאַס

האָט געזאָגט: „אַ שמינית שבשמינית גאווה מעג אַ תלמיד חכם באַזיצן, און מיר דאַרפן נישט צו הויך איבערשאַצן אונדזער ווערט". דער סוף איז אָבער געווען, אַז נאָכן טרינקען לחיים, איז די פאַראייניקונג נישט צושטאַנד־געקומען, ווייל איין פּונקט איז געבליבן אָפן, נישט באַהאַנדלט: דער לאָקאַל לעשנאָ 42. מיר האָבן געהאַלטן אַז די לאָקאַלן בלייבן באַזונדער עקזיסטירן, ווו עס געפינען זיך די פאַריינען, אָבער די הויפּט־לייטונג ווערט פאַראייניקט אין איין קערפּערשאַפט, אויף דעם האָבן די פאָרשטייער פון „נאַלעווקי" נישט געוואָלט איינגיין, און עס איז ווידער געבליבן ווי געווען. מיר האָבן זיך באַראַטן מיט יצחק גרינבוימען, וואָס זאָלן מיר טון, כדי אויפצו־לעבן דעם פאַריין, און ער האָט אונדז געראַטן צוצונעמען אַ גוטן סעקרע־טאַר, וואָס זאָל אָנפירן מיט אונדזער גאַנצער אַרבעט.

מיר האָבן דאַן אַנגאַזשירט א. י. פּראַוואַלסקין.

קאַפּיטל דרייאונצוואַנציק

די ערשטע שטאָטראַט־וואַלן אין באַפרייטן פּוילן

עס זענען אָנגעקומען די ערשטע שטאָטראַט־וואַלן אין דער נייער פּוילישער רעפּובליק. די ייִדישע פּאַרטייען און גרופּירונגען האָבן געמאַכט אַלע צוגרייטונגען צו די וואַלן. זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז די האַנטווערקער־אָרגאַניזאַציע פון לעשנאָ 42 האָט זיך אויך געגרייט צו די וואַלן. עס איז אָבער אָנגעקומען אַ פאָרשלאַג פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, אַז דער פאַריין זאָל זיך אָנשליסן אין ציוניסטישן בלאָק, וואָס איז געשאַפן געוואָרן פון אַלע ציוניסטישע און פּראָ־ציוניסטישע גרופּן. דער קאַנדידאַט אונדזערער איז געווען אינזשיניער אַדאַם טשערניאַקאָוו, אָבער ער האָט נישט געוואָלט אונטערשרייבן אַ דעקלאַראַציע, אַז ער וועט אין שטאָטראַט שטיצן אַלע פאָרשלאַגן פון די איבעריקע ראַטמענער פון דעם ציוניסטישן בלאָק. מיר זענען דעמאָלסט געגאַנגען אַליין צו די וואַלן, אָבער מיר האָבן פאַרשפּילט.

עס האָט געפעלט אַ קליינע צאָל שטימען מיר זאָלן האָבן אַ מאַנדאַט און מיר זענען געבליבן אָן אַ פאָרשטייער אין שטאָטראַט. דוכט זיך, אַז נאָך דעם דורכפאַל איז טשערניאַקאָוו געווען געוואָרן צום נאַציאָנאַלן לאַגער און ער איז געוואָרן ווי איינער פון אונדז. ער האָט דעמאָלסט געאַרבעט אַלס דירעקטאָר פון אויפבוי־אָפּטיילונג ביים „דזשאָינט”, צו ערשט אין וואַרשע, דערנאָך אין בריסק.

די צווייטע האַנטווערקער־אָרגאַניזאַציע איז געגאַנגען מיט די פאָלקיסטן און ראַסנער איז געוויילט געוואָרן אַלס ראַטמאַן און שפּעטער אויך געווען סיים־דעפּוטאַט, נאָכדעם ווי ה. ד. נאָמבערג האָט זיך אַנטזאָגט פון זיין סיים־מאַנדאַט.

קאַפּיטל פיראונצוואנציק

קוריאָזן פון מיינע געזעלשאַפטלעכע רייזעס אין פּוילן

איך האָב באַזוכט אַ סך שטעט אין פּוילן. באַזוכט — הייסט געפאָרן און געהאַלטן רעדעס. אייגנטלעך, קיין מאַסן־רעדנער בין איך נישט געווען, דאָס זענען דווקא געווען ראסנער און בראַמבערגער. ראסנער האָט די מאַסע מיטגעריסן, אָנגעצונדן, הגם נישט שטענדיק מיטן אמת, אממיינסטן האָט ער געקענט ווירקן אויף אַ נישט באַוווסטזיניקער מאַסע. דאַקעגן בראַמבערגער האָט געבויט זיין רעפעראַט ווי אַן אַרכיטעקט, דורכגעפלאָכטן מיט דברי חז״ל, אַז עס איז געווען אַ פאַרגעניגן אים צו הערן. איך ווידער האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט קורצע מאָטיווירונגען און מיט ריידן מיט הארץ און איבערצייגונג. איך האָב דערביי באַזיצט אַ שוואַכע רעדנער־שטימע און לענגער ווי אַ 30 מינוט האָב איך נישט געקענט רעדן. דאַקעגן בראָמבערגער פלעגט רעדן שעהן און די פּראָווינץ האָט ליב, אַז עס קומט אַ דעלעגאַט, זאָל ער רעדן לאַנג. אַזוי האָב איך אין מיינע רייזעס געהאַט הצלחות און אויך דורכפאַלן. צוזאַ דורכפאַל געדענק איך אין שטאָט קאַליש.

איך בין געשיקט געוואָרן פון דער צענטראַלע צום חנוכת הבית פון דאָרטיקן האַנטווערקער־פאַריין. איך בין אָנגעקומען אין מיטן דער נאַכט און בין אַוועק אין האָטעל שלאָפן. אין דער פרי האָט מען מיך אויפגעזוכט און מיך אַרומגעפירט ווייזן אַלע חרוב־געוואָרענע הייזער און פאַבריקן. עס איז געווען אין יאָר 1920. די פייערונג האָט באַדאַרפט פאָרקומען אין טעאַטער־זאַל, און ווייזט אויס, אַז איך בין געווען אַ גרויסער עם־הארץ ווי אַזוי אָפּצוהיטן די שטימע. איך האָב געמיינט, אַז אויב איך וועל עסן אַ פעטע זאַך וועט דאָס מיר געבן כוח צו רעדן. האָב איך אין רעסטאָראַן

יודישער
האנדווערכער פעריין
אין קאליש.

איינלאדונג.

1918 — 10=יעהריגער יובילעאום פייערונג — 1928

שנעלדר. שטשעפּשינסקי קאליש

באַשטעלט אַ קאָטלעט און מען האָט מיר דערלאַנגט יענעם קאָטלעט. ווען איך האָב נאָר אָנגעהויבן רעדן, האָט מיר אָנגעהויבן גליווערן און קלעפּן דאָס מויל און איך האָב באַלד גענומען טרינקען וואַסער. און איך האָב קוים געקענט רעדן. איך האָב דעריבער שנעל פאַרענדיקט און עס פאַרשטייט זיך, אַז איך בין דורכגעפאַלן.

אַ צווייטן פאַל האָב איך געהאַט אין מעזריטש. דאָרט בין איך נישט דורכגעפאַלן צוליבן רעדן, נאָר עס איז געווען אַן אַנדער צרה. עס זענען געווען שטאָטראַט־וואַלן. מיין מיטינג האָט באַדאַרפט פאָרקומען אויפן הויף פון ד״ר קאַפּלאַן. אין דער פרי איז פאָרגעקומען אַ מיטינג פון „בונד״ ווו הערשל הימלפארב האָט געהאַלטן אַ רעדע און האָט געמאַכט אַ תל פון אַלע פאַרטייען און אויסגעפירט, אַז ווען דער סאָציאַליזם וועט האָבן די מאַכט וועט זיין אַ גן־עדן. אַז איך האָב גענומען רעדן האָב איך זיך אָפּגעשטעלט אויף הימלפאַרבס רעדע און געזאָגט ווי קען מען גלויבן די אַלע הבטחות, וואָס דער „בונד״ זאָגט צו. אָט איז רוסלאַנד, ווו דער אַרבעטער־קלאַס האָט די מאַכט, נו, ווו איז דאָרט דער גן־עדן? עס זענען ווייטער דאָ טורמעס, נישטאָ קיין פריי וואָרט, פרייע פּרעסע. איך האָב נישט געוווסט, אַז אויפן מיטינג געפינען זיך אַ ביסל קאָמוניסטישע יוגנטלעכע. זיי האָבן מיר אָנגעהויבן מאַכן צווישנרופן:

— וואָס זאָגט איר דאָס אונדז, דערציילט דאָס דער פּוילישער רעגירונג, וועט איר נאָך באַקומען אַ פּרעמיע...

נו, האָבן שוין אַנדערע מיטגעהאָלפן און עס איז געוואָרן אַ טומל און מען האָט זיך געריסן צו מיר מיט פויסטן. דער מיטינג איז איבערגעריסן געוואָרן און איך האָב אים שוין שפּעטער פאַרענדיקט אין זאַל פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע.

אַ קאָמישער פאַל האָט געטראָפן ווען איך און בראַמבערגער זענען אַמאָל געקומען קיין ביאַליסטאָק. מיר זענען געקומען גאַנץ פרי אין גאַסט־הויז אַריין, דאָס איז געווען נישט לאַנג נאָך דער מלחמה. עס איז געווען אַ „שוואַרצער מאַרק״ אויף אַלע סחורות. מיר קומען אין האָטעל, גיט אונדז אַ ייִד אָפּ שלום עליכם „וואָס קויפן ייִדן?״ און מען האָט אונדז אָנגעהויבן אויסרעכענען פאַרשיידענע נעמען פון סחורות, וואָס האָבן אין מיינע אויערן געקלונגען ווי די ווערטער פון יקום־פורקן. אַז מיר האָבן געענטפערט, אַז

מיר קויפן גאָרנישט זאָגט ער: „אַז איר קויפט נישט, מוזט איר דאָך האָבן צו פאַרקויפן?" אַז מיר זאָגן, אַז מיר האָבן גאָרנישט צו פאַרקויפן; „נישט קויפן נישט פאַרקויפן, טאָ נאָכוואָס זענט איר געקומען פון וואַרשע קיין ביאַליסטאָק? אפשר אַ שידוך? מיר האָבן שידוכים אויך!" אַז מיר האָבן זיך צעלאַכט, האָט ער אונדז אַריינגערופן אין אַ זייטיק צימער, דאָך צו וואָס קומען ייִדן אין אַזעלכע פרעסט קיין ביאַליסטאָק? אַז מיר האָבן אים דערקלערט, אַז מיר קומען געזעלשאַפטלעך. אַזוי? האָט איר דאָך געקענט באַלד זאָגן, הערט מענטשן, איך בין דאָך אויך אַ געזעלשאַפטלעכער מענטש. דער רעדאַקטאָר פון ביאַליסטאָקער „נייע לעבן" איז מיינס אַ קוזין.

מיר האָבן באַדאַרפט רעדן אין האַנטווערקער־פאַריין. גראָד איז אין טעאַטער פאָרגעקומען אַ מיטינג פון דער פאָלקס־פּאַרטיי. נאָך דער רעדע האָט אָפּאָנירט אַ רעדנער פון „בונד". איך הער די שטימע און זי איז מיר באַקאַנט. ביז איך האָב דערקענט, אַז דאָס איז ארטור זיגעלבוים. אַרטור איז געווען מיין שוועגערינס אַ קוזין, און ער פלעגט אַלס ייִנגל פון 13—14 יאָר ביי איר שלאָפן און שרייבן פּאָעזיעס און זיי מיר ווייזן איך זאָל זאָגן מבינות. עס איז אים און אויך קיינעם נישט איינגעפאַלן, אַז דער בחור וועט אַמאָל פאַרשריבן ווערן אין דער ייִדישער געשיכטע מיט גאָלדענע און בלוטיקע בוכשטאַבן אַלס קדוש, וואָס האָט מקדש השם געווען און זיך געאָפּפערט אַלס קרבן צו ברענגען אַ פאַרבעסערונג די ברידער, וואָס מען האָט זיי טאָג־טעגלעך געקוילעט אין דעם גיהנום פון טרעבלינקע און אוישוויץ.

קאַפּיטל פינפאונצוואַנציק

די ערשטע קהילה־וואַלן אין וואַרשע

דאָס מאָל האָט דער דעפּאַרטאַמענט פאַר ייִדישע ענינים אינעם פּוילישן אינערן־מיניסטעריום אויסגעאַרבעט אַ וואַל־אָרדינאַציע פאַר די ייִדישע קהילות אין פּוילן, און עס זענען באַשטימט געוואָרן די וואַלן אין וואַרשע.

אַלע פּאַרטייען האָבן זיך שטאַרק געגרייט צו די וואַלן. געוויסע ווירט־שאַפטלעכע גרופּירונגען זענען אויך געגאַנגען צו די דאָזיקע וואַלן. דער האַנטווערקער־ראַט און די קליינהענדלער זענען געגאַנגען אין אַ בלאָק מיט די פאָלקיסטן, נאָר אונדזער צענטראַלער האַנטווערקער־פאַריין איז צוגע־טראָטן זעלבסטשטענדיק צו פירן די וואַל־אַקציע. די פאָרבאַרייטונגען זענען געמאַכט געוואָרן און מיר האָבן געקראָגן אַ פאַרטרעטונג אין צענטראַלן וואַל־קאָמיטעט ביי דער קהילה. עס האָט זיך געפאָדערט אַ ריזיקע אַרבעט און אויך אַ סך געלט און די געלט־פראַגע האָט טאַקע שטאַרק באַאומרויִקט אונדזער פאַרוואַלטונג.

אויף אַ זיצונג האָב איך געמאַכט אַ פאָרשלאַג, אַז מען זאָל איין פּלאַץ אָפּגעבן אַ מער רייכערן מיטגליד. איך האָב אייגנטלעך נישט געמיינט דעם ערשטן פּלאַץ, נאָר איך האָבן געהאַט די דערפאַרונג פון נאַציאָנאַל־ראַט, ווו מען האָט אויך געגעבן מאַנדאַטן רייכע ייִדן, כדי צו קענען אויסהאַלטן די וואַלן (שערעשעווסקי, ווישליצקי). טשערניאַקאָוו, הערנדיק דעם פאָר־שלאַג, האָט מיך שטאַרק געשטיצט און מען האָט גענומען דעם חבר ישעיהו לאַנדשטאַק, וואָס האָט געגילט פאַר אַ רייכן ייִד, און מען האָט אים געגעבן דעם ערשטן מאַנדאַט דערצו. אויף מער איז סיי־ווי קיין אויסזיכטן נישט געווען

עס איז געווען אַ העפטיקער קאַמף. דער פאַלקיסטישער בלאָק האָט געהאַט די שטיצע פון „מאָמענט", ווייל ער איז געגאַנגען מיט פּרילוצקין און פּרילוצקי איז געווען דער רעדאַקטאָר פון „מאָמענט". דאַקעגן מיר האָבן באַדאַרפט פאַר אַלעם צאָלן. איך געדענק איינמאָל, 2 טעג פאַר די וואַלן איז דערשינען אין „מאָמענט" אַן אַנאָנס אויף אַ האַלבער זייט. דאָס זענען געווען מעלדונגען פון אַלע פאַריינען, וואָס זענען געווען אויף נאַלעווקי, אַז די פאַרוואַלטונגען הייסן זייערע מיטגלידער שטימען פאַר דעם דעמאָקראַ־טישן בלאָק (אַזוי האָט געהייסן די פאַלקיסטישע ליסטע).

י. לאַנדשטאַק האָט שוין געהאַט אַריינגעלייגט געגוג געלט אין דער וואַל־אַקציע און טשערניאַקאָוו איז צו אים צוגעשטאַנען, ער זאָל נאָך ברענגען אַ קרבן און געבן אויף דעם לעצטן טאָג אַן אַנאָנס אין „היינט" און אין „מאָמענט" אין נאָמען פון אונדזערע פאַרוואַלטונגען. ער האָט שוין קיין חשק נישט געהאַט צו מאַכן נאָך הוצאות און עס קען זיין, אַז ער האָט נישט געגלויבט אין נצחון. אָבער אונטער טשערניאַקאָווס דרוק איז ער מסכים געווען. אין אונדזער אַנאָנס האָבן 34 פאַריינען גערופן צו שטימען פאַר דער איינציקער זעלבסטשטענדיקער האַנטווערקער־ליסטע צו די קהילה־וואַלן. דער קאַמף איז געווען אַ הייסער און מיר האָבן באַקומען 430 שטימען אָבער עס האָבן געפעלט עטלעכע שטימען צו אַ מאַנדאַט.

מיר האָבן געמאַכט אַ פאַרבינדונגס־ליסטע מיט דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, האָבן זיי געוואָלט, אַז דאָס רעשטל, דאָס הייסט, אונדזערע אַלע שטימען, זאָלן געציילט ווערן צו זייער ליסטע. מיר האָבן געטענהט, אַז מיר זענען דאָס גרעסערע רעשטל דאַרפן זיי אונדז געבן זייער רעשטל, אַז מיר זאָלן האָבן אַ מאַנדאַט. און די גערעכטיקייט איז דאָך געווען מיט אונדז, אָבער זיי זענען נישט איינגעגאַנגען, און מיר האָבן אָנגעגעבן אַן אַפּעלאַציע צום רעגירונגס־קאָמיסאַר פון די וואַלן. ער האָט געפּסקנט, אַז מיר זענען גערעכט און מיר האָבן באַקומען דעם מאַנדאַט און ישעיהו לאַנדשטאַק איז אַריין אין קהילה־ראַט. סטאַניסלאַוו ראָזענבערג איז דורכ־געגאַנגען פון דער ליסטע פון די ציוניסטן און אַזוי האָבן מיר פאַקטיש געהאַט 2 פאַרשטייער און אונדזערע קעגנער מיט דער פאַלקס־פאַרטיי און קליינהענדלער האָבן געהאַט 2 מאַנדאַטן און, דאַכט זיך, נישט קיין איין האַנטווערקער.

קאַפּיטל זעקסאונצוואַנציק

דער צעניאָריקער יובילעאום

סוף 1923 האָב איך דערמאָנט די פאַרוואַלטונג, אַז עס ווערט צען יאָר זייט די אָרגאַניזאַציע איז געגרינדעט געוואָרן און מען דאַרף איינאָרדענען אַ גרויסע פייערונג.

עס איז געווילט געוואָרן אַ יובילײ־קאָמיטעט און איך בין געוואָרן דער פאָרזיצער פון קאָמיטעט. איך האָב אויך אַריינגענומען אין קאָמיטעט דעם חבר העלענגלאס, וואָס איז צוליב אומפאַרשטענדלעכע סיבות געווען אין פאָלקיסטישן פאַריין, הגם ער איז געווען אַ גוטער ציוניסטישער עסקן. וואַרשיינלעך האָט ער זיך געמוזט פון עפּעס באַלײדיקן, און דאָרט, ביי די פאָלקיסטן, האָט מען אים זייער שיין אויפגענומען, כדי צו ווייזן, אַז עס זענען ביי זיי דאָ אויך ציוניסטן.

דער קאָמיטעט האָט פון זיך אויסגעטיילט אַ פּאָר סוב־קאָמיסיעס און אַ רעדאַקציע־קאָמיסיע אַרויסצוגעבן אַ יובילײ־אַלמאַנאַך. עס איז באַשלאָסן געוואָרן צו באַנייען אַ פאָן און אַלע פאַריינען זאָלן מאַכן עמבלעמען פון יעדן פאַך. די פאָן איז געווען פון איין זייט פּויליש און פון דער אַנדערער זייט יידיש, אַ ווייס־בלויע פון זייד. דאַן האָט מען זיך אַוועקגעזעצט שרייבן אַרטיקלען און לידער פאַרן יובילײ־בוך. און דאָ איז געווען אַ ביטער עסק. יעדער האָט געוואָלט עס זאָלן געדרוקט ווערן זיינע זאַכן. קורץ, די אַרבעט איז געגאַנגען אין פולן ברען און עס איז געווען אַ יום־טובדיקע שטימונג ווי ביים גרייטן זיך צו אַ חתונה פון אַן איינציקער טאָכטער.

די צוגרייטונגען האָבן לאַנג געדויערט און דער יובל איז געפייערט געוואָרן ערשט אין אַפּריל 1924, חול המועד פּסח.

יג׳יע כפיך כי תאכל אשריך וטוב לך

דער
יודישער האנדװערקער
יובילעאום - אלמאנאך
געװידמעט דער 10 יעריגער עקזיסטענץ
פון
צענטראל - האנדװערקער פעראיין אין פוילען
רעדאגירט דורך א. י. פראװאלסקי און מ. ראק

ארויסגעגעבן דורכן
יובילעאום קאמיטעט
װארשע

א ל י מ ל ך   ר א ק

לכבוד
דעם צעהן־יעהריגען האנדווערקער־יובילעאום.

די זון געהט אויף אין „יום־טוב קליידער",
שיט מיט שמחה שטראהלען פיל,
אלע פויגעל זינגען שירה
און די וויכסעל מורמעלט שטיל.

ס'איז א פאלק, א קלאס געבוירען,
האט צום לעבען אויפגעוואכט,
צוריסען זיינע שקלאפען־קייטען
פון דער לאנגער גלות־נאכט.

זינגט־זשע, ברידער, מיט מיר שירה,
זאלען הערצער קלאפען שטארק,
זאל זיך היינט אין יום־טוב צירען
בוים און בלומען, טאל און בארג.

ס'איז דער יובילעאום־יום־טוב
פון יודישען האנדווערקער־שטאנד,
וועלכער בויט, שמידט און טרוימט דאך
בויען אין זיין אייגען לאנד.

מ. ראק.

אין דער פרי, אין טאָג פון דער בייערונג, האָבן זיך צונויפגעזאַמלט די 24 פאַריינען אויף לעשנאָ 42. יעדער פאַריין מיט זיין טראַנספּאַראַנט מיט דער פאַרוואַלטונג בראש. אַלע אין יום־טוב־קליידער מיט שטראַלנדיקע פּנימער. מען האָט שפּאַצירט איבער די גאַסן פון דער רעזידענץ וואַרשע. עס איז אויסגעקומען אַדורכצוגיין איבער אַ סך קריסטלעכע גאַסן און די מאַניפעסטאַציע האָט אַרויסגערופן אויפמערקזאַמקייט, ווייל די מאַניפעס־טאַנטן זענען נישט געווען קיין יוגנטלעכע, נאָר מענטשן אין די מיטעלע יאָרן. און ווען מען האָט געזען אַז עס מאַרשירן יידישע האַנטווערקער, האָט עס אַרויסגערופן אַ געוויסן רעספּעקט אַפילו ביי די קריסטלעכע דורכגייער.

אין קאַמינסקי טעאַטער, ווו דער יום־טוב איז פאָרגעקומען, איז געווען אַ פייערלעכע שטימונג. עס זענען געקומען דעלעגאַטן פון אַ גרויסער צאָל שטעט. געווען אויך פאָרשטייער פון פאַרשיידענע יידישע אינסטיטוציעס און פאַריינען און אויך פון אַרבעטס־מיניסטעריום. נאָר די שוועסטער־אָרגאַניזאַציע פון נאַלעווקי 2אַ׳ האָט באָיקאָטירט די פייערונג.

מיט אַ הייליקן געפיל און ציטער האָב איך דערעפנט די אַקאַדעמיע און געגעבן אַן איבערבליק, איבער די דערגרייכונגען פונעם יידישן האַנט־ווערקער אין פאַרלויף פון די 10 יאָר. פון אַ צעשאָטענער אומבאַהאָלפענער סטאַדע זענען מיר געוואָרן אַן אָרגאַניזירטער פּראָדוקטיווער כח אין יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן.

עס זענען געהאַלטן געוואָרן פיל באַגריסונגען און דער יום־טוב איז דורכגעפירט געוואָרן מיטן פולן גלאַנץ.

קאַפּיטל זיבנאונצוואַנציק

קרעדיט־קאָאָפּעראַטיוון, שטייערן און שטייער־קאָמיסיעס

פּאַראַלעל מיט דער אַנטוויקלונג פון די פּוילישע רעגירונגס־אָרגאַנען אין דער פּוילישער רעפּובליק, האָבן זיך אויך אַנטוויקלט די ייִדישע סאָציאַל־עקאָנאָמישע און געזעלשאַפטלעך־נאַציאָנאַלע לעבנס־פאָרמען. אין יעדער שטאָט און שטעטל זענען געגרינדעט געוואָרן קרעדיט קאָאָפּעראַטיוון אָדער ווי מען פלעגט זיי רופן, לייַ־ און שפּאָר־קאַסעס. דער ייִדישער האַנטווערקער האָט מיט אַ געהעריקער וואַכזאַמקייט זיך באַטייליקט אינעם גרינדן די דאָזיקע קאַסעס און אין פיל פלעצער פאַרנומען אַ פירנדיק אָרט אין זיי. אין די גרעסטע צענטראַלע שטעט, ווי וואַרשע, לאָדזש, קראָקע, ווילנע א״אַ, זענען געווען ספּעציעלע האַנטווערקער־בענק, אויך אויף קאָאָפּעראַטיווע יסודות. די דאָזיקע קאַסעס פלעגן קריגן זייערע קרעדיטן פון דער באַנק פאַר קאָאָפּעראַטיוון, אין וועלכע דער „דזשאָינט" האָט אַריינגעגאָסן זיינע געלטער אום צו פאַרטיילן צו די קלענערע בענק. איידער אַ קאַסע האָט באַקומען די קרעדיטן האָט זי באַדאַרפט שיקן אירע באַלאַנסן אין רעוויזיאָנס־פאַרבאַנד. עס האָט גענומען אַ לענגערע צייט, און אַז די באַלאַנסן האָבן געוויזן, אַז די קאַסעס קענען זיך אַליין אויסהאַלטן, דאַן פלעגט מען ערשט באַקומען די צוגעזאָגטע קרעדיטן, נישט אַלע מאָל אין דער פולער מאָס.

אַ באַזונדערע פּרשה זענען געווען די שטייער־קאָמיסיעס. דאָ זענען די האַנטווערקער געווען געהעריק פאַרטראָטן און האָבן מיט ווירדע און לאָגיק אָפּגעשלאָגן די טענדענצן פון די אַנטיסעמיטישע מיטגלידער אין די קאָמיסיעס, וואָס האָבן געוואָלט די גאַנצע לאַסט פון די שטייערן אַרויפוואַרפן אויף די ייִדישע פּלייצעס. ווי באַוווּסט איז יענער פּעריאָד גערופן

געוואָרן — דער „גראַבסקי־פעריאָד״, וואָס האָט רויִנירט דעם ייִדישן מיטלשטאַנד, ווייל מען האָט באַדאַרפט צאָלן 3 מיני שטייערן: אומזאַץ־שטייער, איינקונפט־שטייער און פאַרמעגנס־שטייער, אויסער די לאָקאַלע אָרטיקע שטייערן, ווי לאָקאַל־שטייער, קהילה־שטייער אאַז״וו. דאָס האָט גע־פירט צו באַנקראָטן, ווייל דעם גאַנצן באַוועגלעכן אומזאַץ־קאַפּיטאַל האָט אויסגעזויגן די רעגירונג און מען איז שוין נישט געווען בכוח אויסצופירן די קרעדיט־פאַרפליכטונגען.

קאַפּיטל אַכטאונצוואַנציק

דער 14טער ציוניסטישער קאָנגרעס

דער שטייער־צוואַנג וואָס האָט געדריקט די יידישע באַפעלקערונג און חרוב געמאַכט אַ סך יידישע אונטערנעמונגען, האָט גורם געווען, אַז די יידן זאָלן אָנהייבן טראַכטן זיך אַרויסצורייסן פון אַזאַ מלוכה, וואָס איר אויפגאַבע איז צו רויִנירן אירע בירגער. אַזוי ווי די טויערן פון כמעט אַלע אַנדערע לענדער זענען געווען געשלאָסן איז דער שטראָם פון דער עמיגראַציע געגאַנגען הויפּטזעכלעך קיין ארץ־ישראל. עס האָבן זיך אין פּוילישן ציוניזם דאַן געשאַפן צוויי ריכטונגען: „עת לבנות" און „על המשמר". די ערשטע האָבן פאַרטראָטן די מיינונג, אַז ארץ־ישראל דאַרף געבויט ווערן דורך אַלע קלאַסן און שיכטן פון פאָלק און, אַז די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע דאַרף שטיצן אַלעמען, דערהויפּט דעם מיטלשטאַנד, דעם האַנטווערקער, ער זאָל זיך קענען איינוואָרצלען אין ארץ־ישראל. „על המשמר" האָט געהאַלטן, אַז מען דאַרף אָפּהיטן די ריינקייט פון ציוניזם און דאָס ערשטע דאַרף מען שיקן און שטיצן נאָר חלוצים.

מיר, די האַנטווערקער און דער עיקר דער צענטראַלער האַנטווערקער־פאַריין פון לעשנאָ 42, וואָס האָט שטענדיק געשטיצט און געהאָלפן דעם ציוניזם ביי אַלע אַקציעס, האָבן געהאַלטן, אַז מיר פאַרדינען צו האָבן אַ השפעה ביים באַשטימען די קאַנדידאַטן צו דער עליה. דער פּאַלעסטינע־אַמט האָט אָבער נישט געוואָלט אַנערקענען אונדז אַלס אַ ציוניסטישן פאַקטאָר, וואָס זאָל האָבן די רעכט צו דעלעגירן זיינע פאַרשטייער אין מחלקת עליה. אויף דעם געביט זענען פאָרגעקומען געשפּרעכן און אַ בריוו־אויסטויש מיטן פּאַלעסטינע־אַמט, ביז עס איז געקומען די צייט פון 14טן ציוניסטישן

קאָנגרעס, וואָס איז פאָרגעקומען אין יאָר 1925 אין ווין. מיר האָבן באַשלאָסן צו שיקן אַן אייגענעם פאָרשטייער צום קאָנגרעס. מיר האָבן זיך באַמיט צו פאַרקויפן אַ סך שקלים. נאָך פאַרשיידענע אונטערהאַנדלונגען האָבן מיר געשלאָסן אַן אָפּמאַך מיט „עת לבנות", וועגן אַ מאַנדאַט פאַר די האַנט־ווערקער. אַזוי ווי די אונטערהאַנדלונגען מיט דער צווייטער האַנטווערקער־אָרגאַניזאַציע וועגן פאַראייניקונג זענען שוין געוועזן אויף אַ וועג, האָט מען באַשלאָסן, אַז דער דעלעגאַט זאָל פאָרטרעטן דאָס גאַנצע האַנטווערקערטום.

ווידער איז דער גורל געפאַלן אויף מיר, אַז איך בין אויסגעוויילט געוואָרן אַלס דעלעגאַט צום קאָנגרעס.

איך בין געפאָרן קיין ווין צום 14טן ציוניסטישן קאָנגרעס. צוזאַמען מיט מיר זענען געפאָרן: ה׳ ראַזין, וואָס איז געווען דעלעגירט פון יאַבלאָנער רבין צו רעגולירן געוויסע ענינים און ה׳ ראָזענבערג, דער איניציאַטאָר פון אַ גאָרטן־שטאָט „דזשעדא", ווו די לאָדזשער יידן האָבן געוואָלט גרינדן אַ וועבעריי־פאַבריק געמישט מיט לאַנדווירטשאַפט. דעמאָלסט איז עס נאָך געווען אין מיטן דער אַרבעט און ה׳ ראָזענבערג האָט געוואָלט, אַז דער קאָנגרעס זאָל באַשטימען קרעדיטן צו אַנטוויקלען די נייע אונטערנעמונג.

מיר זענען פרי אָנגעקומען קיין ווין, און מען האָט זיך אָנגעהויבן באַקענען מיט פאַרשיידענע דעלעגאַטן. צום גליק זענען אויך דאַן געווען 2 דעלעגאַטן האַנטווערקער פון ארץ־ישראל, דאָס זענען געווען די ה"ה קושניר און ווינאָקור.

אין ווין איז געווען זייער צוועק צו ווירקן, אַז דער קאָנגרעס זאָל באַשטימען אַ סומע פון —.4.000 פונט פאַר דער גרינדונג פון אַ האַנטווער־קער־באַנק.

פרעזידענט חיים ווייצמאַן האָט פייערלעך געעפנט דעם קאָנגרעס און הרב פראָפעסאָר חיות האָט געהאַלטן אַ לענגערע באַגריסונגס־רעדע. אַלץ האָט אויסגעזען זייער יום־טובדיק.

עס איז נישט מיין אויפגאַבע צו געבן אַ באַריכט פון קאָנגרעס, אָבער אייניקע זאַכן וועל איך דאָך באַרירן. איך בין אַריין אין דער עליה־קאָמיסיע און האָב געוואָלט דורכפירן, אַז אַלס ציוניסטישע האַנטווערקער־אָרגאַניזאַ־ציע זאָל מען אונדז אָנערקענען צו נעמען אַן אָנטייל אין די פּאַלעסטינע־אַמטן. די אַרבעטער־פראַקציעס האָבן מיך געוואָלט אַריבערנעמען צו זיך

און מערעמינסקי און ריטאָוו האָבן געפּרוּווט אויף מיר ווירקן אין דער ריכטונג. איך האָב אָבער נישט געוואָלט פאַרראַטן די „עת לבנות״. טראָץ דעם וואָס איך האָב זיך ביי די „עת לבנות״ נישט אַזוי גוט געפילט, ווייל זיי האָבן פאַקטיש פאַרטראָטן אָדער געוואָלט פאַרטרעטן די מיטל־בורזשואַזיע, אָדער ווי זיי פלעגן עס רופן, דעם מיטלשטאַנד און איך האָב דווקא געוואָלט פאַרטיידיקן דעם קליינעם האַנטווערקער. אַזוי צום ביישפּיל האָבן די ארץ־ישראלדיקע דעלעגאַטן פאַרלאַנגט, אַז מיר זאָלן שטיצן זייערע פאָדערונגען וועגן דער באַנק למלאכה און ד״ר גאָטליב האָט מיר געוואָלט איינרעדן, אַז אויב מען וועט באַשטימען 30 טויזנט פונט פאַר אַן אינדוסטרי־באַנק וועט שוין ממילא דער האַנטווערקער האָבן דאָרט קרעדיט.

איך האָב זיך אויך געהאַט פאַרשריבן צום וואָרט און מען האָט מיין נאָמען אָנגערופן ווען איך בין נישט געווען אין זאַל. איך האָב זיך דאַן נאָך אַמאָל פאַרשריבן צום וואָרט און דאַן איז אַריינגעטראָגן געוואָרן אַ פאָר־שלאָג צו שליסן די דעבאַטן און די „עת לבנות״ האָט אויך געשטימט פאַר דעם פאָרשלאָג. דאָס האָט מיך אַזוי אויפגערעגט, אַז איך האָב זיך געהאַלטן ביים אָפּזאָגן פון דער „עת לבנות״, אָבער דאָס וואָרט האָב איך באַקומען צו מאָטיווירן מיינס אַ פאָרשלאָג, אַז די ציוניסטישע האַנטווערקער זאָלן זיך באַטייליקן אין די פּאַלעסטינע־אַמטן. קעגן מיין פאָרשלאָג איז אַרויס־געטראָטן בערל לאָקער און האָט געזאָגט, אַז דאָס קען ברענגען צו דעם, אַז די פּאַלעסטינע־אַמטן זאָלן ווערן פאַרטראָטן פון נישט ציוניסטישע עלע־מענטן און מיין פאָרשלאָג איז דורכגעפאַלן.

די ארץ־ישראלדיקע האַנטווערקער־דעלעגאַטן האָבן אויסגעפירט אַ רעזאָלוציע, אַז מען זאָל געבן אַ הלוואה פון —2.000. פונט פאַר דער באַנק אָבער ווי איך בין שפּעטער געוואויר געוואָרן האָט מען זיי דאָס געלט נישט אויסגעצאָלט. די באַציִונג פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע צו די האַנט־ווערקער פלעגט אונדז אַזוי קרענקען, אַז אָפּטמאָל פלעג איך טראַכטן, וואָלטן די פּאָלקיסטן געהאַט אַ פּאָזיטיווע שטעלונג צו ארץ־ישראל, וואָלטן ווירק־לעך די האַנטווערקער געדאַרפט זיך אָנשליסן אין זייער פּאַרטיי. און אַזעלכע קאָנפליקטן מיט דער ציוניסטישער באַוועגונג האָבן מיר, ליידער געהאַט זייער אָפט.

קאַפּיטל ניינאונצוואַנציק

די נייע פאַרייניקונג

ווי איך האָב שוין פריִער אָנגעוויזן האָבן פאַרשיידענע גורמים געווירקט, אַז מען זאָל ענדלעך צוטרעטן ערנסט צו דער פאַראייניקונג פוןביידע האַנטווערקער־אָרגאַניזאַציעס. דער הויפּט גורם זענען געווען די אָפּטיילונגען אויף דער פּראָווינץ. זיי האָבן געגלויבט, און מיט רעכט, אַז ווען מען וועט זיין פאַראייניקט וועט דער „דזשאָינט" מוזן באַשטימען מער געלט פאַר די האַנטווערקער־בענק און אויך אַנדערע האַנטווערקער אינס־טיטוציעס, אַזוי אַז די לעצטע קאָמיסיע פאַר דער פאַראייניקונג האָט שוין זוכה געווען, אַז עס זאָל טאַקע פאַרווירקלעכט ווערן איר רעזאָלוציע און דעם 5טן, 6טן און 7טן אָקטאָבער 1925, איז פאָרגעקומען די פאַראייניקונג אויף אַ ספּעציעל צו דעם פאַררופענעם צוזאַמענפאָר.

די פאַרייניקונג איז פאָרגעקומען אויף פאַריטעטע יסודות, ווייל אַנדערש וואָלט זי בכלל נישט פאָרגעקומען. נאָך מיט 2 יאָר פריִער, ווען עס האָט שוין אויך געהאַלטן נאָענט ביי דער פאַראייניקונג האָט משה בורגין גע־שריבן אין דער „האַנטווערקער שטימע", וואָס דער האַנטווערקער־ראַט האָט אַרויסגעגעבן, אַז אייגנטלעך איז נישטאָ מיט וועמען צו פאַראייניקן זיך, ווייל די פירער פון אונדזער פאַריין זענען נישט קיין האַנטווערקער. אויף דעם האָב איך דאַן פאַרעפנטלעכט דאָס אַרטיקל אין „היינט", וואָס האָט אויפגערודערט די קרייזן פון האַנטווערקער־ראַט, און די פאַראייניקונג איז ווידער אָפּגעשטעלט געוואָרן אויף אַ לאַנגע צייט. דעריבער האָבן איצט ביידע צדדים געברענגט קרבנות... די „נאַלעווקי 2אַ" האָט מסכים געווען, אַז דער סטאַטוט בלייבט פון „לעשנאָ 42", דאַקעגן „לעשנאָ" האָט מסכים



צענטראַל־קאָמיטעט און עקזעקוטיווע פון פאַראייניקטן יידישן האַנדווערקער־פאַרבאַנד אין פוילן

געווען, אַז פוןביידע האַנטווערקער־בענק ווערט געשאַפן איין באַנק און דער סטאַטוט בלייבט דער פון דער „נאַלעווקעס". דער דאָזיקער קרבן האָט אונדז אַפילו טייער געקאָסט, ווייל לויט זייער סטאַטוט איז אויסגעקומען, אַז יעדער מיטגליד איז פאַראַנטוואָרטלעך מיט זיין פאַי 20 פאַכיק, ווען אין אַנדערע בענק איז נאָר געווען 10 פאַכיקע פאַראַנטוואָרטלעכקייט, אַזוי אַז שפּעטער ווען די באַנק האָט באַנקראָטירט, האָבן די מיטגלידער באַדאַרפט באַצאָלן 20 מאָל אַזוי פיל וויפל פייען זיי האָבן געהאַט.

איך וויל נאָר דאָ דערמאָנען אַ פעלער וואָס טשערניאַקאָוו האָט געטון, וואָס מיר האָבן אים נישט געוואָלט מוחל זיין: ביי דער פאַראייניקונג האָט ער מסכים געווען, אַז דער לאָקאַל לעשנאָ 42, ווערט בטל אַלס האַנטווער־קער־לאָקאַל און אַלע פאַריינען גייען אַריבער אויף נאַלעווקעס. וואַרשיינלעך האָט ער געוואָלט צערייסן אַלע בריקן, אַז עס זאָל שוין נישט זיין קיין צוריק. אָבער שפּעטער, ווי מיר וועלן זען, האָט ער שטאַרק באַדויערט זיין טאַט.

די מאַסן זענען אָבער מיטגעריסן געוואָרן מיטן שטראָם, מיטן יום־טוב און אויסערלעך האָט עס געמאַכט אַ גרויסן איינדרוק, סיי די דערעפע־נונג פון פאַראייניקונגס־צוזאַמענפאָר און סיי די ערשטע זיצונג אין זאַל אויף נאַלעווקי 2אַ'.

אמת איז, אַז די פּאָפּולערקייט און דער אָנזען פון יידישן האַנטווערקער זענען שטאַרק געוואַקסן צווישן דער יידישער און נישט־יידישער געזעל־שאַפט. עס איז געשאַפן געוואָרן אַ געמיינזאַמער ביוראָ־אַפּאַראַט מיט פּראַוואַלסקי און פייערינג בראָש. פייערינג איז געווען אַ טיכטיקער ביוראָ־לייטער און אַן אויסגעצייכנטער מעמאָריאַל־שרייבער, און דערביי אַן ערנס־טער מענטש ביז גאָר.

פון די גרויסע זאַלן האָבן מיר געמאַכט אַ סך צימערן פאַר די סעקציעס און פאַריינען. די מאָלערס האָבן זיך אַליין אויסגעמאָלט אַ צימער, ממש קונסט־אַרבעט, אויך אַ ביבליאָטעק און לייען־זאַל איז איינגעאָרדנט געוואָרן און אַ באַזונדער צימער פאַר די אַדוואָקאַטן, וואָס האָבן באַדינט די מיט־גלידער. 4 אַדוואָקאַטן האָבן געאַרבעט אַן האָנאָראַר מיט געבן עצות פאַר די מיטגלידער. דאָס זענען געווען די אַדוואָקאַטן: מענדעלסבורג, הערשבערג, גבריאל לעווין (אַ זון פון ד"ר גרשון לעווין) און פיינטוך.

דאַן איז געשאַפן געוואָרן אַ פאַראייניקטע באַנק, מיט אַ נייעם גרויסן

האַנדווערקער־טוער אין זייער ביוראָ
פון רעכטס: ה. פייערינג, חיים ראָסנער און דן בראָמבערגער.

לאָקאַל אויף פשעיאַזד 9. עס איז באמת געוואָרן אַ גרויסע באַנק מיט אַ סך קליענטן און אַ סך דעפּאָזיטן. נאָר וועגן דער באַנק וועט מיר נאָך אויסקומען צו רעדן. דער „דזשאָינט" און ווי שפּעטער האָט עס געהייסן די „פונדיישן" האָט שוין נישט געהאַט קיין תירוצים און האָט געמוזט געבן אַ גרעסערע סומע געלט דער באַנק. דאַן האָט ראסנער אָנגעהויבן פאָדערן מען זאָל געבן אַ סומע געלט פאַר רוישטאָף־קאָאָפּעראַטיוון און פאַר קויפס־קאָאָפּעראַטיוון.

קאַפּיטל דרייסיק

רעטונגס־קאָמיטעט

דער שטייער־סיסטעם פון גראַבסקיס רעגירונג האָט אויסגעצאַפּט די לעבנס־זאַפטן פון דער יידישער ווירטשאַפט בכלל און פון יידישן האַנט־ווערקער בפרט. די מאַסן זענען פאַראָרעמט געוואָרן, ווער עס האָט געהאַט די מעגלעכקייט צו עמיגרירן מעבר לים אָדער נאָך ארץ־ישראל האָט עס געטון איידער מען האָט אים נאָך געהאַט צוגענומען דאָס לעצטע ביסל פאַרמעגן, אָבער דער פּראָצענט וואָס האָבן דאָס געקענט טון איז געווען אַ נישטיקער אין פאַרגלייך צו די ריזיקע מאַסן, וואָס זענען געבליבן אָן אומזאַץ־קאַפּיטאַל און אָן פּרנסה־קוואַלן. דער „דזשאָינט" האָט געפּרוווט עפּעס לינדערן די נויט מיט געוויסע שטיצעס פאַר האַנטווערקער און קליינ־הענדלער, עס איז אָבער געווען אַ טראָפּן אין ים אין פאַרגלייך צו דער נויט, וואָס האָט געהערשט צווישן די יידישע מאַסן אין פּוילן.

איינמאָל האָבן מיר איינגעאָרדנט אַ מיטינג וועגן דער נויט און אַר־בעטסלאָזיקייט פון די שניידער, די אַזוי גערופענע „כאַלופּניקעס", ד"ה, די וואָס נעמען אַרויס צו אַרבעטן פון די געשעפטן. דער זאַל איז געווען שרעקלעך געפּאַקט פון אַרבעטסלאָזע און הונגעריקע מייסטער. אין זאַל האָבן זיך פויסטן געביילט קעגן דער רעגירונג, קעגן דער קהילה, קעגן דער גאַנצער וועלט, און אייניקע חברים האָבן געחלשט, מען האָט געזאָגט פאַר הונגער...

עס איז אויך באַנייט געוואָרן דאָס אַרויסגעבן די האַנטווערקער־צייטונג, רעדאַגירט דורך אַ קאָלעגיום, וואָס איז באַשטאַנען פון ראָסנער, ראָק און פּייערינג. די צייטונג איז דערשינען חודשלעך.

די קולטור־אַרבעט האָט אַ ביסל געהינקט אין פאַרגלייך צו דער אַר־בעט פון לעשנאָ. דאָך זענען פאַרגעקומען רעפעראַטן און פאַרלעזונגען פון ד״ר שמריהו לעווין, אורי צבי גרינבערג, לעאָ פינקעלשטיין, לאזאר קאהאַן, יואל מאַסטבוים, ד״ר שיפּער א״אַ.

מיט איין וואָרט: עס האָט זיך אַנטוויקלט אַ ברייט־פאַרצווייגטע טעטי־קייט אויף אַלע געביטן.

איך האָב דאַן געגעבן אַ פאַרשלאַג אין אַ געשפּרעך מיט אַ פאַרשטייער פון „מאָמענט״, צי וואָלט נישט גלייכער געווען, אַז דאָס געלט וואָס דער „דזשאָינט״ שטיצט די הונגעריקע, זאָל פאַרווענדט ווערן אויף דעקן דעם אונטערשייד פון די פּרייזן, וואָס די בעלי־מלאכות וועלן אויסאַרבעטן אַר־טיקלען און מען זאָל זיי אַוועקשיקן אויף עקספּאָרט. דאַן וואָלטן די האַנט־ווערקער נישט באַדאַרפט קיין שטיצע און וואָלטן פאַרדינט זייער פּרנסה, ווייל די שטיצע האָט אין בעסטן פאַל אויסגעמאַכט 10 % פון דעם גע־ברויך פון אַ משפּחה. דעם פאַרשלאַג איז נישט געגעבן געוואָרן די געהע־ריקע אויפמערקזאַמקייט. אָבער אַ צייט שפּעטער האָט די פּוילישע רעגירונג דורכגעפירט אַזאַ אַקציע (נישט פון מיר האָט זי אים גענומען). זי האָט געגעבן פּרעמיעס די, וואָס וועלן אַוועקשיקן פאַרשיידענע אויסאַרבעטונ־גען קיין אויסלאַנד און די זעלבע שניידער האָבן טאַקע געשיקט מאַנטלען קיין ענגלאַנד, אַ דאַנק דעם וואָס זיי האָבן גענומען אין די קאַלקולאַציע די פּרעמיעס וואָס זענען געווען, דאַכט זיך, 15 אָדער 20 פּראָצענט פון ווערט פון די סחורות. אַ דאַנק דעם קוילן־שטרייק אין ענגלאַנד איז דער קריזיס אין פּוילן געשטילט געוואָרן, אָבער די יידישע מאַסן האָבן עס נישט געפילט, אַז עס איז אויס קריזיס.

איינמאָל איז אַרויפגעקומען צו אונדז אַ געוויסער אינזשיניער פּיאַט בעקערמאַן, און געהאַט אַ געשפּרעך מיט דעם ווירטשאַפטס־פירער חבר מרדכי לערער. בעקערמאַן האָט פאַרגעלייגט, אַז מען זאָל פאַרדינגען דעם זאַל פון דער לעשנאָ, וואָס שטייט סיי ווי ליידיק, ווייל דאָרט וויל מען מאַכן אַ רעטונגס־קאָמיטעט פאַר די פאַראָרעמטע משפּחות אין וואַרשע.

מיר, דער עקזעקוטיוו, האָבן דעם פאַרשלאַג אָנגענומען צוליב צוויי טעמים. ערשטנס איז די דירה־געלט דאָרט געגאַנגען 1.000 זלאָטעס אַ מאָ־נאַט און דאָס האָט באַשווערט אונדזער בודזשעט, און צווייטנס צוליב געזעל־

שאַפּטלעכע טעמים דער רעטונגס־הילף האָט געשטיצט אָרעמע ברידער און דאָס איז דאַן געווען אַ געבאָט פון דער צייט. עס איז נאָך קיינמאָל נישט אַזוי געלונגען אַן אינסטיטוציע ווי דער רעטונגס־קאָמיטעט. באַזונדערס, זייט עס האָט זיך געשטעלט אין איר שפּיץ דער באַליבטער און געאַכטעטער פּראָפעסאָר הרב ד״ר משה שאָר. די אינסטיטוציע האָט זיך שפּעטערט צעטיילט. באַזונדער אַ גמילות חסד־קאַסע אָן פּראָצענט פאַר באַדערפטיקע האַנטווערקער, הענדלער און אַנדערע פּראָפעסיעס און באַזונדער דער רעטונגס־קאָמיטעט פאַר גאָר אָרעמע שיכטן פון דער באַפעלקערונג. די עסקנים האָבן געאַרבעט מיט איבערגעגעבנקייט אָן שום האָנאָראַר, און עס האָבן אינעם ראַט און אין דער פאַרוואַלטונג אָנטייל גענומען פאַרשטייער פון אַלע ריכטונגען און גרופּירונגען. עס איז ווערט צו באַצייכענען די ח״ח אייזענבערג, קאַפּלאַן, גראַסמאַן, מערענלענדער, פּרוי ד״ר סירקין בינשטיין, יוסטמאַן (איטשעלע) א״אַ. די האַנטווערקער זענען אויך געווען פאַרטראָטן אין ראַט. כהן און שפּעטער איך, און אין די גמילות חסדים־קאַסע דוב מינץ. אויף אַלע אַנדערע געביטן פון געזעלשאַפטלעכן לעבן האָבן פאָרשטייער פון פאַרשיידענע פאַרטייען נישט געקענט זיצן צוזאַמען ביי איין טיש, נאָר אין רעטונגס־קאָמיטעט זענען געווען פאַרטראָטן פון דער „אגודה" ביזן „בונד", און מען האָט האַרמאָניש געאַרבעט. עס דאַרף נאָך דערמאָנט ווערן יצחק גיטערמאַן, דער דירעקטאָר פון „דזשאָינט", וועלכער האָט מיטגעאַרבעט מיט די עסקנים זייער חבריש און האַרמאָניש.

לויטן מוסטער פון דער גמילות חסדים־קאַסע אין וואַרשע ביים רעטונגס־קאָמיטעט, האָבן זיך שפּעטער געעפנט אַזעלכע קאַסעס אין אַלע שטעט און שטעטלעך פון פוילן און יצחק גיטערמאַן האָט פון די געלטער פון „דזשאָינט" געהאָלפן אַנטוויקלען די דאָזיקע קאַסעס. ווען איך האָב פאַרלאָזט וואַרשע אין ענדע יאָר 1934, האָט דער רעטונגס־קאָמיטעט נאָך עקזיסטירט.

די פאַרוואַלטונג פון דער שפּאָר און לײַי־קאַסע ביים צענטראַלן רעטונגס־קאָמיטעט מיט אברהם געפנער אַלס פרעזידענט און ד. מינץ אַלס פאָרשטייער פון די יידישע האַנדווערקער.

ווידער רייזעס

מיטן וווקס פון דער אָרגאַניזאַציע האָט זיך געפילט אַ באַדערפעניש אין האַנטווערקער־טוער, וואָס זאָלן באַדינען די פּראָווינץ. די פּראָווינץ האָט שטענדיק געפאָדערט מענטשן פון צענטער סיי ביי פאַרשיידענע אַקציעס זוי וואָלן צום שטאָטראַט אָדער קהילה, און סיי סתם אויפצולעבן די אָרטיקע אָפּטיילונגען, פאַרגרעסערן די צאָל מיטגלידער און זיי צעמענטירן אין כוח. באַזונדער, ווען די פּוילישע מאַכט האָט געמאַכט פאַרשיידענע שיקאַנעס און שוועריקייטן די עקזיסטירנדיקע אָפּטיילונגען אויף דער פּראָווינץ, אַזוי, אַז מען האָט שטענדיק געמוזט האָבן מענטשן צו קענען דיספּאָנירן מיט זיי און זיי שיקן אויף דער פּראָווינץ. איך פלעג שטענדיק זאָגן דער עקזע־קוטיוו, אַז מיר דאַרפן גרינדן אינסטרוקטאָרן־קורסן אויסצובילדן עסקנים, ווייל די באַוועגונג האָט דאָס געפאָדערט, אָבער עס איז נישט פאַרווירקלעכט געוואָרן מיין פאָרשלאָג.

איינמאָל פאַרנדיק צוזאַמען מיט ראָסנערן קיין קראָקע אויף דעם 60־יאָריקן יובילעאום פון דער דאָרטיקער האַנטווערקער־אָרגאַניזאַציע, האָבן מיר אויפן וועג גערעדט וועגן דער פראַגע און מיר האָבן געזאָגט, אוים די פּאָליטישע פּאַרטייען מעגן האָבן פּראָפעסיאָנאַליסטן, פאַרוואָס זאָלן מיר נישט שאַפן אַ פּאָר חברים, וואָס זאָלן נעמען געהאַלט, און עס איז באַ־שלאָסן געוואָרן, אַז מען זאָל עפענען אַן אָפּטיילונג פון דער באַנק אויף טוואַרדע עק מאַריאַנסקע און חבר בראַמבערגער זאָל זיין לייטער פון דער אָפּטיילונג, און אַזוי וועלן מיר אים קענען אויסנוצן פאַר דער פּראָווינץ. אויך משה גאָלדבערג האָט געקענט רעפּערירן און ער זאָל אויך זיין אין

דער פּראָווינץ און באַקומען געהאַלט. ראַסנער האָט ווידער גענומען פּענסיע פון סוּרוויט קען ער אויך פאָרן און איך וועל זיך אָראָפּכאַפּן אויף אַ שבת אָדער צוויי שבתים אין חודש, אויך טשערניאַקאָוו און פּייערינג וועלן פאָרן ווען עס וועלן זיין ראַיאָן־קאָנפערענצן און אַזעלכע קאָנפערענצן זעבען פאָר־געקומען זייער אָפט. היות מען האָט באַדאַרפט אינטערוועניר‌ן ביים וואָיע־וואָדע, האָט שוין געמוזט פאָרן אַ מענטש וואָס קען גוט פּויליש און האָט איינפלוס. איך האָב נאָך דער פּייערונג באַזוכט אַ צענדליק שטעט און איך וויל זיך אָפּשטעלן אויף אייניקע ווו עס זענען פאָרגעקומען אָדער ערנסטע ענינים אָדער קאָמישע אינצידענטן.

קיין אַזאָרקאָוו בין איך געפאָרן פרייטיק, ווייל אַזוי האָבן זיי געבעטן, און איך האָב זיי דאָס צוליב געטון, כאָטש איך האָב מיין פאַמיליע אַ גרויסע עוולה געטון, לאָזנדיק זיי אַליין. אָבער מיין פרוי און קינדער זענען שוין געווען געוווינט צו אַזעלכע זאַכן. דאָס שטעטל אַזאָרקאָוו האָט געזאָלט ווערן די אינדוסטרי־שטאָט אויפן אָרט פון לאָדזש. די דייטשן האָבן נאָך פריער ווי אין לאָדזש געשאַפן דאָרט פאַבריקן, און דאָרט האָט געזאָלט ווערן דער גאַנצער פאַבריק־צענטער. אָבער צוליב געוויסע סיבות איז אזארקאוו גע־בליבן אַ שטעטל, אַ שיין שטעטל, אָבער נישט מער ווי אַ שטעטל. דאָס גאַנצע שטעטל שטייט אויף שטיינער, וואָס געפינען זיך אין דער טיף פון דער ערד, און וואַסער באַקומט מען נאָר ווען מען בויערט אויס דעם שטיין. דאַן נעמט שטראָמען אַ קוואַל פון וואַסער, וואָס הערט נישט אויף בייטאָג און ביינאַכט. דאָס וואַסער איז לויטער און קאַלט און איז אויך גענוצט געוואָרן ווי אַ הייל־מיטל צו די אויגן און אַנדערע צוועקן דורך דער דאָרפי־שער פּוילישער באַפעלקערונג.

אין אזארקאוו זענען דאַן פאָרגעקומען וואַלן צו דער שטאָט־פאַרוואַל־טונג און אַלע לינקע און רעכטע פּאַרטייען זענען געגאַנגען צו די וואַלן. די האַנטוועקער זענען געגאַנגען זעלבסטשטענדיק. דער מיטינג איז פאָרגע־קומען אונטערן פרייען הימל, און נאָכן ענדיקן דעם מיטינג פון די האַנט־ווערקער האָב איך נאָך געמוזט גיין אַפּאַנירן די רעדנער אויף אַנדערע מיטינגען.

די האַנטוועקער זענען געווען אין זיבעטן הימל, ערשטנס, וואָס זייער רעפערענט איז נישט געקומען אום שבת, צווייטנס, וואָס דער רעפערענט

איז אַליין אַ האַנטווערקער. ווי זיי האָבן אונדז שפּעטער צו וויסן געטון האָבן זיי דורכגעפירט צוויי מאַנדאַטן, וואָס דאָס איז געווען אַ גרויסער נצחון.

אַזוי ווי די פּראָווינץ האָט שטענדיק געפאָדערט רעפּערענטן און מענטשן פון דער צענטראַלע, האָבן אונדזערע דירעקטאָרן, פייערינג און פּראַוואָלסקי, באַשלאָסן אַרויסצושיקן די פּאָר האַנטווערקער־טוער אויף אַ טורנע אין אַ גאַנצער ריי שטעט. אויף מיר איז געפאַלן דער גורל צו פאָרן יעדן טאָג אין אַן אַנדער שטאָט. נאַטירלעך זענען געשיקט געוואָרן פריִער בריוו, אַז מען זאָל צוגרייטן די פאַרזאַמלונגען אויף די געהעריקע טערמינען. דינסטיק בין איך געקומען קיין ווישקאָוו און מען האָט זיך טאַקע געריכט אויף מיר. די האַרציקע אויפנאַמעס פון די שטעטלעך פלעגן מיך רירן ביז טרערן און עס פלעגט מיר געבן מוט ווייטער צו אַרבעטן. דאָס שטעטל אַליין — שרעקלעך אָפּגעלאָזן, קיין שום מינימאַלע היגיענישע איינריכטונ־גען אין די הייזער און די יידישע באַפעלקערונג אין גרויס אָרעמקייט.

די בעלי־מלאכות פלעגן אַממיינסטן אַרבעטן פאַרן פּוילישן פּויער, וואָס פלעגט קומען אויף די ירידים איינקויפן די נייטיקע זאַכן און דער האַנט־ווערקער פלעגט פאָרן אויף ירידים און אָפּליזן פּאָר זיינע אויסאַרבעטונגען.

די פּראָווינץ פון דער מזרח־זייט פון דער ווייסל איז געווען גאָר עפּעס אַנדערש ווי די מערב זייט. נישט אַזוי ווי די שטעטלעך אזאַרקאָוו, בזשע־זשין, זדונסקע־וואָליע און אַנדערע, וואָס איך האָב באַזוכט אין אַן אַנדער צייט. פון ווישקאָוו בין איך געפאָרן קיין אסטראָלענקע. איך דערפרעג זיך צום פאָרזיצער, ער איז נאָך נישט געווען אין דערהיים, ווייל גראָד אין דעם זעלבן טאָג טאַקע איז געווען דער יריד אין שטאָט. איך וואַרט ביז ער קומט. אַ טייער יידל מיט אַ לאַנגער באָרד, רירעוודיק, פאַרשטענדלעך און אַנגעלייענט. איין בקשה האָט ער צו מיר: איך זאָל בלייבן איבער שבת, און דאַן וועט מען קענען גוט אָרגאַניזירן דעם רעפעראַט, ווייל היינט, דער־קלערט ער מיר, זענען די האַנטווערקער מיד, נאָכן יריד. איך קלער אים אויף, אַז לויט מיין רייזע־פּלאַן, דאַרף איך דאָנערשטיק זיין אין לאָמזשע און שבת אין ביאַליסטאָק. ער וויל פון גאָרנישט וויסן: איך מוז בלייבן שבת ביי זיי. אַז איך האָב דאָך נישט געקענט מסכים זיין, האָט ער זיך פאַרבונדן טעלעפאָניש מיט דער צענטראַלע און געבעטן, אַז וואַרשע זאָל מסכים זיין דערויף, און אַז וואַרשע האָט אויך נישט מסכים געווען, האָט ער באַ אין

ברירה גענומען אָרגאַניזירן די פאַרזאַמלונג און עס האָט נישט־לאַנג גע־דויערט ווי אין דעם זאַל פון דער תרבות־שולע איז פאָרגעקומען אַ גאַנץ שיינע פאַרזאַמלונג. נאָך דער פאַרזאַמלונג איז איינגעאָרדנט געוואָרן אַ פיינער באַנקעט, אויף וועלכן מען האָט מיר דערציילט, אַז אַלע גדולים פון יידישן פאָלק האָבן זיי באַזוכט, אַפילו אוסישקין און סאָקאָלאָוו. אַזוי ווי דער פאָרזיצער פון האַנטווערקער־פאַריין איז אויך אַ מיטגליד אין ציוניס־טישן ועד פון שטאָט, באַטייליקן זיך די האַנטווערקער אין אַלע ציוניסטישע אַקציעס.

פון אסטראָלענקע קיין לאָמזשע איז נישט ווייט, בין איך גאַנץ פרי געקומען קיין לאָמזשע. איך האָב געהאַט אַן אַדרעס צו אַ חבר, וואָס איך האָב אים נישט געקענט. איך קום אַריין אין שטוב, איך שטעל זיך פאָר, אַז איך קום פון דער וואַרשעווער צענטראַלע. „זייער אַנגענעם" — דערקלערט מיר די פרוי, — „מיין מאַן איז היינט פרי געפאָרן קיין וואַרשע, אָבער עס מאַכט נישט אויס... דער אָוונט איז איינגעאָרדנט און די חברים וועלן שוין דאָס אַלץ דערליידיקן". דערווייל בעט מען מיך עפּעס נעמען אין מויל. אינצווישן קומען אַריין יונגעלייט און די פרוי באַקענט מיך מיט די חברים. עס קומען אָבער אויך פריילינס מיך באַגריסן. דאָס וווּנדערט מיך. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס איז געווען אַ מיספאַרשטענדעניש. דער זעלבער חבר פון דער צענטראַלע איז אויך געווען טעטיק אין ציש"א, און אויף דעם זעלבן טאָג האָבן זיי איינגעלאַדן אַ רעפערענט פון די ציש"אָ־שולן. אַזוי ווי איך בין געקומען האָבן זיי מיך אָנגענומען פאַר דעם דעלע־גאַט פון די ציש"א־שולן. אַז איך האָב זיי דערקלערט דעם צוועק פון מיין קומען, האָט מען מיך ערשט אָוועקגעפירט צום פאָרזיצער פון האַנטווער־קער־פאַריין, אַ שוסטער־מייסטער. קיין פאַרזאַמלונג איז דאָרט נישט פאַר־געקומען, נאָר אַ זיצונג מיט דער פאַרוואַלטונג, וווּ עס זענען באַרירט גע־וואָרן אַקטועלע פראַגן.

אויף שבת בין איך געפאָרן קיין ביאַליסטאָק, ווי דער פּלאַן האָט פאַרלאַנגט. עס איז דאָרט פאָרגעקומען אַ ראַיאָן־קאָנפערענץ, אַ חוץ מיר זענען געקומען נאָך איניקע חברים פון וואַרשע, ווי קוראַנט און בראַמבער־גער. צבי ווידער, וואָס איז געווען אפשר דער וויכטיקסטער מענטש אין אונדזער גאַנצער באַוועגונג, האָט טאַקע געהאַלטן דאָס גלייכגעוויכט אין

דער אָרגאַניזאַציע, וואָס איז געווען צונויפגעשטעלט פון מענטשן מיט קעגנ־געזעצטע אנשויאונגען, ווי: בונדיסטן, פאָלקיסטן, ציוניסטן און אגודה. עס איז דאָרט געשאַפן געוואָרן אַ ראַט פון אַלע פּאַרייען אין ביאַליסטאָקער ראַיאָן. נאַטירלעך, נאָך אַ שווערן, אינערלעכן קאַמף צווישן די פאַרשיידענע פּאָליטישע גרופּן.

קאַפּיטל צוויי און דרייסיק

צעכן - געזעץ

ווען די פּוילישע רעגירונגס־סטאַטיסטיקער האָבן אָנגעהויבן באַאַרבעטן דאָס מאַטעריאַל פון דער ערשטער פאָלקס־ציילונג אין פּוילן, וואָס איז פאָרגעקומען אין יאָר 1923 אָדער 1924, האָבן זיי זיך אָנגעשטויסן אויף אַ פאַקט אינעם עקאָנאָמיש־ווירטשאַפטלעכן לעבן פון דער ייִדישער באַפעל־קערונג, וואָס האָט זיי זייער „באַאומרויִקט". נעמלעך, אַז די ייִדישע האַנט־ווערקער באַטרעפן 50 % פון דער אַלגעמיינער צאָל האַנטווערקער אין פּוילן, דאַן ווען ייִדן באַטרעפן נאָר 11 % פון דער אַלגעמיינער באַפעלקע־רונג. ווען די רעגירונג וואָלט געווען אַן אָביעקטיווע און פריינטלעכע צו אַלע אירע בירגער, וואָלט די דערשיינונג געדאַרפט איר פרייען. די פּוילישע אינטעליגענץ און די באַאַמטע פונעם אַרבעטס־מיניסטעריום האָבן וועגן דעם געהאַט אַן אַנדער מיינונג. עס האָבן זיך אָנגעהויבן באַווייזן אַרטיקלען אין די פּוילישע צייטונגען, אַז מען דאַרף רעגולירן דאָס פּראָבלעם פון האַנטווערקערטום, אַז מען דאַרף נישט לאָזן פאַרפלייצן דעם מאַרק מיט די שלעכטע אויסאַרבעטונגען פון די ייִדישע האַנטווערקער. קורץ, מען דאַרף איינפירן אַ צעכן־געזעץ און אין אַ געוויסן טאָג איז דאָס צעכן־געזעץ טאַקע אַריינגעטראָגן געוואָרן אין סיים. נאַטירלעך האָבן די ייִדישע דעפּוטאַטן נישט געשוויגן. די ייִדישע פּרעסע האָט געשטורעמט, און אונדזער פאַר־אייניקטע צענטראַלע האָט געמאַכט אינטערווענצן ביי דער רעגירונג. מען האָט געשריבן מעמאָריאַלן, מען האָט איינגעריסן ווענטן. אינזש' טשיער־ניאַקאָוו האָט אָפּגעדרוקט אַ בראָשור וועגן דער פראַגע. פון די אַלע דאָזיקע באַמיִונגען האָט מען געפועלט, אַז דעם אַלטן דור ייִדישע האַנטווערקער

ווען מען נישט טשעפּען, דאָס הייסט, זיי וועלן זיך אויך מוזן עקזאַמינירן, אָבער מען וועט קוקן דורך די פינגער ביים עקזאַמען. אָבער דער יונגער דור וועט שוין מוזן אַדורכגיין אַ שווערן פּאַכמענישן עקזאַמען און אַזוי אַרום וועט דער אַנטיסעמיטישער ציל דערגרייכט ווערן. די צאָל יידישע האַנטווערקער וועט פאַרקלענערט ווערן. דאָס איז געווען דער הויפּט־געדאַנק פון צעכן־געזעץ: צונעמען ביי די יידן די פּרנסה־קוואַלן, אום זיי זאָלן מוזן אויסוואַנדערן.

אונדזער עקזעקוטיוו האָט ביי דער צעכן־גזירה געאַרבעט אומאויפהערלעך און אומדערמידלעך. מיר פלעגן אַ היימגיין פון די זיצונגען פאַר טאָג. עס איז פאַר אונדז געשטאַנען די פראַגע, צי זאָלן מיר הייסן די יעניקע האַנטווערקער, וואָס האָבן זיך אויסגעהיט פון דער מאַכט, און נישט אַרויסגענומען קיין פּאַטענטן (כדי זיי זאָלן נישט דאַרפן צאָלן שטייערן), אַז זיי זאָלן אַרויסנעמען פּאַטענטן, ווייל דאָס געזעץ האָט געזאָגט, אַז די האַנטווערקער וואָס וועלן נישט זיין רעגיסטרירט ביי דער מאַכט ביזן יאָר 1927, וועלן נישט געניסן פון די פאַרלייכטערונגען, וואָס דאָס געזעץ גיט דעם אַלטן דור און זייערע ווערקשטעלן וועלן געשלאָסן ווערן. עס איז אָבער געווען אַ גרויסע פאַראַנטוואָרטלעכקייט צו הייסן נעמען פּאַטענטן, ווייל דאַן הייבט זיך אָן די באַקאַנטע סדרה מיט שטייערן און נאָך און נאָך. די דיסקוסיעס איבער דער פראַגע האָבן ביי אונדז צוגענומען גאַנצע נעכט. ענדלעך האָבן מיר באַשלאָסן: הייסן אַרויסנעמען פּאַטענטן, ווייל אַנדערש שאַפן מיר אַ תהום פאַר אַ גרויסער צאָל האַנטווערקער, וואָס זייער עקזיסטענץ וועט ווערן באַדראָעט. איך געדענק טאָקע פאַקטן פון אַזעלכע האַנטווערקער, וואָס האָבן נישט געפאָלגט און מען האָט זיי שפּעטער געכאַפּט אַרבעטן אָן אַ האַנטווערקער־קאַרטע, און זיי האָבן געהאַט גרויסע צרות. איך אַליין האָב זיך באַמיט, אַז דער סענאַטאָר משה קערנער, וואָס איז אויך געווען אַ לאַווניק אין מאַגיסטראַט, זאָל פאַרלייכטערן די שטראָף פאַר זיי און אויספועלן אַ דערלויבעניש צוריק צו עפענען דעם פאַרמאַכטן ווערקשטעל.

אָבער אַ מאָדנע דערשיינונג איז געשען אין דער יידישער האַנטווערקער־באַוועגונג. מיר האָבן געקעמפט קעגן געזעץ איידער ער איז אָנגענומען געוואָרן, ווי ער איז אָבער אָנגענומען געוואָרן און האָט גענומען ווירקן אין

לעבן, איז געקומען אַ ראַדיקאַלע ענדערונג אין דער באַציִונג צו דעם דאָזיקן געזעץ. מען האָט אים אָנגעהויבן גלאָריפיצירן, זיך צאַצקען, גע־מאַכט באַנקעטן ביים עפענען דעם צעך, ביים באַנייען פענער און אַאַז״וו.

עס איז געוואָרן אַ געשיכטע מיט כבודים אויף כבודים. עס איז גע־שאַפן געוואָרן אַ האַנטווערקער־קאַמער אין יעדער וואָיעוואָדישער שטאָט און עס איז געשאַפן געוואָרן אַ קאָנסאָלידאַציע צווישן די קריסטלעכע און ייִדישע האַנטווערקער. און טראָץ דעם וואָס די ייִדן האָבן געבילדעט אַ מערהייט האָבן די קריסטן באַקומען אַ גלייכע צאָל מיטגלידער אין דער קאַמער און דער פּאָרזיצער האָט אויך געמוזט זיין אַ קריסט. אַ ייִד האָט נאָר געקענט זיין וויצע־פּאָרזיצער.

יעדער צעך האָט געקליבן אַ „סטאַרשי" און „וויצע־סטאַרשי" אין דער עקזאַמינאַציע־קאָמיסיע. און דאָס אַלץ האָט געטראָגן אַן אָפיציעלן רעגירונגס־כאַראַקטער. אונדזערע ייִדן האָבן באַקומען „קנעפּלעך", און דער אויסוואַל איז שוין נישט געווען, לויט דעם באַוווסטזיין פון חבר, נאָר לויט דעם וועלכער עס האָט בעסער געקענט די פּוילישע שפּראַך. אין מיינע אויגן האָט עס אויסגעזען, אַז אונדזער האַנטווערקער־באַוועגונג הייבט זיך אָן צו ליקווידירן, ווייל עס האָבן אָנגעהויבן אַרויפשווימען נייַע מענטשן (אַלס סטאַרשיס), וואָס האָבן נישט געהאַט קיין שייכות, נישט צו דער האַנטווער־קער־באַוועגונג, נישט צו די נאַציאָנאַלע באַוועגונגען, נאָר סתם אַזעלכע, וואָס האָבן געקענט שיין רעדן פּויליש.

אמת, אַז פּאַראַלעל מיט די צעכן האָט עקזיסטירט דער צענטראַלער פּאַרבאַנד, אָבער די נשמה איז שוין פון אים געהאַט אַוועק. דאַן האָט זיך אָנגעהויבן די פרישע שפּאַלטונג צווישן דעם ציוניסטישן טייל און דער עקזעקוטיוו און דעם פּאָלקיסטישן טייל.

דאָס צעכן־געזעץ האָט געוואָלט פאַרניכטן דעם ייִדישן האַנטווערקער־כוח. היטלער האָט עס אָבער געמאַכט גרינטלעכער און האָט די ייִדישע האַנטווערקער פאַרניכטעט צוזאַמען מיטן גאַנצן פּוילישן ייִדנטום.

קאַפּיטל דרייאונדרייסיק

באַהערשט די קאָאָפּעראַטיווע־באַוועגונג

די יידישע קאָאָפּעראַטיווע־באַוועגונג אין פּוילן, נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָט זיך צום מערסטן באַזירט אויף דער קרעדיט־קאָאָפּעראַציע. אַלע אַנדערע פאָרמען פון קאָאָפּעראַציע, ווי פּראָדוציר־קאָאָפּעראַטיוון און פאַרקויף־שטעלעס זענען געווען ווייניק. די וואָס זענען געשאַפן געוואָרן, האָבן נישט שטענדיק געהאַט קיין לאַנגן קיום, ווייל אין די פּראָדוציר־קאָאָפּעראַטיוון איז דער מענטשן־מאַטעריאַל נישט שטענדיק געווען דערצויגן צו אַ חברישער צוזאַמענאַרבעט. עס איז דעריבער אָפט געקומען צו אינערלעכע קאָנפליקטן, וואָס האָבן דערפירט צו ליקווידירן דעם קאָאָפּעראַטיוו. די גרינגסטע פאָרעם פון קאָאָפּעראַציע זענען טאַקע געווען די לייַ־קאַסעס, וווּ די מיטגלידער האָבן נאָר געהאַט אַ געמיינזאַמע אויפגאַבע ביים שאַפן יעדעס יאָר אַ נייע פאַרוואַלטונג. די דאָזיקע קאַסעס האָבן הויפּטזעכלעך געאַרבעט מיט די געלטער פון „דזשאָינט״. די טיילערן פון די געלטער איז געווען די באַנק פאַר קאָאָפּעראַטיוועס און ווער עס האָט באַהערשט די באַנק פאַר קאָאָפּעראַטיוון, דער איז געווען דער בעל־הבית פון דער קאָאָפּעראַציע. ווען די ביידע האַנטווערקער־אָרגאַניזאַציעס האָבן זיך פאַראייניקט, האָבן מיר געשיקט אַ צירקולאַר צו אונדזערע אָפּטיילונגען אין דער פּראָווינץ זיי זאָלן זען מיט אַלע מעגלעכקייטן אַריינצודרינגען אין די שטאָטישע קאַסעס און באַקומען אין זיי אַ דעצידירנדיקן איינפלוס. דער האַנטווערקער־עלעמענט איז ווירקלעך געווען מער דיסציפּלינירט און געזעלשאַפטלעכער דערצויגן, ווי די סוחרים אָדער קליינהענדלער. עס זענען אַוועקגעגאַנגען צוויי יאָר און מיר האָבן געהאַט אַ מערהייט אויף דעם

קאָאָפּעראַטיוון־צוזאַמענפאַר און מיר האָבן כמעט איבערגענומען די לייטונג פון דער באַנק פאַר קאָאָפּעראַטיוון. ד״ר מאיר קלומעל איז געווען פאָרזיצער און ער איז געווען אַ ווייכער מענטש און מען האָט געקענט מיט אים אויס־קומען. וואָלטן די האַנטווערקער געהאַט גענוג אינטעליגענטע מענטשן, וואָס זאָלן קענען באַזעצן די אַלע אַמטן, וואָס די מערהייט האָט אונדז דערמעג־לעכט, וואָלט דאָס געווען אַ ברכה. עס איז געווען אַ פּעריאָד, ווען די האַנט־ווערקער־באַוועגונג האָט געהאַט אין די הענט אַזאַ שטאַרק ווירטשאַפטלעך־געווער, ווי די מערהייט אין ראַט פון באַנק פאַר קאָאָפּעראַטיוון, אַ מערהייט אין רעוויזיאָנס־פאַרבאַנד און דאָס האָט געגעבן אַן אומגעהייערן אָנזען אונדזער אָרגאַניזאַציע אין דער גאַנצער יידישער געזעלשאַפט, סיי אין דער הויפּטשטאָט וואַרשע און סיי אין דער פּראָווינץ. דער נצחון פון דער קאָאָפּעראַציע האָט געווירקט אויף אַנדערע געביטן פון געזעלשאַפטלעכע דערגרייכונגען, און אַז עס איז געשאַפן געוואָרן אַ יידישער איינהייטס־קאָמי־טעט צו די שטאָטראַט־וואַלן אין וואַרשע, האָבן די האַנטווערקער באַקומען אַ גלייכע צאָל פאָרטרעטער מיט אַלע גרויסע יידישע פּאַרטייען; בעמלעך 3 מאַנדאַטן, די זעלבע צאָל מאַנדאַטן ווי די ציוניסטן און אגודה און עס זענען אַריין: א. טשערניאַקאָוו, ח. ראַסנער און ב. וו. ראָזענטאַל.

דער פאָלקיסטישער טייל פון דער עקזעקוטיווע האָט שטאַרק געקעמפט, אַז עס זאָלן נישט אַריין אין שטאָטראַט צוויי חברים, וואָס זענען נוטה צום ציוניזם. אָבער זייער קאַנדידאַט, וואָס זיי האָבן אַרויסגעשטעלט האָט נישט אויסגעהאַלטן אין פאַרגלייך מיטן חבר ראָזענטאַל. דער לעצטער איז ווירק־לעך געווען אַ טיכטיקער ראַטמאַן און געאַרבעט אין דער קאָמיסיע און געווען אַ רעפערענט אין אייניקע קאָמיסיעס.

אויב מיר האָבן שפּעטער נישט געקענט דערהאַלטן דאָס געווינס און דעם נצחון אין דער קאָאָפּעראַציע זענען אין אַ גרויסער מאָס טאַקע שולדיק געווען מיר אַליין. די באַוועגונג איז איבערגעוואַקסן די מענטשן. אַז מיר זענען געקומען אין דער הויך האָט זיך אונדז אָנגעהויבן שווינדלען אין קאָפּ און מיר האָבן פאַרלוירן דאָס גלייכגעוויכט. אויף דעם האָבן געוואַרט אַלע אונדזערע קעגנער. איך האָב געוווּסט, אַז די קעגנער וואַרטן אויף אונדזער דורכפאַל און דעריבער האָב איך געפאָדערט, אַז מיר זאָלן זיין דיין און ערלעך און נישט מיסברויכן מיט דער מאַכט וואָס מיר האָבן.

לײדער אָבער, האָבן זיך אין אונדזערע רײען געפֿינען אַזעלכע מענטשן, װאָס האָבן טאַקע געמיסברױכט און דאָס האָט אונדז דערפֿירט צו אַ מפּלה.

מיר האָבן אױך געפֿירט אַ שטאַרקע פּראָפּאַגאַנדע אין װאָרט און שריפֿט װעגן דער האַנדװערקער־קאָאָפּעראַציע.

אין אײנעם פֿון מײנע אַרטיקלען א. נ. „מיטן פּנים צו דער קרעדיט־קאָאָפּעראַציע", האָט זיך געזאָגט:

„די מלחמה, װעלכע האָט צעשטערט די װירטשאַפֿטלעכע פֿונדאַמענטן פֿון דער הערשנדיקער געזעלשאַפֿטלעכער אָרדענונג, האָט מיט נאָך מער בולטקײט געלײגט איר חותם אױף דער ייִדישער האַנטװערקערשאַפֿט, װעלכע האָט זיך געפֿונען אין דער נאָך־מלחמה־צײט אױף אַן אָפּגעשװאַכטער װירטשאַפֿטלעכער באַזע בײ אַן אָפּגעשניטענעם שטח פֿון לענדער, װוּ די פּראָדוקציע איז אין פֿרידנסצײט מאַסנהאַפֿט געליפֿערט געװאָרן. עס איז דעריבער זעלבסטפֿאַרשטענדלעך, אַז די פֿירער פֿון דער ייִדישער האַנט־װערקערשאַפֿט האָבן געזוכט געװיסע סאָציאַלע פֿאָרמען פֿון פּראָדוצירן און קאָנסומירן געמײנזאַם, אַזױ, אַז די ענדערונגען זאָלן ממלא זײן דאָס, װאָס די קראַנקע װירטשאַפֿטלעכע פֿאַרהעלטענישן האָבן בײם האַנטװערקער צוגענומען. און מען האָט זיך אָפּגעשטעלט אױף צװײ פֿאָרמען פֿון דער געװערבלעכער קאָאָפּעראַציע: רױשטאָף־קאָאָפּעראַטיװן און פֿאַרקױף־קאָאָפּעראַטיװן.

עס איז מער װי אמת, אַז צו־אײליק זענען די דאָזיקע קאָאָפּעראַטיװן געמאַכט געװאָרן, מיט צו־װײניק פֿאַרזיכט־געפֿיל האָט מען זײ געבױט און מיט אַ צו־ברײטער האַנט זײ אָנגעפֿירט. און נעמענדיק נאָך אין אַכט אונדזערע פֿאַרהעלטענישן, װען דער סוחר פֿאַרקױפֿט אָפֿטמאָל די סחורה צום קאָסטן־פּרײז אָדער מיטן קלענסטן ריװח, איז קלאָר װי דער טאָג, אַז די אינסטיטוציעס זענען באַלד געװען געבױט אױף אַ שװאַכן יסוד אין דער צײט, װען בײ אַ געזעלשאַפֿטלעכער אונטערנעמונג באַטרעפֿן בלױז די אַדמי־ניסטראַציע־קאָסטן פֿון 10 ביז 13 פּראָצענט, שױן נישט רעכענענדיק די פֿאַרלוסטן פֿון פּראָטעסטן, װעלכע האָבן נאַטירלעך בײ אונדזערע באַדינגונ־גען געמוזט זײן.

דער סוף האָט נישט לאַנג געלאָזט אױף זיך װאַרטן. אַלץ איז געפֿאַלן נאָך פֿריִער, װי מיר האָבן געמײנט. מיר דאַרפֿן אָבער נישט פֿאַרצװײפֿלען; מיר טאָרן נישט לאָזן טריומפֿירן אונדזערע קעגנער, װעלכע האָבן שױן

דאָס לאַנג אויסגעקוקט, כדי דעם גאַנצן אָנזען פון דער האַנטווערקערשאַפט צו דערנידעריקן און אויף אונדזער חשבון אויפוואַקסן. דאָס רעטונג־מיטל איז ליידער אונדז נישט געלונגען. מיר וועלן זוכן אַנדערע און מיר וועלן נאָך דאָס זעלבע אויך אויספּרובירן, אויסמיידנדיק, נאַטירלעך, די פעלערן, וואָס זענען באַגאַנגען געוואָרן. דערווייל מוזן מיר זיך באַנוצן מיטן לאַנג־אויסגעפּרוווטן מיטל פון דער קרעדיט־קאָאָפּעראַציע. דאָ איז דאָס פעלד פאַר אונדז פריי און די וועגן קלאָר. נישט פאַרכאַפּן דאַרפן מיר גיין, נאָר פאַרטרעטן זיין געהעריק לויט אונדזער צאָל און גרויס.

דער קומענדיקער קאָאָפּעראַטיווער צוזאַמענפאָר טאָר נישט פאָרקומען אונטערן צייכן און איינדרוק פון אונדזערע אַזוי גערופענע מפּלות. אָנערקע־נענדיק אונדזערע פעלערן און פילנדיק אונדזער ווייטיק, מוזן מיר דאָך דעם קאָפּ נישט פאַרלירן, נאָר אָפּשאַצנדיק די פאַרלוסטן, גרייטן זיך צו אָנזאַמלען פרישע קרעפטן, וויסן און דערפאַרונג, וואָס זאָלן אונדז זיין אַ פאַנצער אינעם שווערן קאַמף פאַר דעם בעסערן מאָרגן פון דעם יידישן האַנטווערקער.

חברים, מיטן פּנים צו דער קרעדיט־קאָאָפּעראַציע!״.

קאַפּיטל פּיראונדרייסיק

„שולקולט"

דער אַנזען פון דער האַנטווערקער־באַוועגונג אין פּוילן איז געווען אַזאַ, אַז קיין שום געזעלשאַפטלעכע אונטערנעמונג האָט זיך נישט געשאַפן אָן די פאַרשטייער פון האַנטווערקערטום. עס איז נישט פאָרגעקומען קיין איין געזעלשאַפטלעכע אונטערנעמונג, אַז דער האַנטווערקער זאָל נישט זיין פאַרטראָטן. און אַזוי ווי איך בין געווען פאָרזיצער פון קולטור־אַמט ביי דער עקזעקוטיוו, האָט מען מיך כמעט תמיד געשיקט רעפּרעזענטירן דאָס האַנטווערקערטום. איך וויל זיך דאָ אָפּשטעלן אויף אונדזער אַרבעט לטובת דעם „שולקולט".

דאָס יידישע שול־וועזן אין אַזאַ יידישן צענטער ווי וואַרשע איז ווירק־לעך געווען אין אַ לאַגע וואָס האָט זיך געבעטן אַ תיקון. פון איין זייט די „ציש"א"־שולן מיט אַ גרויסער צאָל קינדער, פון דער אַנדערער זייט דער „תרבות" מיט זיינע 4 שולן.ביידע האָבן נישט אַנטשפּראָכן די באַדערפע־נישן פון אַ נאַציאָנאַלן קיבוץ, ווי עס איז געווען דאָס יידישע וואַרשע. עס איז געשאַפן געוואָרן די געזעלשאַפט „שולקולט", וואָס האָט געהאַט דעם צוועק צו פלעגן און שטאַרקן די יידישע קולטור אין דער יידישער שפּראַך און גרינדן שולן מיט דער יידישער אונטעררריכט־שפּראַך, וואָס זאָלן נישט זיין פרעמד דער יידישער טראַדיציע, מנהגים און ימים־טובים און מען זאָל דאָרט אויך לערנען העברעיש.

איך און נאָך אייניקע חברים פון דער פאַראייניקטער עקזעקוטיוו זענען דעלעגירט געוואָרן אין שולקולט. פיל כוחות און ענערגיע אין דער אינס־טיטוציע האָבן אַריינגעלייגט די ה"ה אברהם גאָלדבערג ז"ל, רעדאַקטאָר

פון „היינט", אויך דער שריפטשטעלער ז. סעגאַלאָוויטש האָט זייער געוואָלט, אַז „שולקולט" זאָל וואַקסן און זיך אַנטוויקלען. צו דעם צוועק האָט ער געמאַכט אַ טורנע איבער די גרעסערע שטעט און פראָפּאַגאַנדירט דעם געדאַנק פון „שולקולט".

אויך שלום אש האָט זיך דערקלערט אַלס אַנהענגער פון „שולקולט". צו איינעם פון די „שולקולט"־צוזאַמענפאָרן איז געקומען ספּעציעל פון אַמעריקע דוד פּינסקי.

אָבער נאָך אַלע אָנשטרענגונגען, וואָס דער „שולקולט" האָט געמאַכט, איז אים נישט געלונגען צו ווערן דאָס, וואָס ער האָט באַדאַרפט זיין און וואָס מיר האָבן געהאָפט ער זאָל ווערן. די בירגערלעכע נאַציאָנאַלע עלע־מענטן האָבן לסוף פאַרלאָזט דעם „שולקולט" און די פּאָר שולן זענען געבליבן ביי דער ליגע פאַרן אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אין פּוילן אין יענער צייט, צווישן די צוויי וועלט־מלחמות, האָבן נאָר געקענט ווירקן און שאַפן פּאָליטישע פּאַרטייען פון לינקס אָדער פון צענטער. און דעריבער האָבן אַלע צווישן־פּאַרטייאישע און אומפּאַרטיי־אישע פּרוּוון קיינמאָל נישט מצליח געווען.

קאַפּיטל פינפאונדרייסיק

דער 10־יעריקער יובילעאום אין וולאָצלאַוועק

אין יאָר 1928 איז געפייערט געוואָרן די 10־יעריקע עקזיסטענץ פון האַנטוועקער־פאַריין אין וולאָצלאַוועק. דאַכט זיך 10 יאָר, בישט מער, אָבער וואָס פאַר אַ גרויסע דערגרייכונגען האָבן די האַנטווערקער געמאַכט אין די 10 יאָר. אַלע וויכטיקסטע אינסטיטוציעס פון שטאָט האָבן זיך געפונען אין די הענט פון די האַנטווערקער, צווישן זיי: די קאָאָפּעראַטיווע ליי־קאַסע, אויך באַדייטנדיקע פאַרטרעטונגען אין דער קהילה, שטאָטראַט און אַלע שטייער־אַמטן, אַפילו צווישן די פריוויליקע פייערלעשער.

די עקזעקוטיווע האָט דערהאַלטן די איינלאַדונג צו דער פייערונג און עס זענען דעלעגירט געוואָרן איך און דן בראמבערגער. אַז מיר זענען געקומען אין שטאָט, האָט זיך אומעטום געפילט די יום־טובדיקייט פון דער האַנטווערקער־שמחה. די גאַנצע שטאָט האָט מיטגעפייערט מיט די בעלי־מלאכהס. איינדרוקספול איז געווען די מאַניפעסטאַציע, וואָס האָט מאַרשירט איבער דער שטאָט אונטער די קלאַנגען פון פייערלעשער־אָרקעסטער, דערנאָך איז פאָרגעקומען אַ פאַרזאַמלונג אין דער שול, ווו בראמבערגער האָט געהאַלטן אַ גלענצנדיקע רעדע. אין אָוונט איז פאָרגעקומען אַ באַנקעט פאַר דריי הונדערט פערזאָן, ווו עס זענען געטיילט געוואָרן גאָלדענע און זילבערנע אויסצייכענונגען פאַר טיכטיקער איבערגעגעבענער אַרבעט. דאָן אַן אַקאַדעמיע אין זאַל פון „מכבי", ווו אַלע אינסטיטוציעס און פאַרטייען האָבן געהאַלטן באַגריסונגס־רעדעס, דערונטער אויך איך, אַלס דעלעגאַט פון דער וואַרשעווער צענטראַלע. עס איז כדאי צו באַמערקן, אַז דער וולאָצלאַוועקער רב טכורש האָט דאָן באַגריסט אין נאָמען פון „מזרחי". דעמאָלט איז ער אָבער נאָך נישט געווען קיין רב, נאָר אַ סוחר.



פאַרוואַלטונג פון וולאָצלאַווקער האַנדווערקערפאַריין אין יאָר 1928

עס זיצן פון רעכטס: בוימגאַרט, קאָוואַלסקי, הורוויץ און לעווי.
עס שטייען: זאשביצא, יערעכאָווסקי, בלוי און שקלאָווער.

אלימלך ראק

1918—1928

10־יעהריגער יובילעאום

פון יודישען האנדווערכער פעראיין אין וולאצלאוועק

זונטאג דעם 18־טען נאוועמבער 1928 קומט פאָר אין זאל „מ פ ב ר" קרולעוויעצקא 35

די יובילעאום פייערונג

פון יודישען האנדוו. פעראיין אין וולאצלאוועק, צו וועלכער מיר האבען דעם כבוד אייך איינצולאדען.

די פערוואלטונג און אָרגאניזיר־קאָמיטע

אַ שטיין ביסטו אַ מאָל געווען!

(אַ ליד און פּראָזע)

מ. ראַק / וואַרשע
(עקזעקוטיוו־מיטגליד פון צענטראַלן
האַנטווערקער פאַרבאַנד אין פּוילן)

געווידמעט דעם 10־יעהריקען יובילעום
פון וולאָצלאַווקער האַנדווערקער פאַריין

I

אַ שטיין ביסטו אַ מאָל געווען,
ווי אַ שטיינערנע מאַסע ביסטו געלעגן
און קנעכטיש געטראָגן אויף זיך
דאָס גאַנצע אויבערשטע מענשליכע געזונדל,
און האָט ווער געוואָלט האָט ער פון דיר
אַ פוסען בענקעלע געמאַכט זיינע מידע פיס אָבצורוהען,
האָט אַנ׳אַנדערער פון דיר דעם ערשטען שטאַפּעל
אין דער הויך אַרויפצוקלעטערען געמאַכט
אַלץ האָט מען פון דיר געמאַכט און דו ביסט
שטים און טויב ווי אַ שטיין געלעגען און אַלץ אויף זיך
געטראָגען דעם גרויסען שווערען הויקער
פון דער זינדיג פרעמדער וועלט,
און געמיינט האָט מען, אַז די שטיינערנע מאַסע
וועט זיך צוגיסען און אויסמישען מיט דער בלאָטע
און גאָר נישט וועט פון דיר ווערען
און יאָהרען צענדליגער און יאָהרען הינדערטער
זענען אַריבער און בעקוועם און גיט איז געווען צו טרעטען
אויף דער שטיינערנער ניצליכער ערד
און דו האָסט געשוויגען דו האָסט אַלץ געדולידג הכנעה׳דיג געשוויגען
און קיין פייער לאַווע האָסט דו נישט געשפיגען,
און ווען מען האָט דיינע קוואַלען פון היילוואַסער פאַרשטאָפּט
האָסטו בלויז געקרעכצט, שמערצליך שטיל דעם ווייטאָג פערטראָגען
אָבער קיין שוועבעל און פייער, האָסטו נישט געשפּינען,
און דיין לעבענס־קוואַלען און היילונגס־קוואַלען
זענען מיט ערד און בלאָטע פערשטאָפּט געוואָרען,
און דו האָסט אַלץ געשוויגען.

אַ שטיין ביסטו אַמאָל געווען און ווי אַ שטיינערנע מאַסע
ביסטו געלעגען און קנעכטיש געטראָגען אויף זיך
דאָס גאַנצע מענשליכע, איבערשטע געזינדל.

II

אין דער דונקעלער דעמערונג, ווען עס שמידט זיך די אייביקייט
ווען וועלט און רוים איז אין חושך געהילט,
ווען כוחות פערחלש'טע, ווען כוחות געבוירענע
פיהרען דעם אייביגען קאַמף און געראַנגל
פאַר זיין, פאַר זיין, פאַר זיין.
אין דער דאָזיגער דונקעלהייט פון געטליכער נאַכטיגקייט
האָבען די אייביגע, אייביגע ווינטען
אַ געטלעכע בשורה אויף די פליגלען געטראָגען
און אַ קול האָט מיט אַ שטורם גערופען:
דו שטיין, דו שטיין, ערוואַך!
און ערוואַכט איז געוואָרען די שטיינערנע מאַסע
און געפאַרעמט איז געוואָרען דער בלאָטיגער שטיין
און שפּראָצען האָט גענומען פון הינדערטער קוואַלען
דאָס לאַנג שוין בעגערטע מים חיים
פון דעם פערגעסענעם שטיין
און טאָג איז געוואָרען! און ליכט איז געוואָרען!
און לעבענס געשטאַלטען מיט בייע געזיכטער
מיט שטראַהלענדע אויגען און קלאַפּענדע הערצער
האָבען גענומען מאַרשירען אויף דעם געטליכען רוף.

III

אַ זוניגער מאָרגען ליכטיגע הימלען
מיט שמחה געזאַנגען מאַרשירען די מחנות,
מאַרשירען מיט פאַקעל, האַמער און צירקעל,
צו בויען אַ טורם דער וועלט.
ס'קלינגען די גלעקער, ס'וואַקסען די מחנות,
ס'קלאַפּען די האַמער אַ ליעד פונם מאָרגען
אַ ליד פון בעפרייטען קנעכט און בעשעפער
זאָל שווייגען, זאָל שווייגען די וועלט.
עס יובעלען געשטאַלטען, ס'שאַלען די שופרות
עס טאַנצען מיט שמחה די בויער בערוישט
ס'פלאַטערן פאַהנען, ס'הערט זיך געזאַנגען
אַ האַנדווערקער יום טוב איז הייגט.

קאַפּיטל זעקסאונדדרייסיק

די פּאַרלאַמענט-וואַלן אין יאָר 1928

די סיים־ און סענאַט־וואַלן אין יאָר 1928 זענען פאָרגעקומען אין גאַנץ אַנדערע באַדינגונגען ווי די וואַלן אין יאָר 1922. אונטער דער צייט איז פאָרגעקומען די איבערקערעניש פון פּילסודסקין, אין מאַי פון יאָר 1926, און עס איז געשאַפן געוואָרן די אַזוי גערופענע, סאַנאַציע־רעגירונג. די דאָזיקע רעגירונג האָט דורך פאַרשיידענע מיטלען געפּרוווט ווירקן, אַז די ציוניסטן זאָלן נישט שאַפן דעם נאַציאָנאַליטעטן־בלאָק, אָבער ווען דאָס איז זיי נישט געלונגען, האָבן זיי גענומען אויף זייער ליסטע די אגודת ישראל. גרינבוים האָט ווידער געשאַפן דעם מינדערהייטס־בלאָק, דאָס מאָל אָן דער אגודה און אָן די פּאָלקיסטן פון פּרילוצקיס הדר, דאַקעגן די דעמאָקראַטן פון ווילנע זענען געגאַנגען אין בלאָק. אויך אַ טייל פון די פּאָלקיסטן פון וואָלקאָוויטשעס גרופּע זענען צוגעשטאַנען צום מינדערהייטס־בלאָק.

זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז מען איז געווען פאַראינטערעסירט, אַז דער פאַראייניקטער האַנטווערקער־פאַרבאַנד זאָל אויך אַריין אין בלאָק און דאָ איז פאָרגעקומען זייער אַ העפטיקער אינערלעכער קאַמף אין דער האַנטווערקער־אָרגאַניזאַציע, ווייל אַ העלפט פון דער עקזעקוטיווע זענען געווען אויסגעשפּראָכענע פּאָלקיסטן, פּרילוצקיס חסידים. מיר, דער ציוניס־טישער טייל פון דער עקזעקוטיווע, האָבן אָבער געוווּסט, אַז אויב מיר וועלן קענען פאַרזיכערן ראַסנערן אַ מאַנדאַט, וועט ער אונדז שוין צוהעלפן, אַז עס זאָל פאַלן אַ באַשלוס לטובת דעם מינדערהייטס־בלאָק.

דאָ וויל איך דערציילן אַ פאַקט, וואָס נישט אַלע ווייסן אים, און וואָס באַצייכנט גרינבוימס ערלעכע און באַשיידענע האַלטונג:

ווען איך און חבר גאָלדבערג זענען געקומען צו גרינבוים־ מען וועגן דעם ענין, האָב איך געזאָגט, אַז אויב ער וויל דער האַנטווערקער־פאַרבאַנד זאָל זיך אָנשליסן אין בלאָק, פאָדערן מיר אַן אייזערנעם מאַנדאַט. „וועלכן מאַנדאַט ווילט איר?" — פרעגט אונדז גרינבוים. „דאָס צווייטע אָרט פון דער מלוכה־ליסטע?" האָב איך געענטפערט: „דאָס צווייטע אָרט". „גוט, אויב ד"ר לעוויצקי וועט מסכים זיין". — ענטפערט מיר גרינבוים.

און דאָ איז געווען אַ מיספאַרשטענדעניש: גרינבוים האָט געמיינט דאָס צווייטע אָרט נאָך ד"ר לעוויצקין און איך האָב געמיינט דאָס צווייטע אָרט פון די יידישע מאַנדאַטן אויף דער מלוכה־ליסטע, וואָס דאָס איז געווען דאָס זיבעטע אָרט, ווייל די ערשטע זעקס מאַנדאַטן פון דער מלוכה־ליסטע זענען געגעבן געוואָרן יעדער מינדערהייט אײן מאַנדאַט. ד"ר לעוויצקי, פאָר־זיצער פון די אוקרייאינער־ראַדע, האָט באַקומען דאָס ערשטע אָרט, גרינ־בוים דאָס צווייטע, די ווייסרוסן דאָס דריטע, די דייטשן דאָס פערטע אאַז"וו. אָבער אינטערעסאַנט, אַז גרינבוים איז נישט אויפגעשפּרונגען פון פּלאַץ, ווען איך האָב געזאָגט: „דאָס צווייטע אָרט", כאָטש ער האָט געמיינט, אַז איך מיין נאָך ד"ר לעוויצקי. ווען איך האָב געזאָגט, אַז איך מיין דאָס צווייטע יידישע אָרט, האָט גרינבוים באַלד מסכים געווען און האָט זיין וואָרט געהאַלטן.

ווען ראַסנער האָט געהערט, אַז מיר גיבן אים דאָס צווייטע יידישע אָרט פון דער מלוכה־ליסטע, האָט ער אָנגעהויבן באַאַרבעטן די מיטגלידער פון צענטראַל־קאָמיטעט אויף דער פּראָווינץ און אויך אין וואַרשע, ווייל דעם באַשלוס פון גיין צו די וואַלן און זיך אָנצושליסן האָט געדאַרפט אָננעמען דער צענטראַל־קאָמיטעט.

איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן יענע נאַכט, ווען עס האָט געדאַרפט אָנגענומען ווערן דער באַשלוס, אַז מיר שליסן זיך אָן אין מינדערהייטס־בלאָק. עס זענען געקומען אַלע דעלעגאַטן פון דער פּראָווינץ. פון קראָקע ה' שטיינבערג און פישער, פון לעמבערג ה' האמער, פון ביאַליסטאָק צבי ווידער, פון ווילנע אליעזר קרוק (געווען אויך פאָרזיצער פון דער ווילנער קהילה), חוץ פון קלענערע און גרעסערע שטעט אין פוילן.

פרילוצקי האָט מאָביליזירט די מיטגלידער פון דער עקזעקוטיווע. דאָס זענען געווען די חברים ראַטבאַנד, דעמסקי, קוראַנט, בורגין, גאָלדבערג,

קופּטשיקער און נאָך אייניקע. זיי האָבן געמאַכט אַן אבסטרוקציע און פאַר קיין פאַל נישט געלאָזט פירן די זיצונג. ראַסנער איז געווען צערייצט ווי אַ טיגער און האָט געקלאַפּט אין טיש, אַז די וואָס שטערן וועט מען אַרויס־פירן פון זאַל. עס האָט נישט געהאָלפן, אָבער די אַרגומענטן זענען געווען פאַרן מינדערהייטס־בלאָק, ווייל אַלע האָבן געוווּסט, אַז אויב מען וועט זיך אַנשליסן אין פּרילוצקיס בלאָק וועט אונדזער פאַרשטייער זיצן אין דער היים און דאָ, אין מינדערהייטס־בלאָק, איז עס אַ זיכערער מאַנדאַט און עס איז דאָך נישט קיין קליינינקייט צו האָבן אַ פאַרטרעטער אין סיים. באַזונדער איז אויך אינזש טשערניאַקאָוו אַרויסגעשטעלט געוואָרן אין אַ וואַלינער וואַל־קרייז אַלס קאַנדידאַט צום סענאַט, דאָס הייסט, אַז מיר קענען האָבן צוויי פאַרשטייער אין פּוילישן פּאַרלאַמענט. אָבער די לאָגיק האָט ווייניקער צו זאָגן ווען עס צעשפּילן זיך פּאַרטייאישע, ענגהאַרציקע אַמביציעס. דער באַשלוס איז יאָ אָנגענומען געוואָרן אין גרויסן טומל, אָבער נאָך דער זי־צונג איז מען געבליבן אַ גאַנצע נאַכט אין לאָקאַל פון פאַריין און געזוכט און געפּרוווט ווירקן אויף ראַסנערן עס זאָל רעווידירט ווערן דער באַשלוס.

עס האָט זיי אָבער נישט געהאָלפן. דער באַשלוס איז געבליבן באַשלוס און מיר זענען צוגעטראָטן אָרגאַניזירן די אַרבעט. עס איז געווילט געוואָרן אַ וואַל־קאָמיטעט, ווו עס זענען געווען פאַרטראָטן פאַרשטייער פון אַלע פאַריינען. איך בין געווילט געוואָרן אַלס פאָרזיצער און גאָלדבערג אַלס סעקרעטאַר. בראָמבערגער און קריסטאַל זענען געפאָרן אין דער פּראָווינץ, איבערהויפּט אויף די קרעסן, ווו טשערניאַקאָוו האָט קאַנדידירט צום סענאַט. די שטימונג איז געווען פאַר דער ליסטע „נומער 16”, כאָטש די רעגירונג האָט געמאַכט שטאַרקע שטערונגען. יעדן זאַל, וואָס דער מינדערהייטס־בלאָק האָט געדונגען אויף מיטינגען, האָט מען האַרט פאַרן אָנהייב פון מיטינג דערקלערט אַלס אומזיכער און געפערלעך און דער מיטינג איז נישט פאָרגעקומען. האָט מען געמאַכט מיטינגען אונטערן פרייען הימל.

דער בלאָק פון פּרילוצקין האָט געפּרוווט אַפּרייסן פאַריינען פון דער אָרגאַניזאַציע, אָבער עס איז אים נישט געלונגען. די מיטגלידער פון דער עקזעקוטיוו בורגין, ראַטבאַנד און דעמסקי האָבן זיך נישט געוואָלט אונטער־וואַרפן דעם באַשלוס פון צענטראַל־קאָמיטעט און האָבן געפּרוווט רופן פאַרזאַמלונגען אין שניידער־פאַריין, אָבער קיין גרויסע השפעה האָבן זיי

האַנדווערקער וואַל־קאָמיטעט צו די פּאַרלאַמענט־וואַלן אין יאָר 1928.
אין דער צווייטער רייע אין צענטער זיצן: בראָמבערגער, אלימלך ראק, אינזש. אַדאַם טשערניאַקאָוו.
חיים ראָסנער א. אַ. אין דער ערשטער רייע: יעקב קריסטאַל, וואָלף ראָזענטאַל א. אַ.

זכרונות פון אַ יידישן האַנטווערקער־טוער

וואָל־נומער

Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

Nr. 1 Handwerker-Caitung

האַנטווערקער צייטונג

ארגאן פון צענטראלן יידישן האַנטווערקער־פאַרבאַנד אין פּוילן

געווידמעט די ווירטשאַפטלעך־קאָאָפּעראַטיווע, פּראָפעסיאָנעלע און
געזעלשאַפטלעך־קולטורעלע אינטערעסן פון די יידישע האַנטווערקער

רעדאַגירט דורך אַ קאָלעגיע

ערשטער יאָרגאַנג

Luty 1928 פעברואַר

Redakcja i Administracja: Warszawa, Nalewki 2a. tel. 110-35
אַדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע: וואַרשע, נאַלעווקי 2a טעל. 110-35

נישט געהאַט, ווייל די יידישע גאַס איז געגאַנגען מיטן בלאָק פון די מינ־דערהייטן, ווייל זי האָט געוואָלט אַזוי אַרום אויסדריקן דעם פּראָטעסט קעגן דער פּאָליטיק פון דער רעגירונג און מען האָט געשטימט פאַר דער ליסטע פון די מינדערהייטן. דאָס זעלבע איז געווען אין דער פּראָווינץ, כאָטש דאָרט האָבן די מאַכט געהאַט מער איינפלוס אויף דער באַפעלקערונג, אָבער מען האָט זיך נישט דערשראָקן און דער זיג איז געווען אַ זיכערער.

ראָסנער איז געווילט געוואָרן, אָבער מען מוז זאָגן, אַז ער האָט זיך דעם מאַנדאַט פאַרדינט. ער האָט געאַרבעט אומדערמידלעך, געפאָרן אין דער גאַנצער פּראָווינץ און באַאַרבעט די שטעט און שטעטלעך. נאָך די וואָלן האָט גרינבוים דאָס דערמאָנט אין זיין באַריכט, וואָס ער האָט געמאַכט אויף אַ פאַרזאַמלונג: „ווען עס וואָלטן געווען נאָך אַזעלכע אַרבעטער ווי איך און ראָסנער, וואָלט דער זיג אפשר געווען נאָך גרעסער".

טשערניאַקאָוו איז גראָד דורכגעפאַלן אין זיין קרייז, אָבער אַ יאָר שפּעטער זענען געפּסלט געוואָרן די מאַנדאַטן פון סעלראַפּ (אַ ווייסרוסישע ראַדיקאַלע ריכטונג) און דאָרט האָבן באַדאַרפט פאַרקומען צוגאָב־וואָלן און עס איז ווידער אַרויסגעשטעלט געוואָרן די קאַנדידאַטור פון טשערניאַ־קאָוון אין סענאַט אַריין.

דאָ האָבן זיך אונדזערע חברים גענומען צו דער אַרבעט. טשערניאַקאָוו האָט פינאַנסירט די אויסגאַבן און די חברים בראַמבערגער, קריסטאַל און גאָלדבערג זענען געלעגן דאָרט אין די קרעסן אפשר וואָכן און זיי האָבן ווירקלעך ממש ריזיקירט מיט זייער פערזענלעכער פרייהייט (ווייל דאַן איז דער רעזשים אין פוילן געוואָרן נאָך מער דיקטאַטאָריש). פּאָליציי איז זיי נאָכגעפאָרן אין יעדן שטעטל און מען האָט זיי געשטערט וויפל מען האָט נאָר געקענט.

אַגב אורחא, וויל איך דאָ דערציילן, אַז איך, גאָלדבערג און קריסטאַל זענען אויך אַרעסטירט געוואָרן אין וואַרשע גופא. עס איז שפּעטער פאַר־געקומען אַ פּראָצעס קעגן אונדז און מיר זענען פאַרמשפּט געוואָרן אויף זעקס מאָנאַטן טורמע, נאָר דאָס אויספירן די שטראָף איז אָפּגעלייגט גע־וואָרן אויף צוויי יאָר. אונדזערע משפּחות האָבן גאָרנישט געוווסט פון די אַלע צרות, וואָס מיר האָבן געהאַט פון דער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט.

טשערניאַקאָוו איז טאַקע געווײלט געוואָרן אין יענעם קרײַז און איז שוין פון ראָוונע געפאָרן אַלס סענאַטאָר אין וואַגאָן ערשטע־קלאַס קיין וואַרשע. נאָר נישט לאַנג האָט געדויערט זײַן גדולה, ווײַל דער סיים און סענאַט זענען דורך פּילסודסקין פאַנאַנדערגעלאָזט געוואָרן און ער האָט אַפילו נישט געהאַט די מעגלעכקייט צו זײַן אויף איין זיצונג.

קאַפּיטל זיבנאונדרייסיק

האַנטווערקער־אידעאָלאָגיע

אין לויף פון אונדזער דערוואַכונג און אויפקלערונגס־אַרבעט האָט זיך ביי אונדז געשאַפן אַ האַנטווערקער־אידעאָלאָגיע און אַפילו די פּרעלעגטן, וואָס מיר פלעגן איינלאַדן צו לייענען ביי אונדז רעפעראַטן, פלעגן פאַר־שטיין אונדזער גייסט. זייערע טעמעס זענען צום מיינסטן געווען איבער דער וויכטיקער ראָל פון די בעל־מלאכות אין פאַרשיידענע צייטן פון אונ־דזער געשיכטע.

אַזוי צום ביישפּיל האָט פּראָפעסאָר שמואל פּאָזנאַנסקי ביי אונדז גע־רעדט און דערמאָנט דעם פּעריאָד פון תלמוד, ווען צווישן די האַנטווערקער האָבן זיך געפונען אַזעלכע פּערזענלעכקייטן ווי יוחנן הסנדלר, ר׳ יצחק נפּחא און אַנדערע.

דער עסקן י. מ. פריד האָט ביי אונדז געלייענט אַ רעפעראַט וועגן האַנטווערקער אונטערן נאָמען: „די היסטאָרישע אַנטוויקלונג פון יידישן האַנטווערקער". דער רעפעראַט איז געווען אַזוי אינהאַלטסרייך, אַז איך האָב אים אָפּגעדרוקט אין 10־יעריקן יובילעאום־אַלמאַנאַך. דאָס זעלבע פלעגן טון אַנדערע פּרעלעגענטן, וואָס פלעגן ביי אונדז לייענען רעפעראַטן — רעדאַקטאָר יוסף העפּטמאַן אָדער ד״ר יצחק שיפּער.

מיר, די האַנטווערקער־טוער, פלעגן די אויפקלערונגען פירן אויף אונדזער שטייגער, יעדער לויט זיין אַנשויאונג. צום בעסטן האָט עס געטון דן בראָמבערגער, אַזוי אַז איך פלעג אים טיילמאָל זאָגן, אַז ער אידעאַליזירט שוין צופיל דעם האַנטווערקער, און אַז ער, דער האַנטווערקער, איז גאָר־נישט דאָס, וואָס בראָמבערגער זעט אין אים. דאָס איז געווען אין די יאָרן

1929—1930, ווען איך בין שוין געווען אַ ביסל אַנטוישט פון די האַנט־ווערקער־דערגרייכונגען, אָבער ווען איך בין געווען אין ברען פון דער אַרבעט, האָב איך אָפּגעדרוקט אַ ליד, וואָס כאַראַקטעריזירט דעם גלויבן אין דעם יידישן האַנטווערקער און אין זיין ראָל אין יידישן לעבן.

איך גיב דאָס ליד ווי עס איז געדרוקט געווען אין איינעם פון די האַנטווערקער־נומערן פון אונדזער חודש־זשורנאַל אין 1927:

צום האַנדווערקער־פאָלק

ס'האָט לאַנג שוין געקלונגען די שעה פון בעפרייאונג,
ס'האָט לאַנג שוין ערוואַכט, דער מענש פון זיין שלאָף...
נור דו איינער הערסט נישט דאָס שאַלען פון שופרות...
נור דו איינער דרעמעלסט אָהן צייט און אָהן סוף.

ס'האָט לאַנג שוין גענומען דער מענש דאָס כלי־זין —
דאָס פאַק'ל פון „וויסען" און „ליכט" אין זיין האַנד
נור דו איינער שרעקסט זיך, די האַנד אויסצושטרעקען
נור דו איינער גלויבסט נישט אין מאַכט פון פערשטאַנד.

דאָך וויים אַז אַ כח ליגט אין דיר בעהאַלטען
וואָס קאָן דיך ערהויבען צו כבוד אין רוהם;
דו דאַרפסט נור דיין אייגענעם איך צו דערקענען
דאַן וועדסטו דו שוין מעכטיג אַלס האַנדווערקערטום.

און וועסטו באַר פאָלק מייגס דיין שימעל... אַבטרייסלען,
וועט „פרייהייט" און „וויסען" זיין דיין פערלאַנג,
וועט מען דיר זינגען פרילינגס־מעלאָדיען
וועסט דו דערהערען דעם געטליכען... קלאַנג.

ס'וועט דאַן ערשיינען אַ ליכטיגער שטערן...
וואָס וועט דיר בעלייכטען דיין וועג און דיין ציל
און איך וועל דיר ווידמען די שענסטע חלומות
פלעכטען דיר בלומען פון גייסט און געפיהל.

מ. ראַק

אלימלך ראק

די פאָלקיסטישע חברים האָבן עס געטון אויף זייער שטייגער און באַוויזן, אַז דער האַנטווערקער שפּילט די זעלבע ראָל וואָס דאָס פּויערטום ביי אַנדערע פעלקער, און אַז אונדז קומט דער „אויבן אָן".

די ציוניסטישע חברים פלעגן באַגרינדן זייער אידעאָלאָגיע, אַז דער האַנטווערקער איז דער פּראָדוקטיוועסטער עלעמענט אין פאָלק, מיט דעם, אַז דער אַרבעטער זאָרגט נאָר פאַר איין טייל פון דער אַרבעט כדי צו האָבן זיין עקזיסטענץ, דאַקעגן דער האַנטווערקער איז אַ פאַראַנטוואָרטלעכער פאַקטאָר פון דער גאַנצער שאַפונג און פּראָדוצירונג. און איך פלעג נאָך צוגעבן, אַז מיר שאַפן אַן אַרמיי פאַרן נייעם ארץ־ישראל דורכן פּראָדוקטיוויזירן די מאַסן.

אַז אונדזערע אָרגאַניזאַציע איז געווען אַן אידעיִשע פאָלקס־באַוועגונג באַווייזט דאָס וואָס יעדער האַנטווערקער־פאַריין האָט געהאַט אַ פאָן. און מיט וואָס פאַר אַ פּיעטעט און יראת הכבוד מען פלעגט שאַפן די פאָן! די פאָן פלעגט באַגייסטערן און ציִען נאָך זיך הונדערטער און טויזנטער מענטשן.

ביי דער געלעגנהייט וויל איך דערציילן אַ מעשה מיט אַ הימן.

איך האָב זיך אַרומגעטראָגן מיט אַ געדאַנק, אַז מיר דאַרפן אַ האַנטווערקער־הימן. אַ מעלאָדיע צום הימן האָב איך געפונען ווען איך בין געווען אויף דער 10־יעריקער פייערונג פון דער האַנטווערקער־אָרגאַניזאַציע אין וולאָצלאַוועק. דאָרט האָב איך געהערט אַ שיינע מעלאָדיע, וואָס דער אָרקעסטער פון „מכבי" האָט געשפּילט לכבוד אונדז. איך האָב געבעטן מען זאָל מיר שיקן די נאָטן פון דער מעלאָדיע (אַגב, האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, אַז דאָס איז געווען דער הימן פון „מכבי"), און ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן פון פייערונגען, וואָס מיר פלעגן איינאָרדענען, האָט מען ביי אונדז געשפּילט דעם הימן, וואָס זיינע טענער האָבן דערמוטיקט און דערהויבן. איך האָב אָבער געוואָלט האָבן אַ טעקסט צו דער מעלאָדיע, האָב איך, אַלס פאָרזיצער פון דער קולטור־קאָמיסיע פון דער צענטראַלע, אָפּגעדרוקט אין אונדזער זשורנאַל אַ מעלדונג, אַז יעדער, וואָס וועט אָנשרייבן אַ ליד און עס וועט אָנערקענט ווערן אַלס הימן, וועט באַקומען אַ פּרעמיע. דערויף

האָב איך באַקומען נאָר איין ליד פון חבר קאַכמאַן, פון פּאַביאַניץ, מיר איז דאָס ליד אַלס הימן נישט געפעלן געוואָרן.

מאַכט זיך, אַז ראַסנער איז אין פּאַביאַניץ, און ביי אַ באַנקעט, וואָס מען מאַכט דאָרט לכבוד אים, באַשטעטיקט ראַסנער קאַכמאַנען, אַז זיין ליד זועט ווערן דער הימן, דער האַנטווערקער־הימן. נאַטירלעך, האָט די עקזעקוטיווע נישט באַשטעטיקט דעם באַשלוס, וועלכן ראַסנער האָט אַליין אָנגענומען אין אַ מאָמענט פון „כטוב לב המלך ביין״, אָן שום זשורי. אָבער ה׳ קאַכמאַן האָט געלאָזט אָפּדרוקן דאָס ליד, אונטערן טיטל: „דער האַנט־ווערקער־הימן״.

מען מוז צוגעבן, אַז דער האַנטווערקער־פּרימאַט איז געווען ביי אונדז שטאַרקער ווי דער פּאַרטיי־פּרימאַט. אין פּאָליטישע אַקציעס האָבן מיר גע־ראַטן דער פּראָווינץ זיי זאָלן גיין זעלבסטשטענדיק צו די וואַלן, און מיר, ציוניסטן, אַז מיר פלעגן קומען אין די שטעטלעך, פלעגן מיר אָפטמאָל אַרויסטרעטן קעגן ציוניסטישע ליסטעס, אויב זיי האָבן געוואָלט פּרעטענ־דירן אויף האַנטווערקער שטימען. מיר האָבן געוואָלט זען, ווי מיר פלעגן זיך אויסדריקן, אַ גרויסן און שטאַרקן האַנטווערקער־קלאַס. מיר פלעגן זיך נאָר פּאַרמעסטן מיטן „בונד״ און אין געוויסע שטעט זענען מיר געווען שטאַרקער פון „בונד״.

איך גלייב, אַז דאָס וואָס די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע איז אָפטמאָל געווען קאַלט און פרעמד צו אונדז, איז געווען דערפאַר ווייל זי האָט זיך געשראָקן מיר זאָלן נישט צו גרויס ווערן און ווערבירן די מאַסן. פאַרלאָזן זיך אינגאַנצן אויף אונדז, אַז מיר וועלן גיין אין די ריכטיקע נאַציאָנאַלע וועגן, האָט זי טאַקע נישט געקענט בפרט, ווען מיר זענען געווען פאַר־אייניקט מיט די פאָלקיסטן. אָבער אַפילו ווען מיר זענען געווען באַזונדער אַלס ציוניסטישע האַנטווערקער, האָבן מיר אויך יעדע קלייניקייט געדאַרפט אויסקעמפן אָדער אויסבעטלען.

***

יעדער אינטעליגענטער האַנטווערקער, וואָס האָט נאָר געקענט עפּעס אָנשרייבן, ווער אַ שיר, ווער אַן אַרטיקל, האָט עס געטון, און אין אַלע די

לידער און אַרטיקלען איז געווען אַ געוואַלדיקע ליבע און אפשר אויך איבערשאַצונג פון דער ראָל פון האַנטווערקער אין ייִדישן פאָלק.

אַלס אייגנאַרטיקע מוסטערן פון אונדזער פאָלקסטימלעכקייט, ברענג איך דאָ אַ ריי לידער געשריבן דורך אונדזערע האַנטווערקער־טוער.

עס קען זיין אַז ליטעראַטור־קריטיקער וועלן דערין נישט געפינען קיין „ריינע קונסט", אָבער זיי זענען היינט וויכטיקע דאָקומענטן פון ייִדישן פאָלקלאָר און אַ באַווייז פון דער ליבע צו אונדזער האַנטווערקער־לעבן.

האנדווערקער-הימן

יצחק דיאמענט

(פרעזעס פון שעראדזער האנדווערקער־פעראיין)

I

האַנדווערקער פון אַלע פאַכען,
גלייכט די רוקענס אויס,
דערליבט נישט מעהר פון אייך צו לאַכען,
געהט שטאָלץ, מוטיג און פאַראויס.

רעפריין: זינגט און ליבט גלייך מיט לייטען,
די אַרבייט נאָר איז אונזער מאַכט,
פערגעסט די אַלטע, אַלטע צייטען —
דער האַנדווערקער האָט צוריק ערוואַכט!

II

בעקער, טישלער, שוסטער, שניידער,
געווען אַמאָל דער גרעסטער שפּאָט,
צום בעדויערן, ליידער, ליידער,
יעדער פון זיי געלאַכט האָט.

רעפריין: זינגט און ליבט א. אַ. וו.

III

אַמאָל אויך געווען אַ גרויסער חטא,
צו זיין אַ בלעכער, שלאָסער, שמיעד,
יעדער יחסן האָט זיך צערעדט:
בעל־מלאכה — נידריגער יוד:
רעפריין: זינגט און ליבט א. אַ. וו.

IV

איגם כלל פון לעבען קיין אַנטייל גענומען,
פון אַלע געוועזען פּעראַכט, —
געה פונוואַנען דו ביזט געקומען!
ווי אַ נידריגע בריאה האָט יעדער בעטראַכט.

רעפריין: זינגט און לויבט א. אַ. וו.

V

אונזער לאָזונג און פּאַראָל
איז דעם אַלטען דיכטערס נאָך:
יגיע כפיך כי תאכל,
איז: אשריך וטוב לך.

רעפריין: זינגט און לויבט א. אַ. וו.

VI

אין יעדער שטאָדט, אין יעדן לאַנד
פערנעהמען מיר דעם אויבענאַן,
לעבען זאָל אונזער פאַרבאַנד,
מיט זיין שטאָלצער פרייהייטס־פאָהן!

רעפריין: זינגט און לויבט גלייך מיט לייטען,
די אַרבייט נאַר איז אונזער מאַכט,
פערגעסט די אַלטע, אַלטע צייטען —
דער האַנדווערקער האָט צוריק ערוואַכט!

☆

שניידער־הימן

לכבוד דער באַנייונג פון דער פאָן
פון וואַרשעווער שניידער ־ צעך.

מיר טראָגן מיט שטאָלץ די גרין־ווייסע פאָן
דעם סימבאָל פון פרידן, פון אַרבעט און ליכט,
אַ צייט אַ נייע פאַרן שניידער קומט אָן,
עס שאַלט זיין שטים, מ׳פילט זיין געוויכט...

צוזאַמען, חברים, אין רייען פאַרויס,
מיט הויכן געזאַנג פון נאָדל און שער,
זאָל וואַקסן די מאַסע, פון וואַרשטאַט אַרויס —
מאַרשירן ווי בירגער קומט אַלע אַהער!

זאָל קומען אַ לעבן מיט ליכטיקע טעג,
מיט שטראַלנדער זון און ליבע דערצו,
די פאָן זאָל אונז פירן אין ריכטיגן וועג —
צו אַרבעט, צו אַחדות, צו פרייד און צו רו.

יצחק איוואן

יובילעאום־ליד

הוליעט, הוליעט, יובילאַרען,
הויך און טריי האַלט אייער פאָהן,
זאָלען אַלע יעצט ערפאַהרען,
וואָס איהר קאָנט און דאַרפט נאָך טהאָן.
טהוט פאַר׳ן מיטגליד וואָס נור מעגליך,
אויף די פיס זעהט שטעלט איהם,
ס׳איז זיין לאַגע אונערטרעגליך,
שאַפט איהם וואָס עס פעהלט איהם!
פעהלען פעהלט אים זעהר פיעל...
שווער און ביטער איז זיין לאַגע.
אייער פליכט, דאַרף זיין דער ציעל,
ווי צו לעזען אָט די פראַגע.

**
*

פרעהט זיך, פרעהט זיך, בעלי מלאכות,
קלערט נישט וואָס וועט ברענגען מאָרגען,
האָט איהר דאָך לכל הפחות
ווער עס זאָל פאַר אייך זיך זאָרגען.
ווילט איהר זעהען די ערפאָלגען,
מוזט איהר אויך זיין קאָנסעקוועגט,
אייערע פיהרער דאַרפט איהר פאָלגען,
העלפען זיי מיט וואָס איהר קענט...
אַלע האָבען מיר איין ציעל:
אונזער קראַפט פערגרעסערן.
קומט צו אונז, ווער עס וויל
ס׳זאָל זיין לאַגע זיך פערבעסערן!

ב—ן יעקב

צו די ברידער האַנדווערקער

יעדער האַנדווערקער וואָס האָט אַ שטרעבען
עטוואָס שאַפען זיך אין לעבען,
קלערען דאַרף ער וואו און ווען איהם
ברענגען גרויסע נוצען קען איהם.
ברידער, האַנדווערקער, פון יעדען פאַך,
יונג און אַלט נישט קלערט קיין סך
יעדער נור מיט וואָס איהר קענט
לעגט אַ שטיין צום פונדאַמענט;
יעדען רוף איך אַפענהערציג
קומט אויף לעשנאַ צוויי און פערציג.

— — — — — — — — — — — —

שאַפט דאָס גרויסע קערפּערשאַפט
אַלע האַנדווערקער ווי איינער,
כדי ס'זאָל האָבען וואָס מעהר קראַפט
מאָר נישט פעהלען קיינער.
ערנסט שטעהט די לאַגע פאָר
לאָזט אייך נישט פערפיהרען
פון פערזאָנען וואָס ווילען נאָר
אָהן אַ רעכט רעגירען.
ביז אַהער איז נור געווען
רייבונגען און שטרייטען,
יעדער ווער דאָס האָט געזעהען
קען — מוז זיין מיינונג בייטען.
אַלזאָ, ברידער, רוף איך אייך,
נעמט זיך צו דער אַרבייט גלייך,
טוט ווי בעסער איז פאַר אייך.

יעקבביילין
שעכטעל־פאַבריקאַנט

אלימלך ראק

**
*

א מאהל האט מען וועגן אייך געזאגט:
וואס איז דען דער בעל־מלאכה, א גארנישט, א פלאג,
א פינסטערע מאסע, פערשטאפטע נאראנים,
טויגען צו גארנישט, — אלע קבצנים.
וואס איז דען דער שניידער, מישטיינסגעזאגט?
שטענדיק פארהארעוועט, פערחושכ׳ט, פעריאגטע;
נעמט צו די סחורה, גייט אויף א שטיק,
עס פאסט נישט, עס רייסט נישט דעם בליק...
דער שלאסער, דער סטאליאר, מיט האמער און באר,
האבען קיין שכל צו מסחר א האר,
בויערט און פיילט, דאכט זיך גאנץ טייער,
פערפערטיגט די ארבעט, כאטש ווארף זיי אין פייער...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

אה, איהר האנדווערקער, ערוואכט!
מארשירט מיט שיינהייט און פראכט,
פערווארפט די לעגענדעס אהן א בעגריף,
אין אייך פיל כוחות ליגט אזוי טיף...
און דאך זייט אייך נישט מצער,
איהר פערהארעוועטער יובילאר,
זייט שטאלץ, האלט אייך נישט צוריק,
גייט בויט ווארשטאטען, פאבריק...
אויף איין מינוט נישט פארגעסט:
אין אייך ליגט א וועלטען נעסט,
א גבורה אין אייער שעפער־האנד;
בייט, פרישט אויף דאס אלטע לאנד!
די מענשהייט וועט שטויגען,
ווען איהר וועט דאס לאנד בעקרויגען,
און שאפט, ווערט נישט מיד,
דאס מוז לייסטען דער נייער יוד...

העניא זאקסענבערג

אונדזער קולטור־ווינקעלע — אונדזער קולטור־פּראָבלעם

פון מ. ראַק

מיר ציילן שוין דאָס פופצנטע יאָר אונדזער עקזיסטענץ. אַלס אָרגאַניזירטער כוח אין יידישן לעבן; מיר קעמפן איצט פאַר גלייכבאַרעכטיקונג נאָר פאַר אַ מאַכט און פאַר סאָציאַל־עקאָנאָמישע דערגרייכונגען, וואָס דאַרפן די שטרעבונגען, וועלכע מיר האָבן זיך געשטעלט אין אָנהייב פון אונדזער באַפרייאונגס־קאַמף דערגענצן און דערפילן.

איבערהויפּט, זייט דעם פּאַראייניקונגס־קאָנגרעס אין יאָר 1925, ווען די יידישע האַנדווערקער־באַוועגונג האָט זיך צעגאָסן ווי אַ כוואַליע איבערן גאַנצן שטח, ווו עס פולסירט אַ יידישער קיבוץ, איז ביי אונדז צו פאַרצייכענען באַדייטנדיקע דערפאָלגן: עס זענען איינגענומען געוואָרן פּאָזיציעס, עס זענען צעקלאַפּט געוואָרן פעסטונגען און עס איז ראַדיקאַל געענדערט געוואָרן דער געזעלשאַפטלעכער פּרצוף פון יידישן לעבן; אָנשטאָט די געפּירטע, ווערן מיר אויף דער יידיש־געזעלשאַפטלעכער אַרענע טיילווייז די פירער און טאָנגעבער. און מיר ווילן אויך אָנהייבן טראָגן די אחריות פאַר די אינסטיטוציעס און קערפּערשאַפטן, וואָס מיר האָבן דעראָבערט אָדער אין וועלכע מיר זענען באַדייטנד פאַרטראָטן.

אָבער זאָל דאָ געזאָגט ווערן דאָס, וואָס עס דאַרף און מוז געזאָגט ווערן: אונדזער באַוועגונג האָט זיך געוואַלטיק צעוואָקסן און צעשפּרייט אָבער מער אין דער ברייט, אין שטח, ווי אין דער טיף. מיר האָבן זיך מיט סטיכישע קראַפטן צעגאָסן איבערן ברייטן יידישן פעלד, טראָגנדיק אין זיך דעם האַס און פאַרביטערונג פאַר די עוולות, וואָס זענען קעגן אונדז דורות־לאַנג באַגאַנגען געוואָרן. דאָך גלייב איך, אַז די תקופה פון שטורעם און דראַנג איז שוין פאַריבער און עס איז געקומען די צייט, ווען מיר מוזן אונדזער פעלד אויך אָנהייבן אַקערן אין דער טיף, דאָס הייסט, צו פלעגן אונדזערע קולטורעלע און דערציערישע אינסטיטוציעס און אַזוי אַרום אַריינטראָגן אַ קולטורעלן שטראָם אין אַלע אונדזערע האַנדווערקער־ און קאָאָפּעראַטיווע אינסטיטוציעס, וועלכע נייטיקן זיך

אלימלך ראק

אין דעם, ווי אין לופט. מיר טאָרן נישט פאַרגעסן, אַז אין משך פון גאַנצע 15 יאָר האָבן מיר אויף דעם דאָזיקן געביט כמעט גאָר נישט געטאָן, קיין נייע מענטשן מיט פרישער גייסטיקער קראַפט, וויסן און איניציאַטיוו זענען אונדז נישט צוגעקומען. מיר מוזן אַריינברענגען אין אונדזערע רייען וואָס מער ליכט; ווי דעם פאָלק, קלאַס, אָדער באַוועגונג, ווען מען נעמט אים צו זיין אינטעליגענץ, זיינע קולטורעלע אַנשטאַלטן, — דאָס איז דער אָנהייב פון אַ זיכערן אונטערגאַנג.

און דעריבער: זאָלן מיר קוקן ניכטער אין אונדזער צוקונפט, און נישט וואַרטן, ביז אַלץ וועט אויסגעטריקנט ווערן, זאָל דער קאַמף און זיג פון מאַטעריעלע דערפאָלגן נישט אָפּטעמפּן און פאַרסמען אונדזער נשמה אויפן חשבון, פון לייביקייט. זאָל דער עם־הספר נישט דערגיין בלויז צו דער מדרגה פון אַ עם־הלחם, נאָר דער קאַמף פאַר דער עקאָנאָמישער און גייסטיקער באַפרייאונג פון די האַנטווערקער־מאַסן, זאָל גיין פּאַראַלעל. אויב נישט, זענען מיר פאַראורטיילט צו ענטאַרטונג און אַ גייסטיקער פאַרניכטונג.

עס טאָר אָבער נישט געשען, אַז אַזאַ קרעפטיקע און פאָלקסטימלעכע באַוועגונג, ווי די האַנדווערקער־באַוועגונג, זאָל נישט שאַפן אירע גייסטיקע ווערטן, זאָל נישט זאָגן איר וואָרט, איר ניי, שטאַרק און וואָגיק וואָרט, ווען אונטער איר פאָן ציען זיך מחנות פון צענדליקער טויזנטער יידן, וואָס זענען אויף אונדזער רוף גרייט צו פאַרלאָזן הויז און היים, כדי מיט דער גאַנצער ענערגיע, טרייהייט און איבערגעגעבנקייט זיך צו וואַרפן אין דער גרויסער באַוועגונג.

זייענדיק פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן קאָנגרעס און זיינע באַשלוסן, וואָלט איך געהאַלטן פאַר אַ זינד, די דאָזיקע פראַגע נישט צו באַרירן. איך עפן דעריבער ביים באַנייען די צייטונג די רובריק: „אונדזער קולטור ווינקל". פון דעם דאָזיקן באַשיידענעם ווינקל וועלן מיר העל באַלייכטן אונדזער אַרבעטס־פעלד, אַזוי, אַז אונדזערע קעמפנדיקע לעגיאָנען זאָלן אויף זייער וועג נישט געשטרויכלט ווערן.

און ווען אונדזער רוף וועט געפינען אַ געהעריקן אָפּקלאַנג און שטיצע ביי די טויזנטער פון אונדזערע חברים, וועלן מיר דאַן אַרויס פון אונדזער ווינקל און וועלן פאַרנעמען דעם אויבן־אָן אין אונדזער און מיר אַזוי ליבער האַנדווערקער־באַוועגונג.

קאַפּיטל אַכטאונדרייסיק

דער צווייטער האַנטווערקער קאָנגרעס 1929

דער צווייטער האַנטווערקער קאָנגרעס נאָך דער פאַראייניקונג איז אייגנטלעך געווען נישט קיין קאָנגרעס נאָר אַ צוזאַמענפאָר. עס זענען געווען ביי אונדז חברים, וואָס האָבן ליב געהאַט הויכע ווערטער. און היות די שטימונג איז געווען, אַז עס קומט פאַר אַ גראַנדיעזע זאַך, האָט מען דעם צוזאַמענפאָר באַשלאָסן צו רופן: קאָנגרעס. און דער אמת מוז געזאָגט ווערן, אַז אַזאַ אימפּולסיווע טעטיקייט, ווי עס האָט געהערשט אין אונדזער פאַרבאַנד, האָט מען נאָר געקאָנט טרעפן אין דער ציוניסטישער אָרגאַני־זאַציע.

די האַנטווערקער־באַוועגונג האָט זיך צעגאָסן ווי אַ כוואַליע איבער דער גאַנצער פּוילישער רעפּובליק. עס איז ניט געווען קיין שטעטל, עס זאָל דאָרט נישט זיין קיין האַנטווערקער־אָרגאַניזאַציע און זי זאָל נישט שפּילן קיין באַדייטנדיקע ראָל אינעם אָרטיקן יידישן לעבן. אין די גרעסערע שטעט האָבן אונדזערע חברים פאַרנומען די העכסטע פּאָזיציעס אין געזעלשאַפט־לעכן לעבן. אַזוי איז אונדזער חבר קרוק געווען פאַרזיצער פון דער קהילה אין ווילנע, צבי ווידער — אין ביאַליסטאָק, רייזמאַן — אין קעלץ אאַז״וו. אַ חוץ דעם זענען שוין דאַן געווען באַדייטנדיקע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס, ווי די צענטראַלע איינקויפס־שטעלע „סורוויט״, ריזיקע האַנטווערקער בענק און אויך אייניקע פאַרקויפס־קאָאָפּעראַטיוון, אַזוי אַז אונדזער וווקס אין אַרבעט האָט געמאַכט אַן אומגעהויערן איינדרוק.

די פייערלעכע דערעפענונג פון קאָנגרעס איז פאָרגעקומען אין די זאַלן פון וואַרשעווער שטאָט־ראָט, אויפן טעאַטער־פּלאַץ. אַלע פאַריינען און

אלימלך ראק

האַנטווערקער־צייטונג

קאָנגרעס־נומער

5. X. 1925 — 12. II. 1929

ברוכים הבאים!

פון טיפסטן האַרצן באַגריסן מיר אַלע דעלעגאַטן און געסט, וועלכע קומען זיך באַטייליקן אין אונזער גרויסן יום טוב, אין צווייטן יידישן האַנטווערקער־קאָנגרעס!

אונזער היינטיקע גרויסע פייערלעכע פאַרזאַמלונג, צו וועלכע ס'זאַנען זיך צונויפגעקומען פאָרשטייער פון אַלע עקן און טיילן פון לאַנד, איז אַ יום־טוב פון פאַראייניקטן יידישן האַנטווערקער־שטאַנד און איז אַ באַווייז, אַז דורך געמיינזאַמע אָנשטרענגונגען האָט זיך איינגעגעבן אויפצוהייבן דעם יידישן בעל־מלאכה פון זיין נידעריקן און שפּלדיקן מצב, אין וועלכן ער האָט זיך געפונען אין משך פון הונדערטער יאָרן און אַז אונז איז דאָך געלונגען דעם יידישן האַנטווערקער צו אָרגאַניזירן אין אַ מעכטיקן כח, צו פאַרהאַנדלען אים אין אַ חשובן און נוצלעכן פאַקטאָר אין אַלגעמיינעם געזעלשאַפטלעכן לעבן. דאָס באַווייזט, אַז די לעצטע פופצן יאָר פון אינזער אַרבעט זענען נישט געגאַנגען לאיבוד, אַז די פאַרזייטע זאַמען האָבן אַרויסגעגעבן רייכע פּירות.

זאָל דער צווייטער יידישער האַנטווערקער־קאָנגרעס זיך פאַרוואַנדלען אין אַ מאַניפעסטאַציע פון אונזער אידעאַל פון עמאַנציפּאַציע און יידישער אַרבעט, וואָס זאָל ווערן פאַר אונז די טרייב־קראַפט צו אַ ווייטערדיקער פרוכטבאַרער טעטיקייט, וועלכע זאָל דערפירן צו אַ פולן אויפבוי פון יידישן האַנטווערקער־שטאַנד, צו אַ פעסטן יסוד פון זיין עקזיסטענץ און צו זיין העכערער גייסטיקער אַנטוויקלונג.

זייט אַלזאָ באַגריסט, ליבע חברים דעלעגאַטן און געסט, איר אַלע, וועמען ס'פאַראייניקט מיט אונז דער בשותפותדיקער אידעאַל!

עקזעקוטיווע פון צענטראַלן יידישן
האַנטווערקער־פאַרבאַנד אין פוילן

דעלעגאַציעס פון דער פּראָווינץ האָבן מאַרשירט מיט די פענער פון אונ־דזער זאַל ביזן שטאָט־ראַט. דער צוג איז געווען אימפּאָזאַנט און גראַנדיעז, עס האָבן מאַניפעסטירט נישט קיין יינגלעך פון אַ פּאַרטיי, נאָר בעלי־מלאכות פון פאַרשיידענעם עלטער.

אויף דער דערעפענונגס־זיצונג זענען געקומען געסט פון דער רעגי־רונג, פון מאַגיסטראַט און פון אַלע יידישע און נישט יידישע אינסטיטוציעס. די דעלעגאַטן פון דער פּראָווינץ האָבן געקראָגן קאָפּ־שווינדל פון אַזאַ פּאַ־ראַד און פון אַזאַ אַנערקענונג. מען דאַרף געדענקען, אַז דאַן האָבן מיר שוין געהאַט אַ פאַרשטייער אין סיים און 3 פאַרשטייער אין שטאָט־ראַט, גלייך מיט אַנדערע יידישע פּאַרטייען. און היות מיר זענען געווען, דער אַזוי גערופענער, פּראָדוקטיווער עלעמענט אינעם יידישן קיבוץ אין פּוילן און די אַנטיסעמיטישע פּרעסע האָט אונדז ווייניקער אָדער גאָרנישט אָנגע־גריפן, האָבן מיר זיך געפילט שטאַלץ און זיכער און מיר זענען געווען די העלדן אויף דער יידישער גאַס. איך וויל דאָ נאָך צוגעבן, אַז צום טאָג פון צוזאַמענפאָר האָבן מיר געהאַט 520 אָפּטיילונגען אין דער פּראָווינץ און די אַלגעמיינע צאָל מיטגלידער האָט דערגרייכט 130 טויזנט, אָבער טראָץ דער גרויסער און הויכער פּאָזיציע וואָס מיר האָבן דערגרייכט, בין איך און נאָך אַ פּאָר חברים, געווען גלייכגילטיק און אַנטוישט און איך האָב אַפילו האַרט פּאַרן קאָנגרעס זיך אַנטזאָגט אָנטייל צו נעמען אין דער עק־זעקוטיווו, ווייל איך האָב געזען אַזעלכע פאַקטן און דערשיינונגען, וואָס זענען נישט געווען אין איינקלאַנג מיט מיינע שטרעבונגען און חלומות. אַז די חברים ראַסנער, גורעוויטש און גלאַצער זענען געקומען פרעגן פאַר־וואָס איך וויל נישט אַריינגיין אין דער נייער עקזעקוטיווו האָב איך זיי גע־ענטפערט: מיין שטרעבונג איז געווען צו העלפן דעם שוואַכן און געפּאַ־לעגעם האַנטווערקער, אָבער ווען איך זע, אַז „סורוויט" באַדינט בעלי־גופים וואָס זענען אַזוי אויך געגנג פעט און דאָס זעלבע געשעט אין די בענק, וויל איך נישט אָוועקגעבן מיין טייערע צייט. און איך האַלט, אַז מען דאַרף ניט זאַמלען אין אַמעריקע קיין געלט און ס'איז נישט כדאי, אַז דער דזשאָינט זאָל אונדז שטיצן און מיר זאָלן די געלטער אַזוי פאַרווענדן.

אַ פּאָר וואָכן נאָכן צוזאַמענפאָר, האָב איך דאָך צוריקגעצויגן מיין אָפּזאָג, ווייל עס זענען צו מיר געקומען די חברים פון דער עקזעקוטיווו



עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פון צענטראַלן האַנדווערקער־פאַרבאַנד

(פון רעכטס): ראַק, קאַלישער, גלאצער, גורעוויטש, בראָמבערגער, ראַסנער, ראָטבאַרד, דעמבסקי, דאלמאן און קופטשיקער.

פון דער געוועזענער לעשנע, דאָס זענען געווען די חברים: בראָמבערגער, גלאַצער, צווייפוס, ראָזענטאַל, קאַלישער און דאַלמאַן און דערקלערט, אַז אויב איך גיי נישט צוריק צו דער אַרבעט, גייען זיי אויך אַוועק און דאַן בלייבט די גאַנצע מאַכט ביי ראַסנערן און ביי די פּאַלקיסטן.

די דראָאונג האָט געווירקט און איך בין צוריק אַריין אין דער אַרבעט, מיטן באַדינג, אַז מען וועט היטן דאָס די ווירקלעך באַדערפטיקע האַנט־ווערקער זאָלן געניסן פון אונדזערע אינסטיטוציעס און אַז אונדזער אַרבעט זאָל אַנטשפּרעכן די צילן וואָס מיר האָבן זיך געשטעלט אײדער מיר זענען געקומען צו דער מאַכט און צו די מיטלען וואָס מיר באַזיצן.

איך האָב נאָך מיטגעאַרבעט אויף פאַרשיידענע געביטן, געפאָרן אויף דער פּראָווינץ, געשריבן אַרטיקלען אין אונדזער האַנטווערקער־אָרגאַן.

דער קאָנגרעס איז פאָרגעקומען, מען האָט אָנגענומען פייערלעכע רע־זאָלוציעס, די דעלעגאַטן זענען זיך צופאָרן מיט דער האָפענונג און גלויבן, אַז זיי לאָזן איבער אַ וואַכזאַמע, פאַראַנטוואָרטלעכע עקזעקוטיוו, וואָס וועט וויסן צו היטן די אינטערעסן און דעם כבוד פון דער גרויסער האַנטווער־קער־משפחה. לײדער איז אַזוי נישט געווען און נישט געשען. די לײכט־זיניקייט און אומפאַראַנטוואָרטלעכקייט פון אייניקע חברים האָבן דערפירט דערצו, אַז דער גרויסער דערפאָלג פון אונדזער באַוועגונג זאָל לאַנג נישט דויערן. די וואָס זענען געשטאַנען אין דער הויך האָבן באַקומען קאָפּ־שווינדל און מען איז פאַרקראָכן אויף קרומע וועגן, ווי מיר וועלן זען פון די ווייטערדיקע קאַפּיטלען.

קאַפּיטל נײַנאונדרײַסיק

זאַגלעמביע

א) בענדין

בענדין האָט געהערט צו די װײניקע שטעט אין פּוילן, װוּ ייִדן האָבן געהאַט פּרנסה בשפע. נאַטירלעך אין אַ קלענערער מאָס װי אין איר שװעסטער סאָסנאָװיץ, װעגן װעלכער איך װעל שפּעטער שרײַבן. אויב אין סאָסנאָװיץ איז געװען מער רעש, איז אָבער בענדין געװען סאָלידער און רויִקער, פונדאַמענטאַלער װי סאָסנאָװיץ. איך דערמאָן די צװײ שטעט, װײַל איך האָב אַ סך צײַט פאַרבראַכט אין די דאָזיקע שטעט. נאָך אין יאָר 1920 ביי די װאַלן צום ערשטן סיים, בין איך דאָרט אויפגעטרעטן אין נאָמען פון די האַנטװערקער און געשטיצט דעם קאַנדידאַט פון זאַגלעמביע, דעם ד״ר װײנציִער, װאָס איז צוגעטרעטן צום צײַטװײליקן ייִדישן נאַציאָנאַל־ראַט. ד״ר װײנציִער איז געװען אַ בראַװער און עכט־דעמאָקראַטישער מאַן, איז געװען נוטה צו די פּ. ס., און איז געװען באַליבט ביי דער גאַנצער באַפעלקערונג, סײַ דער ייִדישער און סײַ דער קריסטלעכער. אַגב, איז ער געװען דער אײנציקער אומפּאַרטייאישער מיטגליד אין ראַט פון נאַציאָנאַל־ראַט. ער איז אויך געװײלט געװאָרן אין סיים און איז געװען פון די גוטע דעפּוטאַטן אין דער ייִדישער קאָלאָ. איך פלעג פיל מאָל אויך קומען געשעפטלעך קיין בענדין און אַ סך מאָל בלײַבן שבת דאָרט. נו, האָבן מיך די חברים פון בענדין פאַרנומען אויף אַ גאַנצן שבת. איך בין מיטגעװען אויף אַ שלום־זכר ביי אַ חבר און שבת נאָכמיטיק האָט מען מיך געפירט אויף אַזאַ מין עונג־שבת, װוּ מען האָט געטרונקען ביר און געגעסן גוטע

מאכלים. כ׳האָב דאַן געגומען אַ וואָרט און געזאָגט, אַז עס איז נאָך נישט געגוג צונויפצוקומען זיך יעדן שבת ביי אַן אַנדער חבר און פאַרברענגען אין טרינקען און עסן. אונדזערע טאַטעס, — האָב איך געזאָגט, — האָבן אין דער צייט געלערנט „עין־יעקב“ און עוסק געווען אין תורה, מיר זענען מאָדערנע מענטשן, דאַרפן אַנדערע גייסטיקע זאַכן אונדז פאַראינטערעסירן,



די בוי־אַרבעטן פון דער יידישער מעכאַנישער בעקעריי אין בענדין, געשאַפן אויף קאָאָפּעראַטיווע יסודות.

זאָל יעדער חז׳ פאָרבאַרייטן אַ טעמע און רעפערירן און עס זאָלן זיין דיסקוסיעס אַרום דער רעפערירטער טעמע. מען האָט מיר צוגעזאָגט מיין ביטע צו דערפילן, אָבער איך ווייס נישט צו זיי האָבן מקיים געווען די הבטחה. פון די טעטיקע ערנסטע חברים זענען דאָרט געווען: גאָלדשטיין, שפּעטער

געוואָרן פּרעזעס און אויך דירעקטאָר פון דער באַנק, געגרינדעט דערגענ־צונגס־קורסן פאַר שניידער־מייסטער (ער אַליין איז אויך געווען אַ שניידער), דאַן די חברים יאַקובאָוויטש, האַמפּיל, קליינמאַן.

בכלל האָבן די האַנטווערקער געפירט אַ דיסציפּלינירטע פּאָליטיק און האָבן פאַרנומען דעם אויבן אָן אין אַלע יידישע ווי אויך קאָמונאַלע אינס־טיטוציעס. זיי האָבן געהאַט צווישן זיך אַ חבר, פירסטענבערג, אַ פאַבּרי־קאַנט און אַ מיליאָנער, ער האָט אָבער דאָך געוואָלט זיין אַ חבר אין דער האַנטווערקער־אָרגאַניזאַציע, צו דעמאָנסטרירן דערמיט, אַז ער האָט נישט פאַרגעסן זיין אַמאָליקן צושטאַנד.

ב) סאָסנאָוויץ

סאָסנאָוויץ איז געווען אַ קעסל־גרוב. יעדע 15—10 מינוט איז אָנגע־קומען אַ צוג מיט מענטשן, ווי מען פלעגט זיי רופן דאָ „שלאַנזשיוקעס" און זיך צושיטן איבער דער „מאַנדזשאַווער" גאַס, איינצוקויפן זייערע נויטווענ־דיקע זאַכן. זיי פלעגן אויסמיידן די שטאָט קאַטאָוויץ, ווו עס זענען געווען ריזיקע געשעפטן, ווו די פרייזן זענען אָבער געווען מיט 30—40 פּראָצענט טייערער ווי אין סאָסנאָוויץ און בענדין. אַ פערטל וואַרשעווער פאַבּריקן פלעגן אַרבעטן פאַר די צוויי שטעט. געשעפטן זענען געוואָקסן און זיך גע־מערט און דאָך זענען אויך געווען פּליטהס (באַנקראָטן), צווישן די סוחרים וואָס זענען צוגעגאַנגען צו די געשעפטן מיט ווייניק געלט און געצאָלט צינזן. און מען האָט געלייזט ביליק און דערוויייל האָט מען געלעבט און חתונה געמאַכט קינדער, און די שטייערן האָבן אויך צוגעהאָלפן צו די באַנקראָטן. אָבער מען האָט זיך פאַרגלייכט און ווייטער געהאַנדלט. אָבער דאָס געהער נישט צו מיין ענין, ווי זאָגט מענדעלע: „נישט דאָס בין איך אויסן". קיין סאָסנאָוויץ דאָס ערשטע מאָל בין איך געקומען אויף דעם חנוכת־הבית, וואָס די האַנטווערקער האָבן געמאַכט אין יאָר 1925. מיר זענען דאַן געפאָרן אַ גאַנצע דעלעגאַציע: איך, בראָמבערגער, טשערניאַקאָוו און סענאַטאָר קערנער איז אויך געווען אויף דער פייערונג. אַז די האַנטווערקער האָבן געמאַכט אַ יום־טוב איז עס געווען אַ יום־טוב פאַר דער גאַנצער שטאָט און אַלע פּאַרטייען און אָרגאַניזאַציעס האָבן זיך באַטייליקט.

סאָסנאָוויץ איז געווען אַ ציוניסטישע פעסטונג אַדאַנק די עסקנים ד״ר פערלמאַן און דערנאָך ד״ר מעלאַדיסטאַ. איך בין שפּעטער געוואָרן כמעט אַ תושב פון סאָסנאָוויץ. איך פלעג די שטאָט באַזוכן אָפט צוליב געשעפטלעכע ענינים און אויך ווען איך פלעג באַזוכן די קליענטן פון דער געגנט. אָפט פלעג איך בלייבן דאָרט אויף שבת. פלעגן מיך די חברים אויס־נוצן צו אַלע זייערע פאַרוויקלטע ענינים און אַזוי ווי מיין נאָמען פלעגט אָפט זיין דערמאָנט אין ציימונג, דאָ אין צוזאַמענהאַנג מיט די וואַלן צום סיים, ווען מען פלעגט מיין נאָמען שטעלן אין די ליסטעס, דאָ ביי אַנדערע ענינים, ווען איך בין געווילט אין אַ קאָמיסיע, אָדער אין אַ דעלעגאַציע צו אַ געוויסער פערזענלעכקייט, אָדער אין באַריכט פון אונדזערע אייגענע האַנט־ווערקער־ענינים, האָט מען מיך גוט געקענט, אַז איך קען אַלע ענינים דערליידיקן.

אַז איך פלעג אַריינקומען צו יונגסטערן אין האָטעל, פלעגט מען מיר אויפשפּילן: שלום, הער דעפּוטאָט. איך פלעג רויט ווערן און זיך אויסבאַ־האַלטן פון די דאָזיקע באַגריסונגען, אָבער מען האָט מיך אומעטום געקענט און מיר אָפּגעגעבן כבוד, כאָטש איך האָב עס געוואָלט אויסמיידן.

איך וויל דאָ דערציילן אַ פאַל, וואָס איז ווערט פאַרצייכנט צו ווערן. איך האָב געהאָט אַ קונה אויף מאַנדזשאָוווער־גאַס, אַ געוויסן איגרא, אין זעלבן הויז איז געווען אַ שול (בית הכנסת), איך האָב באַמערקט, אַז אין שול איז עפּעס אַ גרעסערע באַוועגונג. איך גיי אַריין, עס איז אַ פאַרזאַמלונג „למען קרן היסוד״. דער פאָרזיצער, ה׳ לוי יונגסטער, ווי ער האָט מיך דערזען, רופט ער מיך אין פרעזידיום און דער רב האַגער הייבט אָן זיין רעדע מיט דעם אָנהייב: „ביי אַרטור שניצלער איז דאָ אַ סקיצע פון אַ בלינדן מאַן״, און דערציילט דעם אינהאַלט פון דער דערציילונג. נאָכן רב האַגער איז גע־ווען דער רעדנער ה׳ ריטאַוו, געשיקט פון וואַרשעווער „קרן היסוד״. און ער הייבט אָן זיין רעדע „בראשית ברא״. אַז איך בין אַהיימגעגאַנגען פון מי־טינג האָב איך געטראַכט, ווי מאָדנע די רעדנער האָבן זיך פאַרביטן. דער רב הייבט אָן מיט אַרטור שניצלער און ריטאַוו מיט בראשית ברא.

נאָך אַן אינטערעסאַנטן ענין האָב איך געהאַט אין סאָסנאָוויץ. דאָס איז געווען אַ מעשה מיט אַ רב, אַ מרא דאתרא. איינמאָל קומט צו מיר אַ

דעלעגאַציע פון ציוניסטן, אַז איך זאָל שוין אַראָפּפאָרן מיט זיי קיין סאָס־נאָוויץ. וואָס איז? זיי ווילן מיר נישט זאָגן. זיי צאָלן פאַר אַלע קאָסטן און איך מוז פאָרן. אַזוי ווי איך האָב שטענדיק געהאַט עפּעס צו דערליידיקן אין סאָסנאָוויץ, בין איך געפאָרן. מען באַזעצט מיך אין האָטעל און מען גיט מיר מעדני מלכים. וואָס איז? מען גייט ווילן אַ רב און דער קאַנדי־דאַט איז דער ליפּנער רב, הרב בראַד. דעם הרב בראַד האָב איך זייער גוט געקאָנט, ווייל מיר פלעגן זיך טרעפן אויף זיצונגען אין ראַט פון נאַ־ציאָנאַל־ראַט. אָבער וואָס פאַר אַ שייכות האָב איך מיט די וואַלן פון רב? איז די מעשה, וואָס די אַנטוועקער האָבן 6 פאָרשטייער אין דער קהילה אויף אַ צאָל פון 15 און זיי פאַרלאַנגען פון מיר, אַז איך זאָל ווירקן אויף די אַנטוועקער זיי זאָלן שטימען פאַרן הרב בראַד, ווייל אָן זיי וועלן זיי נישט האָבן די געהעריקע צאָל שטימען. די אַנטוועקער פאָרשטייער, די חברים נאכעמיאס, בערגמאַן און אַנדערע, טראַץ דעם וואָס זיי זענען גע־ווען גוטע ציוניסטן, האָבן זיי אָבער געהאַט אַ סך טענות צו די ציוניסטישע מיטגלידער אין דער קהילה, וואָס זיי האָבן זיי נישט געשטיצט ביי אַנדערע ענינים, ווי שפּיטאָל אאַז״וו, ווילן זיי איצט נישט שטימען פאַר דעם ציוי־ניסטישן קאַנדידאַט. עס האָט זיך געקערט א וועלט! די אַנטוועקער האָבן מיך אַרויסגענומען פון האָטעל און מיך באַזעצט אין אַ האָטעל אויף זייערע הוצאות, געמאַכט פאַרזאַמלונגען, געפּראַוועט באַנקעטן. דער מזרחי האָט אַראָפּגעברענגט דעם ח׳ שטשעראַנסקי, אַז ער זאָל אויף מיר ווירקן, איך זאָל באַפעלן אין נאָמען פון דער צענטראַלע. ער האָט, דאַכט זיך, מיטגע־ברענגט אַ בריוו פון ראַסנערן, ווו ער באַפולמעכטיקט מיך, איך זאָל אין נאָמען פון דער צענטראַלע הייסן די אַנטוועקער שטימען פאַר דעם רב בראַד. די שטאָט איז געווען עלעקטריזירט. מען האָט גערעדט פון אונטער־געקויפטע שטימען ביי די אַנטוועקער און אַנדערע גרופּן. מצד די אַנ־הענגער פון די קעגנערישע קאַנדידאַטן איז געווען אַ קאַנדידאַט דער קאַליג־זשאווער רב, אַ ייד, פון די יראים ושלמים. איך בין צופעליק געשלאָפן מיט אים אין איין חדר אין האָטעל, ווען ער איז געקומען דרשנען פאַר די וואַלן. איך האָב אין אים געזען אַ בעל מידות טובות. פון דעם גאַנצן בעראַנגל האָב איך זיך געוואָלט באַפרייען, ווייל צייט מיר האָבן דיסקוטירט און געקעמפט פאַר פאַרשיידענע דערגרייכונגען, איז אונדז נישט אויסגע־

קומען צו האָבן צו טאָן מיט רבנים־וואַלן. אָבער דאָס לעבן האָט אונדז אָנגעשטויסן אויך אויף דער פראַגע, און איך האָב באַשלאָסן, צו געבן זיי, די האַנטווערקער פרייע הענט. עס זענען שפּעטער אויך אין אַנדערע שטעט פאָרגעקומען רבנים־וואַלן און די עקזעקוטיווע האָט אָנגענומען אַ באַשלוס איינצופאָדערן די אָרגאַניזאַציעס אין דער פּראָווינץ צו שטיצן פּראָגרעסיווע און ציוניסטישע רבנים.

קאַפּיטל פּערציק

צוגאָב־וואַלן צום סיים און סענאַט אויף די קרעסן

ביי די וואַלן צום סיים און סענאַט אין יאָר 1928, האָט דער מינדער־הייטס־בלאָק דורכגעפירט אַ געוויסע צאָל ווייסרוסישע און אוקראַאינישע דע־פּוטאַטן, וואָס האָבן געהערט צום „סעלראָפּ". דאָס איז געווען אַ נאַציאָנאַ־ליסטישע ריכטונג, וועלכע האָט נישט געשמעקט דער סאַנאַציע־רעגירונג. איך געדענק נישט מיט וועלכע פּאָרמעלע מאָטיוון די רעגירונג האָט זיך באַנוצט, אָבער זי האָט אַ יאָר נאָך די וואַלן געפּסלט די מאַנדאַטן און עס האָבן באַדאַרפט פאָרקומען נייע וואַלן. אונדזער חבר טשערניאַקאָוו, וועל־כער איז דורכגעפאַלן ביי די וואַלן צום סענאַט, איז אויפסניי געשטעלט געוואָרן אין דעם קרייז און דאָס מאָל זענען געווען האָפענונגען, אַז זיין קאַנדידאַטור זאָל דורכגיין אויב די סאַנאַציע־רעגירונג וועט צולאָזן צו ריינע און ערלעכע וואַלן.

טראָץ וואָס דער חבר טשערניאַקאָוו איז געווען דער קאַנדידאַט פון דער האַנטווערקער־צענטראַלע, אַזוי אַז דער גאַנצער ביוראָ־אַפּאַראַט האָט באַדאַרפט שטיין צו זיין דיספּאָזיציע און די קאָסטן פון די וואַלן האָבן אויך באַדאַרפט גיין אויף דעם רעכענונג פון דער צענטראַלע, איז עס אָבער נישט געווען אַזוי. טשערניאַקאָוו האָט נישט לאַנג געהאַט איבערגעלעבט אַ מאַ־טעריעלן קריזיס; ער האָט עטלעכע יאָר געהאַט בשותפות אַ פאַבריקל פון בערעטן מיטן חבר ניסענזאָן. צום ערשט איז עס גוט געגאַנגען. שפּעטער האָט מען בערעטן אָנגעהויבן אויסאַרבעטן אין יעדער קעלער־שטוב און עס איז געגאַנגען באַרג־אַראָפּ. ער האָט פאַרלוירן זיין גאַנץ ביסל אָפּשפּאָרונג און האָט אָנגענומען אַ פּאָסטן פון דער רעגירונג — די אָפּטיילונג פון קאָמ־

פענסאַציע מיט אַנדערע לענדער, דאָס הייסט: אויסטוישן סחורות מיט פאַרשיידענע לענדער. ער האָט די זאַך אַנטוויקלט און עס איז געוואָרן אַ גרויסער דעפּאַרטאַמענט. ער איז געווען דער שעף פון דעם דעפּאַרטאַמענט. דעפּוטאַט ווישליצקי האָט אים געשאַפן דעם פּאָסטן. טשערניאַקאָוו האָט אָנגעהויבן אַ ביסל קומען צו זיך מאַטעריעל און דאָ ביי די וואַלן האָט ער באַדאַרפט פון זיין קעשענע אויסהאַלטן די גאַנצע וואַל־קאָסטן פון דרוקן ליטעראַטור און באַצאָלן די מענטשן. די חברים בראָמבערג, גאָלדבערג און קריסטאַל זענען ארומגעפאָרן אויף די קרעסן מיט וואַל־ליטעראַטור, איינ־געאָרדנט פאַרזאַמלונגען. די געהיים־אַגענטן זענען זיי נאָכגעפאָרן אין יעדן שטעטל און פאַרבאָטן די פאַרזאַמלונגען. זיי זענען געפאָרן אין אַנדערע שטעטלעך און איינגעאָרדנט פאַרזאַמלונגען אין בית־המדרש. זיי האָבן דאָן ריזיקירט מיט זייער פרייהייט. דאָס איז געווען שוין נאָכדעם ווי די סאַנאַ־ציע האָט אָנגעהויבן גיין אויפן דיקטאַטארישן וועג און מען האָט איינגע־זעצט אָפּאָזיציע־דעפּוטאַטן אין בריסק. דאָך האָט זיך דער יידישער עולם נישט געשראָקן און מען האָט געשטימט ווי דער נאַציאָנאַלער בלאָק האָט געהייסן. דאָס זעלבע האָבן געטאָן די אוקראַאינער און די ווייסרוסן און טשער־ניאַקאָוו האָט געזיגט אין די וואַלן צום סענאַט. טשערניאַקאָוו איז געווען אויפן אָרט פון די וואַלן און ווען עס איז שוין באַוווּסט געוואָרן דער וואַל־רעזולטאַט, האָט ער געוויזן זיין דאָקומענט דעם באַן־נאַטשאַלניק און יענער האָט אים אָפּגעגעבן אַ וואַגאָן ערשטע קלאַס, אַלס געוויילטער סענאַטאָר, צו פאָרן קיין וואַרשע. אין 2 וואָכן שפּעטער האָט זיך געדאַרפט עפענען די סעסיע פון סיים און סענאַט. אָבער פּלוצלינג איז אַרויס אַ דעקרעט, אַז דער סיים און סענאַט ווערן פאַנאַנדערגעלאָזט און טשערניאַקאָוו האָט אַפילו נישט באַוויזן צו זיין אויף איין זיצונג.

די וואַלן האָבן טשערניאַקאָוון אָפּגעקאָסט אַ פּאָר טויזנט זלאָטעס, די גאַנצע אַרבעט איז געפירט געוואָרן דורך די אויבנדערמאָנטע 3 חברים און דער באַנק־אָפּטיילונג אויף טוואַרדע 13, ווו בראָמבערג איז געווען לייטער.

איך האָב קיין סך נישט געקענט העלפן ביי דער וואַל־אַקציע, ווייל מיין עקאָנאָמישער צושטאַנד איז דאַן ערגער געוואָרן. איך האָב נישט גע־קאָנט אַרומפאָרן, אָבער איך האָב זיך באַטייליקט אין שרייבן און רעדאַגירן אַגיטאַציע־ליטעראַטור פאַרן ח' טשערניאַקאָוון.

קאַפּיטל איינאונפערציק

באַרג־אַראָפּ, 1930

דער שטייער־סיסטעם וואָס האָט אין משך פון 10 יאָר אויסגעצאַפּט דעם באַוועגלעכן קאַפּיטאַל פון דעם יידישן האַנדל און דער יידישער אינ־דוסטריע, האָט דערפירט דערצו, אַז עס זענען אונטערגעשווענקט געוואָרן די יסודות פון דער ווירטשאַפט און אַלע אונטערנעמונגען, וועלכע האָבן נישט געפירט קיין וואַכזאַמע און פאַרזיכטיקע האַנדלס־פּאָליטיק, זענען גע־שווינד אַראָפּ פון דער אַרענע און מיטגעשלעפּט מיט זיך אויך אַנדערע אונטערנעמונגען, וועלכע האָבן זיי קרעדיטירט.

אונדזער פאַראייניקטע האַנטווערקער־באַנק, איז געווען איינע פון די פּאָפּולערסטע פינאַנץ־אינסטיטוציעס אין וואַרשע. זי האָט געוווּנען דעם צו־טרוי פון די ברייטע האַנטווערקער־מאַסן און אויך פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג. אויב אין אַלע אַנדערע קאָאָפּעראַטיווע בענק איז די פאַר־אַנטוואָרטלעכקייט געווען צען פאַכיק, איז אין דער האַנטווערקער־באַנק די פאַראַנטוואָרטלעכקייט געווען צוואַנציק פאַכיק. דער גרויסער פינאַנסיסט פינקעלקרויט, וואָס איז געווען דער דירעקטאָר און אויך דער גרינדער פון דער באַנק אויף נאַלעווקעס, נאָך איידער מיר האָבן זיך פאַראייניקט, האָט געהאַלטן, אַז אויב מיר וועלן קומען אין „באַנק פּאָלסקי" בעטן קרעדיטן און וועלן אָנווייזן, אַז אונדזערע מיטגלידער זענען פאַר יעדער זלאָטע פאַר־אַנטוואָרטלעך מיט 20 זלאָטעס און יעדער האַנטווערקער פאַרמאָגט דאָך עפּעס, וועלן מיר באַקומען קרעדיטן.

אַ חוץ דעם האָט יעדער חבר געמוזט אַריינטראָגן 20 % פּאַיען, דאָס הייסט, אַז אויב ער האָט געוואָלט באַקומען 100 זלאָטעס קרעדיט, האָט ער

האַנטווערקער- און אינדוסטריע- צייטונג

יאָרגאַנג VI — וואַרשע, מערץ 1930 — № 9

רעדאַקציע־קאָלעגיע: דעפ. ה. ראַסנער, מ. ראַק און ה. פייערינג ● ליטעראַרישער לייטער: ש. ביבער

אַבאָנעמענטס־פּרייז: א יאָר — 5 זל. א האלב יאָר — 3 זל. איינצל־נומער — 60 גראָשן.
אַנאָנסן־פּרייז: א גאַנצע זייט — 250 זל., א האלבע 125 זל., א פערטל 65 זל., אַן אַכטל — 40 זל., א זעכצנטל — 25 זל.

אינהאַלט: דער ערשטער שטורעם — מ. ראַק; דער נייער קורס אין דער יידישער „קאָלאָ" - ש. ביבער: הינט אלע האַנטווערקער... דאַרפן געדענקען! — חנן הקטמן; די צוקונפט פון דער מלאכה און די ווירטשאַפטלעכע ... - ... ה. מינקאָווסקי; צוזאַמענפאַר פון די ייד. רעמעסלענער אין די האַנטווערקער־קאַמערן: פלענאַר־זיצונג פון ... אונזער טעטיקייט אויפן געביט פון סיים; פון פאַרבאַנד.

דער ערשטער שטורעם

פון מ. ראַק

דעם 11־טן מערץ איז א וואונדער געשען. עס איז דורכגעבראכן געוואָרן די פסיכאָלאָגיע ביים יידישן סוחר, הענדלער און האַנטווערקער.

ס'איז דערהערט געוואָרן דער ערשטער פּראָטעסט־געשריי, וועלכער איז באַגלייט געוואָרן דורך אַ טאָג פון שטרייק.

דער אומזאַץ־שטייער, וועלכער האָט ביסלעכווייז אויסגעזויגן אלע זאַפטן פון דער יידישער ווירטשאַפט און דערפירט דאָס לאַנד צו א פּערמאַנענטן קריזיס, האָט געמוזט אויסאיבן זיין ווירקונג. דער סוחר, הענדלער און האַנטווערקער, וועלכע שטייען שוין ביים ראַנד פון תהום, האָבן נאָך געלעבט מיט דער האָפענונג, אַז עס וועט דאָך אַמאָל קומען א טאָג, ווען מ'וועט פון דער לאַסט, וואָס רופט זיך אומזאַץ־שטייער — פּטור ווערן, אָדער מינדסטנס וועט זיין פאַרניכטנדיקע קראַפט שוואַכער ווערן.

אָבער איצט, ווען עס האַלט שוין ביי דער נאָוועליזירונג פונם דאָזיקן געזעץ און מען וויל ווידער פאַרגעסן אין די, וועלכע קאָנען שוין פאַקטיש מער די לאַסט נישט טראָגן, און נאָכמער: ווען דער מיניסטער מאַטושעווסקי האָט געהאַט פאַרגעלייגט געוויסע פאַרלייכטערונגען און דערנאָך זענען זיי דורך אים גופא צוריקגעצויגן געוואָרן — איז שוין איבערפולט געוואָרן די מאָס פון געדולד און א פּראָטעסט פון צאָרן און פאַרצווייפלונג האָט זיך דערהערט אין דער פאַרפייניקטער יידישער גאַס.

אלע האָבן אויפגעכאַפּט דעם רוף פון דער יידישער קאָלאָ און קראַם און וואַרשטאַט זענען פאַרהאַקט געוואָרן און א טויטקייט, א טרויעריקע יום־טובדיקייט האָט באַשיינט די יידישע גאַסן.

— עס איז אַלצאיינס! ערגער קאָן שוין נישט זיין?

צי וועט אויך דידאָזיקע שטים פון פּראָטעסט און פאַרצווייפלונג נישט געהערט ווערן?!

געמוזט אויף יעדע 100 זלאָטעס אַריינטראָגן 20 זלאָטעס. די האַנטווערקער האָבן דעם קרבן אויך געבראַכט. אין די ערשטע יאָרן האָט די באַנק גע־בליט און מען האָט געעפנט אַן אָפּטיילונג אויף טוואַרדע 9, ראָג מאַריאַנסקע. דן בראָמבערג איז געווען לייטער פון דער אָפּטיילונג.

אַ גרויסער טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג האָט אַריינגעטראָגן זיינע אָפּשפּאָרונגען אין דער באַנק. אַנדערע האָבן אַהין אַריינגעגעבן זייערע וועקסלען אויף אינקאַסע, אַזוי, אַז די באַנק האָט שטענדיק געהאַט אַ גרויסע סומע געלט אין רעזערוו.

די קאָאָפּעראַטיווע בענק איז אָבער פאַרבאָטן געוואָרן צו מאַכן די אַזוי גערופענע „ווינקולאַציעס", דאָס הייסט, באָרגן געלט אויף צווייפלהאַפ־טע פראַכטן און אַזוי ווייטער. פינקעלקרויט, וואָס איז געזעסן אין באַנק פאַר קאָאָפּעראַטיוון און האָט זייער גוט געוווּסט דערפון, האָט דאָך גע־באָרגט אַ געוויסן קצב 30 טויזנט זלאָטעס אויף אַזאַ פראַכט. באַזונדערס האָט דער סורוויט, וועלכער איז געווען אַ זעלבסטשטענדיקע אינסטיטוציע, אויך אַרויסגעצאַפּט פון דער באַנק גרויסע סומעס געלט און געגעבן דער באַנק קליענטישע וועקסלען, וועלכע זענען שפּעטער נישט געצאָלט געוואָרן. אַז אַ מיטגליד האָט געדאַרפט דיסקאָנטירן אַ וועקסל, כאָטש זיינע פּאַיען האָבן באַטראָפן 3—4 הונדערט זלאָטעס, האָט מען אים די דיסקאָנטע נישט געמאַכט און אים געזאָגט פאַרשיידענע תירוצים. ער האָט געמוזט וואַרטן ביז זיין קאָנטע וועט ווערן אינגאַנצן ריין, דאָס הייסט, ביז אַלע זיינע וועקס־לען וועלן איינגיין און ערשט דערנאָך האָט מען אים געבאָרגט זיין אייגן געלט, דאָס הייסט, דאָס געלט פון זיינע פּאַיען און דערפאַר האָט ער גע־צאָלט פּראָצענט.

איך האָב די זאַכן צוגעזען און עס האָט מיך פאַרדראָסן. דאָס זענען די טובות, וואָס מען טוט דעם בעל־מלאכה, מיט דעם געלט, וואָס אַמעריקע גיט אויף פּראָדוקטיווע צוועקן? דאָס זענען די פּראָדוקטיווע צוועקן? די האַנט־ווערקער זענען טאַקע געגאַנגען צו פּריוואַטע מענטשן און האָבן געצאָלט אַ גרעסערן פּראָצענט און האָבן געזאָגט, אַז עס מאַכט זיי אויס ביליקער ווי אין דער באַנק, ווייל ביים פּריוואַטן דיסקאָנטער דאַרפן זיי נישט האָבן קיין פּאַיען, און נישט זיין פאַראַנטוואָרטלעך מיט קיין 20 פּאַכיקער פאַר־אַנטוואָרטלעכקייט.

קאַפּיטל צוויי־און־פערציק

דריי פּאָזיציעס געפאַלן

אין אַלע רעזאָלוציעס, וואָס מיר פלעגן אָננעמען אויף אונדזערע צו־זאַמענפאָרן, זענען געווען פונקטן וועגן רוישטאָפן און וועגן פאַרקויף־קאָאָפּעראַטיוון פון די פאַרטיקע פּראָדוקטן, ווייל מיר האָבן געוווסט, אַז דער סוחר וועט רייך פון די קלייענטן און, אַז מיר וועלן אויסמיידן די פאַר־מיטלונג, וועלן מיר אַליין פאַרדינען די רווחים און דער האַנטווערקער וועט האָבן ביליקערע סחורות.

אין דעם פּעריאָד פון אויפשוווּנג, נאָך דער פאַראייניקונג, האָבן מיר געשאַפן איין פאַרקויף־שטעלע פאַר שניידער־צודאַטן און אַ געשעפט פאַר פאַרטיקע מלבושים און פאַרטיקע שיך. די שטעלע פון די שניידער־צודאַטן האָט געפירט אַ געוויסער חבר ליליענטאַל, אַן אינטעליגענטער מאַן און אַ שניידער. די שטעלע פאַר פאַרטיקע מלבושים האָט געפירט ח׳ שעניצקי. די שיך־אָפּטיילונג האָט געפירט ח׳ כהן. די דאָזיקע דריי עקאָנאָמישע פּאָזי־ציעס האָבן עקזיסטירט עטלעכע יאָר, זיי האָבן אויפגעגעסן עטלעכע צענד־ליגג טויזנט זלאָטעס געזעלשאַפטלעך געלט און זענען געפאַלן, איבערלאָזנ־דיק אַ שלעכטן ריח. פונדעסטוועגן האָב איך געוואָלט, אַז אונדזערע קעגנער זאָלן נישט טריומפירן און איך האָב אָפּגעדרוקט אין דער האַנטווערקער־צייטונג אַן אַרטיקל, ווו איך האָב אָנגעוויזן, אַז די קעגנער דאַרפן זיך נישט פרייען.

„ס ו ר ו ו י ט"

די צענטראַלע הורט רוישטאָף־שטעלע, אָדער קאָאָפּעראַטיוו, איז נאָך גרויסע באַמיִונגען געשאַפן געוואָרן, ווי ראַסנער האָט געוואָלט פון אויבן אַראָפּ. לויטן סטאַטוט האָט דאָס באַדאַרפט זיין אַ צענטראַלע פון עקזיסטירנדיקע קאָאָפּעראַטיוון, אָבער פריִער איז זי געשאַפן געוואָרן און דערנאָך האָבן זיך ערשט געשאַפן אין דער פּראָווינץ קלענערע קאָאָפּעראַטיוון. זי האָט אויך געמעגט פאַרקויפן אירע סחורות דירעקט צו איינצלנע חברים־מיטגלידער. אַ מיטגליד האָט יעדער האַנטווערקער געקאָנט זיין. אַזוי בין איך אויך געוואָרן אַ מיטגליד, ווייל ראַסנער האָט אויף דער זיצונג פון עקזעקוטיוו געברענגט דעקלאַראַציעס און אַלע מיטגלידער האָבן אונטערגעשריבן דעקלאַראַציעס. דער מאָטיוו איז געווען דער זעלביקער, וואָס ביי דער באַנק: אַז מיר וועלן פאָדערן אָדער בעטן קרעדיט און מיר וועלן ווייזן וויפל מיטגלידער מיר האָבן (און יעדער מיטגליד איז פאַראַנטוואָרטלעך צוואַנציק פאַכיק), וועט עס הייסן, אַז מיר פאַרדינען קרעדיט. די פונדיישן, אַז זי האָט געגעבן געלט, צום ערשט 10 טויזנט דאָלאַר, האָט זי פאַרלאַנגט, אַז דער דירעקטאָר זאָל זיין אַ פאַראַנטוואָרטלעכער מענטש. מען האָט צוגענומען אַ געוויסן ה' זאַבלודאָווסקי, אַן ערנסטער מענטש פון די סוחרים־קרייזן און ער האָט אַ געוויסע צייט געפירט דעם קאָאָפּעראַטיוו. ער האָט אָבער געשטערט געוויסע חברים און ער האָט פאַרלאָזן דעם פּאָסטן.

עס האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן דער פאַקט, וואָס די טראַנזאַקציעס ווערן געמאַכט אויף אַ גוט־ברודערישן אופן. ביינאַכט האָט מען געהוליעט מיט די קליִענטן און בייטאָג זענען פאָרגעקומען די קניות. קאָן

מען זיך שוין פאָרשטעלן ווי האַרט און ניכטער מען האָט געקאָנט זיין ביים פעסטשטעלן די פרייזן און ביים נעמען די וועקסלען.

פון „רואיניאָנע אדריאַטיקא״ (אַ פאַרזיכערונגס־געזעלשאַפט) האָט מען אויך געקראָגן פינף טויזנט דאָלאַר און די באַנק פאַר קאָאָפּעראַטיוון האָט



ערשטע שטאָטישע אָפּטיילונג
פון „סורוויט״ אין וואַרשע,
אויף באַוואָליפּקי 10.

דיסקאָנטירט אַלע וועקסלען. אַז עס האָט געפעלט נאָך געלט, האָט מען געשלעפּט פון דער האַנטווערקער באַנק. ביי אַזאַ פירונג האָט מען נישט לאַנג געדאַרפט וואַרטן, אַז דער קאָאָפּעראַטיוו זאָל אונטערגיין.

די גאַס האָט נישט געוווסט ווי עס האַלט. אָבער איך און נאָך אַ פּאָר

חברים האָבן געפּילט, אַז עס וועט קומען צו אַ קראַך און איך האָב געווי־טיקט, וואָס דער האַנטווערקער נאָמען וועט דערפון ליידן. איך האָב אָנגע־הויבן קריטיקירן אויף דער זיצונג פון דער עקזעקוטיוו די דאָזיקע פירונגען און געוואָרנט, אַז דער סוף וועט זיין שלעכט.

שפּעטער בין איך שוין אַרויס מיט מיין קריטיק אין דער פּרעסע און אַזוי אַרום געוואָלט ראַטעווען דעם האַנטווערקער נאָמען. איך האָב געפּאָ־דערט צו באַשטראָפן די שולדיקע און דער האַנטווערקער שטאַנד זאָל בלייבן ריין, אָבער דאָ האָבן זיך מיינע קעגנער אָנגעכאַפּט אין אַ פאָרמעלער טענה: סטייטש, דו אַליין ביסט דאָך אין דער עקזעקוטיוו, טאָ וואָס שרייבסטו אין צייטונג קעגן דער עקזעקוטיוו? האָב איך געענטפערט, אַז ווען אַפילו דער פּרעזעס פון עקזעקוטיוו זינדיקט, דאַרף מען אים אויך באַשטראָפן. אָבער די מערהייט פון דער עקזעקוטיוו איז געווען קעגן מיר, ווייל אַ טייל פון דער געוועזענער לעשנע איז נישט מיטגעגאַנגען מיט אונדז. נאָר וועגן די זאַכן אין די ווייטערע קאַפּיטלען.

קאַפּיטל פּיראונפערציק

וועלט־קאָנפערענץ אין בויטען

חיים ראַסנער האָט געוואָלט שאַפן אַ האַנטוועדקער וועלט־פאַרבאַנד. ער איז געקומען אין פאַרשטענדיקונג מיט אַ פאָר האַנטוועדקער פון דאַנ־ציג און בויטען. ער האָט באַשלאָסן צו מאַכן אַ קאָנפערענץ אין בויטען. געפאָרן צו דער קאָנפערענץ זענען: ראַסנער, קופּטשיקער און פינקעלקרויט.

מיר האָבן אָבער געוואָלט, אַז עס זאָל פאָרן עמיצער פון אונדז און מיר האָבן געפאָדערט, אַז בראָמבערגער, אַלס וויצע־פאָרזיצער פון עקזע־קוטיוו זאָל אויך פאָרן, אָבער בראָמבערגן האָט דאָס אינערן־מיניסטעריום אָפּגעזאָגט דעם אויסלענדישן פּאַספּאָרט, מחמת עמיצער האָט צו וויסן גע־טאָן, אַז ער איז נישט קיין לאָיאַלער בירגער, ווייל ער גייט מיט גרינבוימען. מיר האָבן געזען, אַז דאָ ווערט די האַנטווערקער פּאָליטיק געווענדט אין אַ געפערלעכער ריכטונג און מיר האָבן זיך אָנגעהויבן גרייטן צו קעמפן.

ראַסנער איז צוריקגעקומען פון בויטען, ער האָט דערציילט וועגן זיינע דערפאָלגן, ווי ער איז אויפגענומען געוואָרן אין בערלין דורך מיניסטאָרן און וויצע־מיניסטאָרן. די וואַרשעווער פּרעסע האָט וועגן דעם נישט גע־שריבן, אָבער אין דער האַנטווערקער צייטונג איז די רייזע יאָ געווען גע־נוי באַשריבן.

די האַנטווערקער־קאָנפערענץ, וואָס איז גיכער געווען אַ באַראַטונג פון עטלעכע שטעטלעך מיט אונדזער צענטראַלע, האָט גאַרנישט געברענגט און גאָרנישט געגעבן. איין זאַך האָט ראַסנער געברענגט, אַז דאָס אינדוסטריעלע דייטשלאַנד פאַרמאָגט 70 % האַנטווערקער, אַ סימן, אַז דער האַנטווערקער

אלימלך ראק

קלאַס האָט אַ צוקונפט אַפילו אין אַן אינדוסטריעלער מדינה און דאָס איז גאַנץ ריכטיק. דער האַנטווערקער, ווען ער איז נאָך דערצו פאַכמעניש גוט געשולט האָט אומעטום אַ פלאַץ. ווען אין פוילן זאָל נישט געווען געשען דער בלוטיקער מבול וואָלט דער יידישער האַנטווערקער געהאַט אַ גרויסע צוקונפט.

קאַפּיטל פינפאונפערציק

„אָפּגעשטעלט אין דער טעטיקייט"

אַז עס איז אונדז קלאָר געוואָרן דאָס מען וויל לענקען די האַנטווערקער־פּאָליטיק אין דער ריכטונג פון אַ דערגענטערונג מיט דער סאַנאַציע, האָבן מיר אָנגעהויבן פאַרשטאַרקן אונדזער קאַמף, סיי אויפן אינערלעכן פראָנט, אין אַלע אינסטיטוציעס, ווו מיר זענען געווען פאַרטראָטן און סיי אין דער עפנטלעכקייט. אַז איך שרייב „מיר", מיין איך נאָר פיר חברים: בראָמבערגער, גאָלדבערג, קריסטאל און איך. די איבעריקע ציוניסטישע האַנטווערקער־חברים האָבן געשוויגן אָדער זיי זענען טיילווייז געגאַנגען מיט אונדז. ח' ראָזענטאַל איז געווען אַ גוטער ראַטמאַן אין שטאָט־ראַט, געקומען אויף אַ זיצונג פון דער עקזעקוטיוו, אָבער פירן דעם קאַמף האָט ער נישט צוגעהאָלפן. ח' מינץ, אַ באַוווסטזיניקער חבר, געווען אַ מיטגליד פון דער וואַרשעווער פאַרוואַלטונג פון אַלע פאַכן, אָבער קיין אַקטיוון אָנטייל אין קאַמף, יעדנפאַלס אין ערשטן פעריאָד, האָט ער נישט גענומען. דאָס גלייכן טשערניאַקאָוו. געווען פון די בעסטע ראַטמענער אין שטאָט־ראַט, פון דער עקזעקוטיוו האָט ער זיך געהאַט אָפּגעזאָגט, כאָטש מיר פלעגן זיך אָפּט מיט אים באַראַטן, אָבער קיין איניציאַטיוו אין דעם פרט האָט ער נישט אַרויסגעוויזן. דאָס זעלביקע דאָלמאַן, פון די סטאָליאַר־מייסטער. גלאָצער איז פריִער געווען אַ קעגנער פון דער פאַראייניקונג, דערנאָך האָט ער געהאַלטן אין צענטראַל־פאַרבאַנד מיט ראַסנער. איך האָב אים פאַרשטאַנען, ווייל איך בין מיט אים געווען נאָענט באַקאַנט.

מיר האָבן אָנגעהויבן אונדזער קאַמף קעגן די פירער פון די אינסטיטוציעס, צוליב דעם וואָס זיי האָבן די דאָזיקע אינסטיטוציעס דערפירט צום

אַפּגרונט. מיר האָבן געפּאָדערט זיי צו באַשטראָפן און צו דערווייטערן. איך האָב וועגן דעם געשריבן אין „היינט" און בראָמבערגער האָט אויך גע־שריבן אין דעם זין. קריסטאַל און גאָלדבערג האָבן אויף פאַרשיידענע פאַר־זאַמלונגען באַשולדיקט די וואָס האָבן געפירט צו אַ ירידה די עקאָנאָמישע אינסטיטוציעס. דאַן איז גערופן געוואָרן אַ זיצונג פון דער עקזעקוטיוו און אויף דער טאָג־אָרדענונג איז געשטאַנען די פראַגע וועגן אונדזערע אַרויס־טרעטונגען קעגן דער עקזעקוטיוו, הגם איך און בראָמבערגער זענען מיט־גלידער פון דער עקזעקוטיוו.

אַ חבר פון עקזעקוטיוו האָט פאָרגעלייגט אָפּשטעלן אונדז אין דער טע־טיקייט ביז דער צענטראַל־קאָמיטעט וועט זיך צונויפקומען. דער פּראָקו־ראָר איז געווען ח' דעמסקי. ח' גלאָצער האָט געפּרווּט אונדז פאַרטיידיקן. מיר האָבן זיך נישט פאַרטיידיקט, נאָר מיר האָבן באַשולדיקט. אָבער די מערהייט האָט באַשלאָסן, אונדז, מיך און בראָמבערגן אָפּצושטעלן אין דער אַרבעט אין דער עקזעקוטיוו און גאָלדבערגן און קריסטאַלן אָפּצושטעלן אַלס מיטגלידער פון צענטראַל־קאָמיטעט.

עס האָט זיך געשאַפן אַן אָנגעשטרענגטער טאָן צווישן די ציוניסטישע מיטגלידער פון דער עקזעקוטיוו און די פּאָלקיסטישע. יענע האָבן אויס־גענוצט די צופעליקע מערהייט, צופעליק דערפאַר, ווייל טשערניאַקאָוו האָט דעמיסיאָנירט, ווייל מיט זיין שטים זענען מיר געווען גלייך אויף גלייך.

אין 6 יאָר שפּעטער, ווען איך בין שוין געווען אין ארץ־ישראל, האָבן מיר, איך, קריסטאַל און גאָלדבערג, געהאַט אונדזער סאַטיספאַקציע. די זעלבע גרופּע, וואָס האָט געשטימט אָפּצושטעלן אונדז אין דער טעטיקייט האָט אָנגענומען אַ רעזאָלוציע צו שיקן אַ גרוס די חברים אין ארץ־ישראל און זיי דערקלערן, אַז די זיצונג האָט פייערלעך באַשטעטיקט די שטעלונג פון די חברים: ראק, גאָלדבערג און קריסטאַל, וועגן דעם ווער ס'איז שול־דיק אינעם פאַלן פון די עקאָנאָמישע אינסטיטוציעס און אין פאַרשוועכן דעם האָנטווערקער נאָמען. און אַלע געמיינזאַם האָבן געבעטן ביי אונדז אַנטשולדיקונג. (דער בריוו ליגט נאָך ביז היינט ביי מיר אין אַרכיוו).

נאָר לאָמיר ווייטער שפּינען דעם פאָדעם פון די געשעענישן.

קאַפּיטל זעקסאונפערציק

די זיצונג פון צענטראַל־קאָמיטעט

2 חדשים האָט געדויערט פון דעם טאָג, ווען מען האָט אונדז אָפּגע־שטעלט אין דער טעטיקייט ביז דער צענטראַל־קאָמיטעט האָט זיך צונויפּ־געקליבן אויף אַ זיצונג אין וואַרשע. אין צענטראַל־קאָמיטעט זענען געווען פאַרטראָטן פאָרשטייער פון אַלע גרעסערע שטעט אין פוילן און אויך פון מזרח־ און מערב־גאַליציע. דאָס זענען געווען מענער מיט געזעלשאַפטלעכן סטאַזש און זיי האָבן אין זייערע שטעט געפירט דאָס גאַנצע געזעלשאַפט־לעכע לעבן.

איך האָב שוין אין די פריערדיקע קאַפּיטלען דערמאָנט די נעמען פון אליעזר קרוק פון ווילנע, און צבי ווידער פון ביאַליסטאָק.ביידע פאָרזיצערס פון די דאָרטיקע קהילות. איך וויל דערמאָנען נאָך אַ פּאָר נעמען פון עסק־נים פון דער ערשטער מדרגה, לייב טשאַנסקי פון באַראַנאָוויטש, פיאָטר־קאָווסקי פון קאָוועל, שטיינבערג און פישער פון קראָקע און נאָך אַנדערע.

קורץ, דער צענטראַל־קאָמיטעט איז זיך צונויפגעקומען אויף דער זי־צונג און אויך איך בין געקומען צו דער זיצונג. אָבער דער וועכטער האָט באַקומען אַ באַפעל, אַז אונדז, די פיר אויסגעשלאָסענע, זאָל ער נישט אַריינ־לאָזן אין דעם זאַל פון דער זיצונג. די זיצונג איז פאַרגעקומען, אָבער דאָ איז געשען מיט מיר אַזאַ זאַך, וואָס איך קאָן זיך נישט שענקען ביזן היינטיקן טאָג. איך האָב גענומען שטויסן די טיר מיט די פיס, געקלאַפּט מיט אַזאַ שטאַרקן אימפעט, אַז איך האָב זי צעבראָכן. עס האָט אין מיר געבערענט און געקאָכט. איך, וואָס האָב געפלעגט און געהיט די אָנטוועקער־באַוועגונג,

מיך זאָל מען נישט אַריינלאָזן אויף דער זיצונג, איך זאָל קענען דערציילן דעם צענטראַל־קאָמיטעט וואָס עס איז געשען.

עס איז אַרויסגעקומען אַ חבר און האָט דערקלערט, אַז מען באַטראַכט ערשט דעם ענין, און מען וועט באַלד אַרויסגעבן אַן אורטייל. דער צענטראַל־קאָמיטעט איז, הייסט עס, געווען דאָס געריכט איבער אונדז. מען האָט אונדז נישט אויסגעהערט. נאָר מען האָט געוויזן אונדזערע אַרטיקלען אין דער פּרעסע און מען האָט דערקלערט, אַז ווען ראַק שרייבט אַן אַרטיקל האָט די פּראָווינץ צוטרוי, ווייל ראַק איז אַ נאָמען אין דער באַוועגונג און דער־מיט ברענגט ער נאָך מער שאָדן ווי אַנדערע. דער אורטייל איז געווען, אַז מיך באַשטראָפט מען מיט אַ פּאָרוואָרף, בראַמבערגן מיט נאָך 2 וואָכן זיין אָפּגעשטעלט אין דער טעטיקייט, גאָלדבערג און קריסטאַל מיט אַ האַלב יאָר נישט קומען אין פּאַריין. אין דער מאָטיווירונג איז געזאָגט געוואָרן, אַז מען נעמט אין אַכט מיין פּאַרגאַנגענהייט און דערפאַר גיט מען מיר אַ קליינע שטראָף.

איך האָב זיך סאָלידאַריזירט מיט די איבעריקע חברים און נישט גע־וואָלט זיך באַטייליקן אין דער זיצונג פון צענטראַל־קאָמיטעט און מיר האָבן פּאַרלאָזט דעם זאַל. אין יענעם מאָמענט איז אייגנטלעך פּאָרגעקומען דער ערשטער שריט צו דער פרישער שפּאַלטונג, וואָס איז שפּעטער געקומען און איז אויך באַגלייט געווען פון ליכט־ און שאָטן־זייטן, ווי מיר וועלן זען פון די ווייטערדיקע קאַפּיטלען.

קאַפּיטל זיבנאונפערציק

דער קראַך

אַלע רעטונגס מיטלען האָבן נישט געהאָלפן. די גרויסע באַנק אויף פּושעיאַזד 9 און דער סורוויט אויף נאַלעווקע 28 זענען געפאַלן. ראַסנער און בורגין האָבן אָנגעווענדט אַלע מיני פאַרשיידענע מיטלען. ראַסנער האָט באַוויזן אַ געוויסן בעקער־מייסטער, ער זאָל אַריינבאָרגן זיינע לעצטע אָפּשפּאָרונגען אין באַנק, אַ סומע פון 14.000 זלאָטעס. ער האָט אים איינגערעדט, אַז די באַנק לעבט נאָר איבער אַ קריזיס און זי וועט ווידער אויפלעבן און וועט אים זיין געלט אָפּצאָלן מיט פּראָצענט. בורגין אַליין האָט אַריינגעבאָרגט 3—4 טויזנט זלאָטעס. זיי האָבן געוווסט, אַז מיטן פאַלן פון די עקאָנאָמישע פּאָזיציעס — פאַלט אויך זייער געזעלשאַפטלעכער און פּאָליטישער אָנזען.

אָבער צופיל איז שוין געווען דאָרט אָנגעוואָקסן דאָס ווילד־פלייש און קיין אָפּעראַציע האָט שוין נישט געקענט העלפן. די אינסטיטוציעס זענען געפאַלן מיט אַ שטאַרקן אָפּהילך אין דער יידישער געזעלשאַפט. הונדערטער מענטשן, קליענטן, וועלכע האָבן געגעבן זייערע וועקסלען אויף אינקאַסע, פּרויען, אַלמנות, וואָס האָבן זייערע אָפּשפּאָרונגען אַריינגעלייגט דווקא אין דער האַנטווערקער־באַנק, וואָס האָט געהאַט אַזאַ גוטן נאָמען, זענען געפאַלן קרבנות פון דעם קראַך.

צווישן די אומגליקלעכע קליענטן איז אויך געווען אַן אָרעמען שוסטערס אַ פרוי, אַן אַלמנה, וואָס ווען דער מאַן איז איר געשטאָרבן האָבן זי געפונען אין אַ באַהעלטעניש אַ פּאָר טויזנט זלאָטעס. די פרוי האָט געוווינט אין זעלבן הויז וואָס איך און איך האָב זיך באַמיט (נאָכדעם ווי די שכנים

האָבן מיך געבעטן), זי זאָל באַקומען אין רעטונגס־קאָמיטעט עטלעכע צענדלינג זלאָטעס שטיצע. און דאָ האָב איך זי געטראָפן צווישן די קרבנות פון דער האַנטווערקער־באַנק. די מיטגלידער פון דער באַנק, זייער צאָל איז געווען ביי 300, האָבן געשטורעמט און פאַרלאַנגט אַן אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג און מען האָט מורא געהאַט אויב די באַנק וועט דערקלערט ווערן פאַר באַנקראָט, וועט יעדער דאַרפן צאָלן 20 מאָל אַזוי פיל וויפל פאַיען ער האָט. עס האָט דעריבער געקאָכט אין ייִדישן האַנטווערקער־וועלטל.

אינזשיניער אַלאַפין האָט געשריבן אַ ריי אַרטיקלען אין „היינט" וועגן דעם ענין. אַנדערע האָבן גערופן באַראַטונגען אין פּריוואַטע הייזער.

מיר, די גרופּע ציוניסטישע האַנטווערקער, האָבן אויסגענוצט דעם קראַך צו דיסקרעדיטירן די אָנפירונג פון דער באַנק. נאָך לאַנגע פאָדערונגען איז גערופן געוואָרן אַן אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון די מיטגלידער אין קאַמינסקיס טעאַטער. די פאַרזאַמלונג איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מיטינג. נאָך פיל אַלאַרמען און וויכוחים איז אויסגעקליבן געוואָרן אַ נייע פאַרוואַלטונג צו סאַנירן די באַנק.

דאָס פאַלן פון „סורוויט" איז נישט באַגלייט געוואָרן מיט אַזעלכע סצענעס ווי דאָס פאַלן פון דער באַנק. דער סורוויט איז שולדיק געבליבן געלט אַלערליי פאַבריקאַנטן און גרעסערע סומעס אין דער באַנק פאַר קאָאָפּעראַטיוון. אָבער די שמיץ וואָס די מאַסן האַנטווערקער האָבן געקראָגן פאַר זייער נאַיִוון צוטרוי, זענען נישט קלענער געווען, ווי די וואָס זיי האָבן באַקומען ביים פאַלן פון דער באַנק.

קאַפּיטל אַכטאונפערציק

הולאַנקעס

נאָך דעם אויבנדערמאַנטן קראַך, האָט אויך „סורוויט" גערופן אַ פאַרזאַמלונג, ווייל דער סטאַטוט האָט עס געפאָדערט און עס האָבן זיך אָנגעפאַנגען די דיסקוסיעס. איך האָב גענומען אַ וואָרט און מיט פייער און היץ גערעדט קעגן דער לייכטזיניקער טעטיקייט. איך האָב אויסגערופן: „הולאַנקעס האָט מען אין זינען געהאַט און נישט ווי אַזוי ערנסט צו פירן די געשעפטן". די פרעסע האָט געגעבן באַריכטן פון דער פאַרזאַמלונג. די יידיש־פוילישע צייטונג „נאַש פּזשעגליאָנד" האָט געשריבן, אַז איך האָב געזאָגט, אַז די פירער פון „סורוויט" האָבן פאַרן געלט פון „סורוויט" געמאַכט הולאַנקעס. די פירער פון סורוויט האָבן זיך באַליידיקט און מיך אָנגעקלאָגט אין געריכט, פאָדערנדיק, אַז איך זאָל באַווייזן, אַז זיי האָבן פאַרן געלט פון סורוויט געמאַכט הולאַנקעס. טשערניאַקאָוו איז מיט מיר אַרויפגעגאַנגען צום באַוווסטן אַדוואָקאַט בערענזאָן. מיר האָבן אים דערציילט דעם ענין און ער האָט צוגעזאָגט צו שיקן זיין געהילף צום משפט. די זאַך האָט זיך געצויגן אַ לאַנגע צייט.

מענטשן זענען מיר געקומען דערציילן און באַשטעטיקן, אַז זיי האָבן געזען די גאַנצע חבריא, אָדער ווי זיי פלעגן זיך אויסדריקן, די גאַנצע באַנדע אין נאַכט־לאָקאַלן. אָבער צי זיי האָבן געצאָלט מיט אייגן געלט אָדער מיט קהליש געלט, האָט דאָך קיינער נישט געקענט וויסן.

מיין אַדוואָקאַט האָט מיר אָבער געזאָגט, אַז איך קען קריגן צו עטלעכע חדשים תפיסה און דאָס האָט מיין פרוי נישט געשמעקט.

איך האָב בכן מסכים געווען צו געבן אַ הכחשה און דערצו נאָך געבעטן

אַנטשולדיקונג, וואָס עס פאַרדריסט מיך ביז היינט. באַזונדערס האָט מיך געקרענקט, וואָס איך האָב געקעמפט פאַרן כלל האַנטוועקער און אַלע האָבן הנאה געהאַט פון מיינע רעדעס און אַז עס איז געקומען צו באַצאָלן דעם אַדוואָקאַט, האָב איך געמוזט נעמען מיינע אָרעמע אויסגעהאָרעוועטע זלאָטעס און טשערניאַקאָוו האָט נאָך עפּעס צוגעלייגט און אַזוי אָרום האָב איך באַצאָלט האָנאָראַר דעם אַדוואָקאַט.

ווען „סורוויט" איז שפּעטער דערקלערט געוואָרן פאַר באַנקראָט און מען האָט אָנגעהויבן מאָנען ביי די מיטגלידער די 20 פּאַכיקע פּאַראַנט־וואָרטלעכקייט, האָב איך נאָך געדאַרפט באַצאָלן 6.000 זלאָטעס דעם פּראָ־קורענט מענדעלסבורג. איך בין אָבער אָפּגעפאָרן קיין ארץ־ישראל און פאַרענדיקט מיין קאַמף.

קאַפּיטל נײַנאונפּערציק

די נײַע באַנק אויף נאַוואַליפּקי 12

דאָס פאַלן פון דער „באַנק" און „סורוויט", האָט אונדז אַזוי אויפגע־בראַכט, אַז מיר, די אָפּאָזיציע־גרופּע, האָבן באַשלאָסן צו שאַפן אַ נײַע באַנק און ווײַזן ווי אַזוי אַ באַנק דאַרף געפירט ווערן. מיר זענען געווען אַ ביסל צו נאַיוו און נישט אָפּגעשאַצט, אַז די גרויסע מעגלעכקייטן וואָס די פאַר־אייניקטע באַנק האָט געהאַט, וועלן מיר נישט האָבן. זיי זענען באַלד צוגע־גאַנגען מיט דער פאַרזיכערונג פון „דזשאָינט". דער „דזשאָינט" האָט שטענ־דיק געפאָדערט, אַז מיר זאָלן זיך פאַראייניקן. „אַז איר וועט זײַן פאַראײַ־ניקט וועט איר קריגן געלט". און זיי האָבן טאַקע געגעבן. דאַן איז דער צוטרוי פון די מאַסן־האַנטווערקער נאָך געווען אין זײַן פולער קראַפט. און בכלל איז די לאַגע, אין יאָר נאָך דער פאַראייניקונג, געווען אַ בעסערע, ווײַל אין יאָר 1926 איז פאָרגעקומען אין ענגלאַנד אַ קוילן־שטרייק, וועלכער האָט געדויערט אַ לאַנגע צײַט און פּוילן האָט דאַן געהאַט אַ גוטן אָפּזאַץ־מאַרק פאַר אירע קוילן, בײַ וועלכע זי האָט פאַרדינט און עס איז אַרײַנגעקומען אַ סך פרעמדע וואַליוטע.

אָט די אַלע באַדינגונגען זענען אין יאָר 1930 שוין נישט געווען. עס האָט געהערשט אין דער ייִדישער ווירטשאַפט אַ שווערער קריזיס. פּיעטרוש־קע האָט אין די „הײַנטיגע נײַעס" אַגיטירט, אַז ייִדן זאָלן פאָרן ווו זיי קענען און פאַרלאָזן פּוילן. די האַנטווערקער זענען ביטער אָפּגענאַרט געוואָרן און זייער גלויבן אין דער הילף וואָס די עקאָנאָמישע אינסטיטוציעס וועלן זיי ברענגען איז אײַנגעבראָכן געוואָרן.

מיר זענען אָבער געווען אַזוי זיכער און איבערצײַגט, אַז ווען מיר וועלן

זיך פירן ערלעך, וועלן מיר מצליח זיין, אַז מיר האָבן באַשלאָסן מאָביליזירן אַ גרעסערע צאָל פאַרמעגלעכע חברים, וואָס האָבן געהאַט צו אונדז צוטרוי און עס איז אונדז געלונגען די באַנק צו עפענען.

פנחס ברוין, איינער פון די שותפים פון דער פירמע „ברוין און ראַ־ווינסקי", איז געווען דער פאָרזיצער פון דער באַנק.

מאַרק ליכטענבוים, איינער פון די גרעסטע בוי־אינזשיניערן און בוי־אונטערנעמער, איז געווען מיטגליד אין דער לייטונג פון דער באַנק.

ה' קויפמאַן, גרויסער פאַפּיר־סוחר, איז געווען אַ מיטגליד פון דער באַנק.

די וויטערדיקע מיטגלידער אין דער באַנק־לייטונג זענען געווען:
פאלינאָווער מעסינג, פאַבריקאַנט,

ס. ראָזענבערג, דאָס איז דער ליבער חבר, וואָס איך האָב אים דער־מאָנט אין אָנהייב פון מיין בוך, דער וואָס האָט געוואָשן די פאָדלאָגעס אין פאַריין, ער האָט איצט געגעבן אַזוי פיל געלט ווי דער רייכער ברוין.

דאַן אונדזער באַקאַנטער חבר אברהם גאָלדבערג, דער וואָס האָט גע־זאָלט זיין די נשמה פון דער באַנק.

מנחם זאַקאַליק, אַ געוויסע צייט אָנגעפירט מיט דער פאַך־אָפּטיילונג אין האַנטווערקער־זשורנאַל און ער האָט דאָרט איינגעפירט אינטערעסאַנטע פאַך־אַרטיקלען, מיט פראַגן און תשובות.

דאָס איז געווען די פאַרוואַלטונג פון דער נייער באַנק. מענטשן נישט קיין באַפּלעקטע, וואָס מען האָט געהאַט אין שטאָט צו זיי צוטרוי. אַזוי האָבן מיר אָנגעהויבן אונדזער טעטיקייט.

אַזוי ווי די באַנק אויף פּזשעיאַזד 9 איז געווען געשלאָסן, האָט דער האַנטווערקער נישט געהאַט ווו צו דיסקאָנטירן אַ וועקסל. מען איז געקומען אין אונדזער באַנק דיסקאָנטירן, זי האָט אָבער נישט געקענט באַפרידיקן קיין גרויסע צאָל מיטגלידער, ווייל די באַנק פאַר קאָאָפּעראַטיוון האָט אונדז נאָך נישט געגעבן קיין געלט, ווייל מיר זענען נאָך נישט געווען קיין מיט־גליד אין איר. לויט די סטאַטוטן האָט דער רעוויזיאָנס־פאַרבאַנד באַדאַרפט צושיקן יעדעס האַלבע יאָר אַ באַריכט פון אונדזער טעטיקייט און רעקאָ־מענדירן צי מען זאָל אונדז אָננעמען. דערווייל האָט מען געמאַכט די וועקס־

לען אין דער סוחרים־באַנק, ווי מען האָט געדופן טרוסקערס באַנק, אָדער קיפּערמאַן האָט געמאַכט די וועקסלען אין זיינע בענק, ווו ער האָט געהאַט אַ קאַנטע.

די באַנק איז אייגנטלעך געווען אַן אָנהויב פון שפּאַלטונג אין דער צענטראַלע. אַ טייל פאַריינען, וואָס האָבן נישט געוואָלט זיין אויף נאַלעווקעס 2א׳, דערהויפּט די וואָס זענען געווען אויף דער לעשנא 42, זענען אַראָפּ־געקומען און געבעטן מען זאָל זיי געבן אַ צימערל צו פירן זייערע פאַך־ענינים. עס האָבן זיך גרופּירט אַ באַדייטנדיקע צאָל מיטגלידער, וואָס האָבן געפאָדערט מען זאָל עפענען אַ נייעם פאַריין.

קאַפּיטל פופציק

די מאַסן צאָלן פאַר די זינד פון די פירער

דאָס פאַלן פון דער האַנטווערקער־באַנק און פון דער רוישטאָף־צענטראַלע „סורוויט״ האָט אָנגענומען די פאָרם פון אַ גרויסן סקאַנדאַל. מען איז געוואָר געוואָרן, אַז אַ גרויסער טייל פון די פאַרוואַלטונגס־מיטגלידער האָבן געבאָרגט גרויסע סומעס געלט אויף פאַרשיידענע פיקטיווע קאָנטעס, דאָס הייסט, אויף נעמען פוז מיטגלידער, וועלכע זענען שוין נישט געווען אין וואַרשע, אָדער האָבן בכלל נישט אויסגענוצט די באַנק. אַ סך באַאַמטע האָבן געבאָרגט געלט און נישט באַצאָלט. מען האָט אויך אויסגעצאָלט גרויסע אַנטשעדיקונגען געוויסע באַאַמטינס, וואָס זענען אָפּגעזאָגט געוואָרן.

די אַלע זאַכן האָבן די מיטגלידער אַזוי שטאַרק אויפגעבראַכט, אַז מען האָט געוואָלט, אַז די פאַרוואַלטונג זאָל צוגעצויגן ווערן צו געריכטלעכער פאַראַנטוואָרטלעכקייט. די פאַרוואַלטונג האָט געוווסט, אַז עס ברויזט צווישן די מיטגלידער און זי האָט אויך געוווסט, אַז ווען מען זאָל זיך געהעריק נעמען צו דער זאַך, דראָט אַ קרימינעלער פראָצעס, מיט שווערע קאָנסעקווענצן. זיי האָבן דעריבער געפרווט רופן אַ פאַרזאַמלונג פון דער באַנק אין זאָל פון דער צענטראַלע אויף נאַלעווקי 2אַ׳ און באַרויקן די געמיטער, דערקלערנדיק אַז אָביעקטיווע באַדינגונגען האָבן געפירט צום פאַלן פון דער באַנק. אין אַזאַ פאַרזאַמלונג האָט אונדזער חבר קריסטאַל אַרויסגעוויזן אויסערגעוויינטלעכן מוט. נאָכן באַריכט פון דירעקטאָר האָט ער געבעטן דאָס וואָרט. דער פאָרזיצער האָט אָבער געגעבן דאָס וואָרט אַנדערע רעדנער פון די פאַרטיידיקער. אַז מען האָט אים, קריסטאַלן, נישט געוואָלט געבן דאָס וואָרט, האָט ער געזאָגט, אַז ער וועט ווייטער נישט לאָזן פירן די פאַר־

זאַמלונג און יעדער רעדנער איז איבערגעריסן געוואָרן. עס האָבן נישט געפעלט קיין חברים, וועלכע זענען געווען אויפגעבראַכט אויף די פירער פון דער באַנק און זיי האָבן אים צוגעהאָלפן. באַזונדערס האָבן זיך דערביי אויסגעצייכנט די ברידער מעלניק, סטאָליאַרעס, קרעפּטיקע חברה־לייט. באין ברירה האָט מען געגעבן קריסטאַלן דאָס וואָרט.

דער זאַל איז געווען אַזוי געפּאַקט, אַז ער האָט אַפילו נישט געקענט זיך אַדורכשטופּן צום פּרעזידיום, אַזוי, אַז מען האָט אים געטראָגן איבער די קעפּ פון דער פאַרזאַמלונג צו דער בינע. נאַטירלעך האָט ער אַריינגעזאָגט וויפל עס איז נאָר אַריין, אָבער די פּראָטאָקאָלן האָט מען געמאַכט ווי מען האָט געוואָלט און צום געריכט האָט מען זיי נישט געשטעלט. וואָלט מען זיי געווען געשטעלט צום געריכט, וואָלטן די מיטגלידער נישט באַדאַרפט באַצאָלן קיין 20 פּאַכיקע פּאַיען. מען האָט אָנגעפּאַנגען איינמאָנען שווערע טויזנטער זלאָטעס ביי די מיטגלידער. אַממיינסטן חברים האָבן געהאַט 3—4 הונדערט זלאָטעס פּאַיען, 20 פּאַכיק, ווי עס איז געווען 6—8 טויזנט זלאָטעס, דאָס איז געווען אַזאַ סומע, וואָס טייל האַנטווערקער האָבן עס גאָרנישט פאַרמאָגט.

און די זעלבע זאַך איז געווען אין „סורוויט”. אויך דאָרט איז געווען 20 פּאַכיקע פאַראַנטוואָרטלעכקייט.

אַזוי האָט זיך אויסגעלאָזט מיין טרוים צו פאַרגרינגערן די לאַגע פון די האַנטווערקער. אין דער ווירקלעכקייט האָט מען זיי געשמיסן מיט אייזערנע ריטער.

מיר גיבן אַרויס אַ קאַמף־זשורנאַל

ביסלעכווייז האָבן זיך אָנגעהויבן גרופּירן מער פאַריינען פון פאַרשיידענע פאַכן און געפאָדערט, אַז מיר זאָלן עפענען אַ נייע צענטראַלע, אָדער ווייניקסטנס אַ לאָקאַלן פאַריין, וואָס זאָל גרופּירן פאַכן, וועלכע ווילן נישט מער זיין אויף נאַלעווקי 2אַ׳.

אויך חבר טשערניאַקאָוו האָט זיך אָנגעהויבן מער אינטערעסירן מיט די אַרויסגעטרעטענע פאַריינען און מיר האָבן אָנגעהויבן האָבן אָפטע באַראַטונגען ווי צו ריכטן אונדזער קאַמף קעגן די פאַרפירער פון דער באַוועגונג.

יעדן טאָג זענען געווען אַנדערע נאָטיצן אין דער פּרעסע וועגן די באַנקראָטירטע באַנק און סורוויט. פון צייט צו צייט האָט אינזשיניער אַלאַפין געשריבן אַרטיקלען וועגן די פאָלקס־פאַרזאָרגער און האַנטווערקער־פאַרזאָרגער. איין אַרטיקל האָט געטראָגן דעם נאָמען: „ווי די מייז פון אַ טרינקענדיקער שיף״. ווייל די פירער פון דער באַנק און פון סורוויט האָבן זיך אָפּגעטראָגן און מען האָט זיי נישט געקענט געפינען.

עס זעט אויס, אַז געוויסע קרייזן זענען געווען פאַראינטערעסירט, אַז עס זאָל נישט קומען צו קיין קרימינעלן פּראָצעס, באַזונדערס האָט דאָס נישט געוואָלט די באַנק פאַר קאָאָפּעראַטיוון און דער רעוויזיאָנס־פאַרבאַנד, ווייל די דערמאָנטע אינסטיטוציעס וואָלטן אויך געווען מיטשולדיק אין אַ געוויסן זין, איז גלייכער אַז די מאַסן האַנטווערקער זאָלן צאָלן 20 פאַכיקע פאַראַנטוואָרטלעכקייט, אַבי די שפּיצן זאָלן נישט פאַרמשפּט ווערן.

מיר האָבן אַרויסגעגעבן אַ זשורנאַל אין וועלכן די חברים האָבן אויסגעדריקט זייער צאָרן קעגן דעם ענין. ח׳ טשערניאַקאָוו האָט אויך אָנגעשריבן אַן אַרטיקל אינעם נומער.

איך האָב נישט געשריבן קיין פּאָלעמיש אַרטיקל, נאָר האָב אָנגעשריבן אַ קורץ אַרטיקל וועגן דער עקאָנאָמישער לאַגע אין יענער צייט, אין יאָר 1931. איך האָב טיטולירט דאָס אַרטיקל מיטן נאָמען: „מען הונגערט און מען שווייגט״. ווייל ווירקלעך זענען געווען אַ סך האַנטווערקער־פאַמיליעס, וועלכע האָבן געליטן חרפּת רעב און איך האָב נישט געקענט פאַרטראָגן, אַז מען זאָל הונגערן און נישט רעאַגירן קעגן די מאַכט־אָרגאַנען, וואָס האָבן געבראַנגט צו דעם פאַראָרעמונג פון פיל טויזנטער משפּחות.



די לייטונג פון דעם האַנדווערקער־זשורנאַל
אלימלך ראַק, דן בראָמבערגער און א. גאָלדבערג.

ווידער וואַלן צו דער יידישער קהילה

אין מיטן פון אונדזער קאַמף זענען פאָרגעקומען וואַלן צו דער קהילה אין וואַרשע. מיר זענען געבליבן אין אַ שווערער לאַגע. די צענטראַלע פון נאַלעווקי 2אַ׳ וועט דאָך געוויס גיין צו די וואַלן און געוויס זיך בלאָקירן מיט דער פאָלקס־פּאַרטיי. דערלאָזן אַז זיי זאָלן זיין די פאָרשטייער פון יידישן האַנטווערקערטום אין וואַרשע, וואָלט געווען דער גרעסטער סקאַנדאַל.

מיר, די גרופּע, וואָס האָבן געקעמפט קעגן דער צענטראַלע, האָבן גע־האַט עטלעכע פּאַכן. אַז מיר זאָלן אָבער גיין זעלבסטשטענדיק צו די וואַלן איז געווען ריזיקאַליש. מיר האָבן געפּרוווט אונטערהאַנדלען מיט דער ציוי־ניסטישער אָרגאַניזאַציע, אַז זיי זאָלן אונדז געבן אַ זיכערן מאַנדאַט. האָבן מיר געזען, אַז דאָס גייט נישט. זיי האָבן אונדז דערקלערט, אַז איינער פון זייערע מאַנדאַטן וועט דערקלערט ווערן אַלס אונדזער פאָרשטייער. דאָס האָט אונדז, נאַטירלעך, נישט באַפרידיקט און מיר האָבן באַשלאָסן, אַז מיר גייען זעלבסטשטענדיק צו די וואַלן אין דער קהילה.

טשערניאַקאָוו האָט אונדז צוגעזאָגט מיטצוהעלפן אין דער פּראָפּאַ־גאַנדע. אָבער געלט? אַ ביודזשעט? און מיר האָבן געוווסט וואָס עס הייסט וואַלן! זויפל געלט דאָס פאָדערט! אָבער מיר האָבן געמאַכט דאָס זעלבע וואָס ביי די פאַבריקע וואַלן, ווען חבר לאַנדשטאַק איז געוויילט געוואָרן.

חבר פּאַלינאַווער, דער פאָרזיצער פון די מעשנגיסער, איז געווען אַ יונגערמאַן מיט פאַרשטאַנד און אַ ציוניסט. געהאַט אַ 2 הייזער. ער קען זיין אַ גוטער קאַנדידאַט צו דער קהילה, אויב ער וועט פינאַנסירן די אַקציע מיט 75 %. ער איז דערויף איינגעגאַנגען און ער האָט פּאַקטיש פינאַנסירט

די אַקציע מיט 90 %, ווייל די פּאַריינען וואָס זענען געווען ביי אונדז האָבן קיין סך נישט געקענט ביישטייערן. די צרה איז אָבער געווען, וואָס חבר פּאַלינאַוווער איז נישט באַקאַנט געווען ביי די האַנטווערקער אין גאַס. ער איז נישט געווען קיין נאָמען, וואָס זאָל קענען ציען שטימען. וואָס טוט מען? האָט מען דערצו אויך געפונען אַן עצה. חבר ראַזענטאַל, דער פּאָרזיצער פון דעם דרוקער־ און גראַפיק־פאַריין און ראַטמאַן אין שטאָט־ראַט, איז שוין געווען באַקאַנט אין דער פּרעסע דורך פאַרשיידענע רעדעס זיינע אין שטאָט־ראַט. זאָל ער דעריבער זיין דער ערשטער קאַנדידאַט, ראַק זאָל זיין דער צווייטער קאַנדידאַט און פּאַלינאַוווער דער דריטער. און אויב מיר וועלן נישט דורכפירן מער ווי איין קאַנדידאַט, דאַרפן ראַזענטאַל און איך זיך אָפּזאָגן און פּאַלינאַוווער באַקומט דעם מאַנדאַט.

און מען האָט זיך גענומען צו דער אַרבעט. חבר אברהם גאָלדבערג איז באַשטימט געוואָרן אַלס וואַל־קאָמיסאַר. מיר אַלע האָבן צוגעהאָלפן. עס איז ווירקלעך געווען אַ פאַנטאַזיע, אַ גרופּע אָן אַ לאָקאַל (מיר האָבן זיך דערווייל גרופּירט אין אונדזער נייער באַנק אויף נאָוואָליפּקי 10), אָן פּאַריינען, אָן געלט, גייען פירן אַ וואַל־אַקציע, וואָס איז פאַרבונדן מיט שווערע טויזנטער זלאָטעס און מען דאַרף אַ סך, אַ סך שטימען.

דאָך האָבן מיר גערופן פאַרזאַמלונגען אין פאַרשיידענע לאָקאַלן, געדרוקט אַ מאַסע אַגיטאַציע־ליטעראַטור. איך געדענק, אַז עס איז געקומען אַ פאָרשטייער פון יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט „ייִוואָ" און געבעטן מען זאָל זיי געבן מוסטערן פון אַלע אונדזערע פלוג־בלעטלעך, וואָס מיר דרוקן. ביז 2—1 ביינאַכט זענען מיר אַרומגעלאָפן איבער די רעדאַקציעס, כדי אַריין צו געבן די מעלדונגען און מיר פלעגן זיך דאָרט טרעפן מיט די יונגעלייט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, וואָס האָבן אַריינגעגעבן זייערע מעלדונגען. מען האָט אונדז אומעטום וואַרעם אויפגענומען, צוגעגעבן מוט און געווונטשן דערפאָלג אין אונדזער קאַמף.

אָבער פּלוצלינג איז געקומען אַ נייע צרה: אין מיטן ברען פון דער אַרבעט, זענען מיר געוואָר געוואָרן, אַז ווען אַ ליסטע פירט נישט דורך מער ווי איין מאַנדאַט, קאָן זיך פון דער ליסטע נישט אָפּזאָגן מער ווי איין קאַנדידאַט. דאָן איז דאָך פּאַלינאַוווער נישט זיכער מיט זיין מאַנדאַט אפילו אין פאַל פון אַ נצחון.

מען האָט זיך באַראַטן מיט פאַרשיידענע אינטימע חברים פון דער קהילה, דאַרונטער אויך מיטן ה׳ געפּנער, וואָס איז געווען וואַל־קאָמיסאַר און פאַרזיצער פון וואַל־קאָמיטעט אין דער קהילה און ער האָט געפונען אַן עצה, אַז איך, דער צווייטער קאַנדידאַט זאָל געבן אַ דערקלערונג, אַז איך האָב געגאָסן שטיצע פון דער קהילה, און דער וואָס געניסט שטיצע פון דער קהילה, טאָר נישט קאַנדידירן אַלס פרנס, דאַן וועט מען מיין מאַנדאַט פסלנען, און עס וועט זיין ראזענטאל דער ערשטער און פאלינאוועער דער צווייטער. איך בין געקומען אין דער קהילה צום סעקרעטאַר ה׳ סאָקאָלאָוו און דערקלערט אים, אַז ער זאָל רעגיסטרירן, אַז איך האָב גענומען שטיצע פון דער קהילה. ער פרעגט מיך: ווען? וויפל? ענטפער איך אים! פרעג דעם פאַרזיצער ה׳ געפּנער, ער וועט דיר שוין אַלץ דערקלערן. ער האָט געמאַכט אַ פּראָטאָקאָל, און איך האָב אונטערגעשריבן. איך מוז צוגעבן, אַז דעם קרבן איז מיר געווען אַ ביסל שווערלעך צו ברענגען. איך בין דאָך עפּעס געווען אין וואַרשע און געהאַט דערוואַקסענע מיידלעך. און דאָ זאָל בלייבן אַ דאָקו־מענט אין דער קהילה, אַז איך האָב גענומען שטיצע! איך האָב זיך געפילט שולדיק קעגן מיין פרוי און קינדער, וועלכע קענען ליידן פון מיין געזעל־שאַפטלעכער אַרבעט.

אויף די פּלאַקאַטן האָב איך ווייטער פיגורירט אַלס צווייטער קאַנדי־דאַט, אָבער אין די זאַכלעכע אַקטן פון דער קהילה בין איך שוין געווען אויסגעמעקט, און חבר טשערניאַקאָוו האָט אויף איינעם פון די מיטינגען, וואָס מיר האָבן איינגעאָרדנט, געזאָגט צו די פאַרזאַמלטע, חבר ראַק האָט געטאָן אַ זאַך פון אומגעהויערער מאָראַלישער הויך, נאָר מען קען דערווייל נישט אויסזאָגן, וואָס די זאַך איז.

מיר האָבן זיך אָנגעשטרענגט, געהאָרעוועט, אָבער עס איז ווערט גע־ווען. מיר האָבן אָנגעצויגן שטימען פון קנאַפּע צוויי מאַנדאַטן און באַקומען נאָר איינעם.

די גרויסע צענטראַלע מיט אירע צעכן און מיט דער פאָלקס־פאַרטיי מיט פּרילוצקין און ד״ר גאָלדענבערג האָבן באַקומען צוויי מאַנדאַטן.

עס איז נאָך געווען אַ ביסל עגמת־נפש מיט ראָזענטאַלן, ער האָט זיך נישט געוואָלט אָפּזאָגן, ער האָט געזאָגט, לאָזט מיך אַ ביסל אָנוואַרעמען,

אלימלך ראק

לאָמיך נאָר ווערן פּרנס, וועל איך זיך אָפּזאָגן. מיר האָבן געהאַלטן, אַז ער דאַרף נישט האַלטן דעם מאַנדאַט אַפילו איין מינוט, אָבער ער האָט אַנדערש געדענקט. סוף־כל־סוף האָט ער זיך שפּעטער אָפּגעזאָגט און פּאַלינאַוווער איז געוואָרן פּרנס אין דער וואַרשעווער קהילה. דאָס געלט איז ווערט גע־ווען דעם טיטל. איך האָב געהאַט אַ גרוס, אַז מען האָט אים שפּעטער געזען אין אוישוויץ.

קאַפּיטל דרייאונפופציק

בורגין אין דער קהילה

בורגין האָט אין דעם געראַנגל וואָס איז פאָרגעקומען אויפן האַנטווערקער פראָנט געשפּילט אַ גאַנץ באַדייטנדיקע ראָל. אין די לעצטע קהילה־וואַלן האָט ער דעצידירט ביים צוזאַמענשטעלן דאָס פּרעזידיום פון דער קהילה, אָדער בעסער געזאָגט, דעצידירט וועמען איבערצוגעבן די מאַכט אין דער קהילה, די ציוניסטן אָדער דער אגודה.

בורגין און ראַסנער, טראָץ דעם וואָס ביידע זענען זיי געווען פון די פירער פון דער פאָלקס־פּאַרטיי און פון דער האַנטווערקער אָרגאַניזאַציע, האָבן זיי זיך שרעקלעך פיינט געהאַט און שטענדיק איז פאָרגעקומען אַ העפטיקער קאַמף צווישן זיי. ראַסנער האָט אָבער כמעט שטענדיק געזיגט, ווייל די פאָלקס־פּאַרטיי האָט אים מער געשטיצט. ווען ראַסנער איז אָבער אַריינגעטרעטן, בעת די וואַלן צום סיים און סענאַט פון יאָר 1928, אינעם יידישן נאַציאָנאַלן מינדערהייט־בלאָק, איז ער דורך די פאָלקיסטן באַקעמפט געוואָרן.

עס זענען פאָרגעקומען די וואַלן צו דער קהילה אין יאָר 1931 און די פאָלקיסטן זענען געגאַנגען צוזאַמען מיט די האַנטווערקער פון נאַלעווקי 2א׳, איז בורגין געווען דער קאַנדידאַט פון די האַנטווערקער און אַזוי ווי דער פאַראייניקטער בלאָק האָט דורכגעפירט 3 מאַנדאַטן, איז בורגין אַריין אין ראָט פון דער קהילה.

די ציוניסטן האָבן געהאַט כמעט די זעלבע צאָל פּרנסים ווי די אגודה. די דריי ראַטמענער פון דער פאָלקס־פּאַרטיי האָבן דעריבער געקענט שפּילן די ראָל פונעם צינגל ביי דער וואָגשאָל.

אלימלך ראק

אַזוי אַרום איז געשען, אַז די אַגודה האָט אַ דאַנק די פּאָלקיסטן, געקראָגן די אויבערהאַנט איז דער וואַרשעווער ייִדישער קהילה. דערפאַר איז בורגין געוואָרן דער וויצע־פּאָרזיצער פון דער קהילה.

די ייִדישע פּרעסע, איבערהויפּט די ציוניסטישע, האָט באַקעמפּט דעם אגודהשן פּאָרזיצער פון דער קהילה, אָבער אַז דער קאַמף קעגן אים איז געווען אַ ביסל אומגערעכט, בין איך געוואָר געוואָרן אין ארץ־ישראל, ווו איך האָב אים פּערזענלעך דערקענט.

נאָוואָליפּקי 7

מיר זענען געצוווּנגען געווען צו שאַפן אַ לאָקאַל פאַר די צעכן און פאַריינען, וואָס האָבן נישט געוואָלט מער זיין אין דער צענטראַלע אויף נאַלעווקי 2אַ׳. עס זענען אַוועק פון דאָרט פאָלגנדע צעכן און פאַריינען: מעבל־ און ווייסע סטאָליאַר־מייסטער; מעש־טאָקער און מעש־גיסער; זייגער־מאַכערס; מעכאַנישע שוסטער, שאַכטל־מאַכער; דרוקער און ליטאָגראַפן; אַ טייל פון מאַלער־צעך און אויך קלענערע גרופן פון פאַרשיידענע פאַכן. מיר האָבן געדונגען אַ לאָקאַל אויף נאָוואָליפּקי 7. דער לאָקאַל איז באַשטאַנען פון 4 צימערן מיט איין גרויסן זאַל אויף פאַרזאַמלונגען.

מיר האָבן דורכגעפירט אַ גרויסן רעמאָנט וואָס האָט אָפּגעקאָסט עטלעכע טויזנט זלאָטעס. יעדעס פאַך האָט זיך באַשטייערט מיט אַ געוויסער סומע און באַזונדער האָבן זיך באַשטייערט די חברים: ראָזענבערג, מאַרק, ליכטענבוים, ברויז.

עס איז איינגעשטעלט געוואָרן אַ ביוראָ. דער סעקרעטאַר איז געווען ה׳ לאַכאַווער, אַ ברודער פון באַוווּסטן שריפטשטעלער פּישל לאַכאַווער. און אינטערעסאַנט איז, אַז דער זון פון ציוניסטישן גרינדער פון האַנטווערקער־קלוב אין לאָדזש, קירשראַט, איז געוואָרן ביי אונדז דער יוסטיץ־ראַטגעבער. ער האָט געגעבן יורידישע עצות די חברים אומזיסט.

עס איז געשאַפן געוואָרן אַ צענטראַלע־פאַרוואַלטונג פון פאָרשטייער פון אַלע פאַכן. אַלס פאָרזיצער איז געווילט געוואָרן חבר בראַמבערגער און איך אַלס וויצע־פאָרזיצער, ווירטשאַפטס־פירער איז געווען חבר זילבערשטיין.

אלימלך ראק

אַ גרויסע טעטיקייט האָט זיך אַנטוויקלט אין דאָזיקן קליינעם פאַריין און עס האָבן אויך אָנגעהויבן אָנקומען ביטעס פון דער פּראָווינץ, אַז מיר זאָלן שאַפן אַ צענטראַלע. דערהויפּט זענען די ווענדונגען געקומען פון די שטעט, ווו די האַנטווערקער־פאַריינען זענען געווען ציוניסטישע, אָדער נאָענט צום ציוניזם. מיר זענען ווידער געווען געצווונגען אַרויסצופאָרן מיט רעפעראַטן אין שטעט און שטעטלעך. איך בין געווען צוויי מאָל אין נאָווי־דוואָר. בראָמבערגער, וועלכער האָט געאַרבעט אין דער פּאַלעסטינער האַנדלס־קאַמער האָט מער געקענט פאָרן און ער האָט באַזוכט אַנדערע שטעט.

ראַט און פאַרוואַלטונג פון דער האַנדווערקער־באַנק אויף נאָוואָליפּקי 7 (יאָר 1931)

קאַפּיטל פינפאונפופציק

מען טײלט מעדאַלן

דער סאַנאַציע־רעזשים האָט אין די יאָרן 1932־31 אַלץ מער אַרויס־געוויזן זײַנע דיקטאַטאָרישע נייגונגען. געוויסע ייִדישע פּאַרטייען האָבן זיך גאַנץ גרינג אונטערגעגעבן דער סאַנאַציע.

אין די האַנטווערקער קרײַזן איז געוואָרן אַן איבערקערעניש. די צעכן און די האַנטווערקער־קאַמערן האָבן אָנגעהויבן פאַרנעמען דאָס אָרט פון די געזעלשאַפטלעכע האַנטווערקער־אָרגאַניזאַציעס.

די רעגירונג איז זייער צופרידן געווען פון די ייִדישע געזעלשאַפטלעכע טוער, וואָס האָבן זיך געשטעלט אויף איר צד און מען האָט, ווי עס פירט זיך בײַ לײַטן, אָנגעהויבן טיילן מעדאַלן פאַרשיידענע ייִדישע בירגער. נאָ־טירלעך, האָט די רעגירונג גענומען די אינפאָרמאַציעס בײַ די באַטרעפנ־דיקע פאַריינען און אָרגאַניזאַציעס, ווו די בירגער זענען געווען מיטגלידער.

מיר, די פאַריינען פון נאַוואָליפּקע 7, זענען באַטראַכט געוואָרן אַלס אָפּאָזיציע צו דער רעגירונג און אָנהענגער פון יצחק גרינבוים און מען האָט אונדז נישט געוואָלט אַרויסגעבן די דערלויבענישׁ אויפן פאַריין, נאָר מיר האָבן עקזיסטירט בלויז אויפן סמך, וואָס מיר האָבן דערלאַנגט אַ ביטע וועגן אַ דערלויבעניש, און מען האָט אונדז יעדן טאָג געקענט פאַרמאַכן דעם פאַריין.

גרינבוים האָט שוין אין יענער צײַט געהאַט באַשלאָסן צו פאָרן און באַזעצן זיך אין ארץ־ישראל.

מיר האָבן זיך נישט געשראָקן און געפירט אונדזער טעטיקייט דרייסט

אלימלך ראק

אָן פּחד, און אין אַ יאָר שפּעטער, ווען גרינבוים איז שוין געווען אין ארץ־ישראל און איז געקומען אויף אַ באַזוך קיין וואַרשע, האָבן מיר אים איינגעלאַדן צו האַלטן אַ רעפעראַט ביי אונדז, כאָטש מיר האָבן געוווּסט, אַז די רעגירונג קוקט דערויף מיט נישט קיין גוט אויג. אָבער מיר זענען געווען גרייט אויף אַלע עווענטואַליטעטן. קיין גרויסע רעפּרעסיעס האָט מען אָבער קעגן אונדז נישט אָנגעווענדט. מען האָט נאָר געהאַלטן אַן אויג אויף אונדז.

קאַפּיטל זעקסאונפופציק

דער געזעגענונג־אָוונט פון יצחק גרינבוים

דער געזעגענונג־אָוונט, אָדער ווי מען פלעגט עס רופן, באַנקעט, איז געווען אַ הערלעכע מאַניפעסטאַציע פאַר גרינבוימען און אַ סאַטיספאַקציע פאַר די אָנטיילנעמער.

איך בין געווען פאַרבעטן צום באַנקעט און בין מיט פאַרגעניגן געגאַנגען, ווייל גרינבוים איז אייגנטלעך געווען מיין געזעלשאַפטלעכער לערער. ווען איך בין געזעסן אין נאַציאָנאַל־ראַט און אין פרעזידיום פון נאַציאָנאַל־ראַט האָב איך אַ סך געלערנט. דער נאַציאָנאַל־ראַט איז געווען גרינבוימס קינד, גרינבוימס שאַפונג.

פאָרזיצער פון באַנקעט איז געווען פראָפעסאָר משה שאָר. ווי טייער און זיס עס זענען געווען די רייד פון פראָפ׳ שאָר וועגן גרינבוימען. עס האָבן אים געזעגנט רעדנער פון אַלע ריכטונגען אינעם ציוניזם, פון קולטור־אָרגאַניזאַציעס און פרויען־אינסטיטוציעס.

משה פאָליאַקעוויטש האָט באַגריסט אין נאָמען פון „התחיה״, איך — אין נאָמען פון די ציוניסטישע האַנטווערקער.

אין זיין ענטפער ־רעדע האָט גרינבוים זיך געווענדט צו פאליאקעוויטשן און געזאָגט: „אייך איז נישט שווער געווען נאָכצוגיין מיר און מיין וועג, די האַנטווערקער אָבער האָבן געבראַכט אַ גרעסערן קרבן, ווייל די פאָלקיסטישע האַנטווערקער באַקומען מעדאַלן, און זיי — די ציוניסטישע, ווערן באַטראַכט פאַר אומלאָיאַלע בירגער״. די ווערטער זענען מיר געבליבן אין זכרון ביזן היינטיקן טאָג.

קאַפּיטל זיבנאונפופציק

האַנטווערקער־דעלעגאַציע קיין ארץ־ישראל 1932

די אויגן פון ידישן קיבוץ אין פוילן זענען ווידער אויפגעהויבן געוואָרן קיין ארץ־ישראל. די ביטערע דערציילונגען פון די צוריקגעקומענע פון דער פערטער עליה פון יאָר 1926 זענען שוין געהאַט פאַרגעסן געוואָרן. די ידישע פרנסות אין פוילן זענען אַלץ קלענער געוואָרן, די ווונדן פון די געשעענישן אין ארץ־ישראל פון יאָר 1929, זענען צוביסלעך פאַרהיילט געוואָרן. דער ליבעראַלער קורס פון נציב אין ארץ־ישראל, אַרטור וואיקאָפּ, האָט אויך דערמוטיקט. די ידן, וועלכע עס איז נאָך געבליבן עפּעס מיט וואָס צו פאָרן, האָבן ערנסט אָנגעהויבן צו טראַכטן וועגן עולה זיין קיין ארץ־ישראל.

די פּאַלעסטינער האַנדלס־קאַמער, אונטער דער אָנפירונג פון לעאָן לעווויטע, איז באַלאַגערט געוואָרן מיט אָנפראַגעס וועגן פאַרשיידענע צווייגן פון מלאכה און פאַבריקאַציע און די מאַטעריאַלן און ידיעות וועלכע די קאַמער באַזיצט זענען געווען אָדער פאַרעלטערטע אָדער נישט גענוגנדיקע. לעאָן לעוויטע האָט דעריבער באַשלאָסן צו שיקן אַ דעלעגאַציע פון האַנטווערקער און קליין־אינדוסטריעלער, זיי זאָלן אויספאָרשן דעם מצב און ברענגען באַריכטן וועגן עקאָנאָמישן צושטאַנד אין לאַנד. אַ חוץ דעם האָט זיך אָנגעהויבן אַ טוריסטן־באַוועגונג גאָר אין אַ גרויסן פאַרנעם. עס איז דאַן פאָרגעקומען די אויסשטעלונג אין תל־אָביב און עס זענען דערלויבט געוואָרן עקסקורסיעס צו באַזוכן די אויסשטעלונג. אַלע ידישע צייטונגען האָבן איינגעאָרדנט אַזעלכע עקסקורסיעס. און נישט בלויז צייטונגען, נאָר אַלע אָרגאַניזאַציעס, עקזיסטירנדיקע און נישט עקזיסטירנדיקע, האָבן איינ־

געאָרדנט עקסקורסיעס. דער עולם איז געפאָרן און פאַרשטייט זיך, אַז 80 % זענען דאָרט געבליבן. נאַטירלעך, אַלס אומלעגאַלע עולים.

אָבער אין דער צייט האָט זיך אויך אָנגעהויבן די גרויסע עליה, וואָס איז דערגאַנגען אין די יאָרן 1933/34 ביז 60 טויזנט מענטשן.

הער לעוויטע האָט אָנגעהויבן זוכן קאַנדידאַטן פאַר דער דעלעגאַציע. פון אונדז — ציוניסטישע האַנטווערקער, האָט ער גענומען דעם חבר בראָמ־בערגער, פון די פאָלקיסטן איז געפאָרן חבר אייזענפאַרב, וואָס איז געווען פון די אַקטיווע טוער אין האַנטווערקער פאַרבאַנד. דער דריטער קאַנדידאַט איז געווען אַ פאַבריקאַנט, פאָגעלנעסט.

די דעלעגאַציע האָט געפאָרשט און איז געקומען מיט גאַנצע פּעק סטאַ־טיסטיק פון יעדן פאַך. שפּעטער האָט זיך די האַנדלס־קאַמער באַנוצט מיט די געבראַכטע ידיעות. די נוצלעכקייט פון דער סטאַטיסטיק איז אָפּטמאָל געווען צווייפלהאַפט.

איך ווייס נאָר פון איין פאַקט. אונדזער אַ חבר, אַ קעסלער, וואָס מאַכט קופּערנע באַלאָנען צו סאָדע־וואַסער, האָט באַשלאָסן צו פאָרן קיין ארץ־ישראל. האָט ער געפרעגט אין דער האַנדלס־קאַמער צי ער זאָל די פאַר־טיקע באַלאָנען מיטנעמען אָדער פאַרקויפן. נאָכן אַריינקוקן אין דער סטאַ־טיסטיק אַריין, האָט מען אים געזאָגט, אַז ער זאָל זיי מיטנעמען. אַז איך האָב דאָ געטראָפן דעם קעסלער, האָט ער מיר דערציילט, אַז ער דאַרף די באַלאָנען אַריינוואַרפן אין ים אָדער פאַרקויפן אין שמעלץ, וואָס דאָס איז איין פערטל וואָס די טראַנספּאָרט־הוצאות האָבן געקאָסט. דער ייִד האָט מיר דערביי געזאָגט: ארץ־ישראל וועט מוזן אויפגעבויט ווערן מיט אָפּגע־נאַרטע ייִדן.

מען פאָרט קיין ארץ־ישראל

דער דראַנג קיין ארץ־ישראל איז געוואָרן שטאַרקער. האַנטווערקער וואָס האָבן געוווּסט אַז אונדזערס אַ וואָרט צום פאַלעסטינאַ־אַמט, קען אין אַ געוויסער מאָס ווירקן, זענען געקומען זיך פאַרשרייבן אין אונדזער אָרגאַניזאַציע אויף נאַוואַליפקי 7. פיל בריוו און אָנפראַגעס זענען געקומען אויך פון דער פראָווינץ וועגן עליה.

אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע האָט מען אָבער געטענהט, אַז אויב מיר ווילן האָבן איינפלוס און רעכט אויף עליה, מוזן מיר זיך דער־קלערן אַלס אַ ציוניסטישע גרופירונג און דערפילן די פליכטן פונקט ווי אַנדערע ציוניסטישע פאָרמאַציעס: אַרבעטן פאַרן קרן קימת, פאַרקויפן שקלים אאַז״וו. איך האָב געהאַלטן, אַז מיר דאַרפן דאָס טון, ווייל סיי ווי ווערן מיר באַטראַכט ווי אַ ציוניסטישע האַנטווערקער־אָרגאַניזאַציעס. זאָלן מיר דעריבער זיין אָפן און געניסן פון די רעכט ווי אַלע ציוניסטישע גרופן. איך האָב גוט געדענקט, אַז ווען איך האָב אויפן 14טן קאָנגרעס געפאָדערט פון דער טריבונע, אַז מען זאָל די ציוניסטישע האַנטווערקער־אָרגאַניזאַציעס געבן דאָס רעכט אָנטייל צו נעמען אין די פאַלעסטינאַ־אַמטן, האָט דער אַרבעטער־פאָרשטייער בערל לאָקער זיך קעגן געשטעלט און געזאָגט, אַז אין גאַנץ פוילן זענען די האַנטווערקער־אָרגאַניזאַציעס נישט רעגיסטרירט אַלס ציוניסטישע גרופן ביים צענטראַל־קאָמיטעט און מיין פאָרשלאָג, אַז מיר זאָלן קענען דעלעגירן פאָרשטייער אין די פאַלעסטינאַ־אַמטן איז טאַקע אָפגעוואָרפן געוואָרן. דעריבער האָב איך געהאַלטן, אַז מיר זאָלן זיך דער־קלערן אַלס אַ ציוניסטישע האַנטווערקער־אָרגאַניזאַציע. דאַקעגן בראָמבער־

גער האָט געהאַלטן, אַז מיר קענען נישט און טאָרן דאָס נישט טון. דער קאָמיטעט האָט אָנגענומען מיין שטעלונג און מיר האָבן באַקומען אַ געוויסן איינפלוס אין פּאַלעסטינא־אַמט.

מיר האָבן אָפּגעדרוקט אַן אַנקעטע־בויגן און פונאַנדערגעשיקט אין אַ סך האַנטווערקער־אָרגאַניזאַציעס אין דער פּראָווינץ און זיי האָבן באַדאַרפט ענטפערן, וויפל מיטגלידער צאָלן אויף קרן קימת און קרן היסוד, וויפל געמען שקלים, וויפל זענען ציוניסטן, וויפל ווילן פאָרן קיין ארץ־ישראל. עס זענען אונדז אָנגעקומען ענטפערס פון 42 שטעט. לויט די ענטפערס זע־נען כמעט אַלע האַנטווערקער־פאַריינען געווען ציוניסטיש.

ווען דער פאָרשטייער פון מחלקת העליה אין ארץ־ישראל, מר באַרלאַס, איז געווען אין וואַרשע, האָבן מיר אים באַזוכט און געוויזן אים די אַנקעטע־בויגנס. קאָנקרעט האָבן מיר געפאָדערט, אַז די סערטיפיקאַטן זאָלן גילטיק זיין ביזן עלטער פון 45 יאָר און אַז בעלי־מלאכות, ווען זיי וועלן קומען, זאָלן זיי האָבן צוגעגרייט פון דער סוכנות אַ וואַרשטאַט מיט עלעקטרישער קראַפט, ווו זיי זאָלן באַלד קענען אָנהייבן אַרבעטן. די פאָדערונג וועגן עלטער פון 45 יאָר איז באַשטעטיקט געוואָרן דורכן נציב העליון, סיר אַרטור וואַי־קאָפּ און אַ סך האַנטווערקער האָבן ווירקלעך געקאָנט פאָרן.

דעם ערשטן האַנטווערקער־סערטיפיקאַט, וואָס מיר האָבן באַקומען צו אונדזער דיספּאָזיציע, איז געווען אַן ענדערונג אין דער פּאָליטיק פון פּאַ־לעסטינא־אַמט. שפּעטער האָבן מיר באַקומען 12 סערטיפיקאַטן און נאָך שפּעטער פיל מער. אַ סך פון אונדזערע אַקטיווע חברים האָבן באַשלאָסן צו פאַרלאָזן פּוילן, צווישן זיי די חברים גאָלדבערג און מינץ. זיי האָבן נישט באַדאַרפט די הילף פון דער אָרגאַניזאַציע, נאָר זיי האָבן גערעדט מיטן ד״ר קלומעל, וועלכער איז דאַן געווען פאָרזיצער פון פּאַלעסטינא־אַמט און זיי האָבן גלייך באַקומען סערטיפיקאַטן. נאַטירלעך האָבן מיר זיי איינגע־אָרדנט פייערלעכע באַנקעטן און אָפּגעשאַצט די אַרבעט פון יעדן איינעם פאַרן ציוניזם בכלל און פאַרן האַנטווערקערטום בפרט.

איך געדענק, אַז אינעם באַנקעט פון חבר מינץ האָט זיך באַטייליקט ד״ר גאָטליב פון „היינט“ און ער האָט געזאָגט: „איך האָב געזען די ליטע־ראַרישע אַרבעט פון חבר מינץ און איך בין זיכער, אַז ווען ער וואָלט זיך מער געווידמעט די דאָזיקע אַרבעט, וואָלט ער געווען איינער פון אונדז“.

עס איז אויך אַוועקגעפֿאָרן ח׳ אהרן זאַקסענבערג, פֿאָרזיצער פֿון גי־סער־צעך. וועגן אים האָבן מיר שוין געהאַט אַ ביסל זאָרג. גרינבוים איז גראַד געווען אין וואַרשע, האָבן מיר געפֿועלט, אַז ער זאָל דערליידיקן דעם ענין, ווייל זאַקסענבערג האָט באַדאַרפֿט פֿאָרן מיט 2 זין, וואָס איינער איז געווען מיליטער־פֿליכטיק און ווען ער פֿאָרט נישט אָפּ ביזן באַשטימטן טערמין וואָלט ער שוין געמוזט בלייבן.

עס זענען אויך געפֿאָרן 5 טאָשן־מאַכער, מיטגלידער פֿון נאַלעווקי 2אַ׳, וואָס די פֿירמע ג. ז. האָט זיי אַרויסגעפֿאָדערט אַלס אַרבעטער. צווישן די 5 איז געווען ח׳ דעמסקי, דער פֿאַלקיסט, וואָס איז געווען מיין פּראָקוראָר, ווען מען האָט מיך אָפּגעשטעלט אין דער טעטיקייט, נאָר ער איז גאַנץ שנעל צוריקגעפֿאָרן.

קאַפּיטל נײַנאונפופציק

דער 18טער ציוניסטישער קאָנגרעס

דער 18טער קאָנגרעס איז פאָרגעקומען אינעם יאָר 1933. מיר האָבן פאַרהאַנדלט מיטן ציוניסטישן צענטראַל־קאָמיטעט, אַז ער זאָל אַרײַננעמען אין דער דעלעגאַטן־ליסטע צום קאָנגרעס אונדזער אַ דעלעגאַט. די פאַר־האַנדלונגען זענען געפירט געוואָרן דורך ח׳ בראָמבערגער און זענען אייניקע מאָל איבערגעריסן געוואַרן, ווייל בראָמבערגער האָט געפאָדערט די באַ־דינגונגען אויפצושרייבן און אונטערצושרייבן. דער צענטראַל־קאָמיטעט האָט דערויף נישט מסכים געווען.

סוף־כל־סוף איז מען געקומען צו אַ הסכם און בראָמבערגער איז אויך געווען דער קאַנדידאַט צום פאָרן. דער קאָנגרעס איז פאָרגעקומען אין פּראָג און צום 2טן מאָל האָט מען פון דער קאָנגרעס־טריבונע געהערט די שטים פון יִדישן האַנטווערקערטום אין פוילן.

קיין סך רעאַלע און פאָזיטיווע דערגרייכונגען האָט מען נישט געקענט דערגרייכן, אָבער דאָך האָט דאָס אויפטרעטן פון אַ האַנטווערקער־דעלעגאַט געמאַכט אַ ווירקונג.

בראָמבערגער איז צוריקגעקומען און אָפּגעגעבן אַ באַריכט פון קאָנג־רעס. ער האָט אויך געשילדערט זיינע איינדרוקן פון פּראָג און אירע אַל־טערטימלעכקייטן, פון דער מהר״ל־שול און אַנדערע ערטער. ער איז אויך געווען אין איטאַליע, אין רוים און ווענעציע און ער האָט אונדז דערציילט זיינע איבערלעבונגען, ווען ער איז געשטאַנען ביים טיטוס־טויער. ער האָט געשילדערט מיט לעבעדיקע און רירנדיקע ווערטער. איך האָב אים באַ־וווּנדערט. אַ יונגערמאַן מיט פיל טאַלאַנט. האָט אַלע אייגנשאַפטן צו קענען

זיין אַ פירער פון אַ באַוועגונג און איז עס נישט געוואָרן, ווייל זיין כאַראַקטער האָט געהערשט איבער זיין שכל און פאַרשטאַנד און נישט פאַרקערט.

אַפילו ביי אונדז, אין דער ציוניסטישער האַנטווערקער־אָרגאַניזאַציע, איז ער אייניקע מאָל ברוגז געוואָרן און אַנטלאָפן. ער האָט מיך אויך אַ סך מאָל באַליידיקט, אַזוי אַז איך וואָלט אים געדאַרפט קיין מאָל נישט מוחל זיין, נאָר איך האָב אים מוחל געווען, ווייל ער איז געווען אַ יודע ספר און איז געווען אימפולסיוו.

עס פלעגט ביי אונדז זיין אַ פלוגתא וועגן די חברים פון נאַלעווקי 2אַ׳, איך האָב נישט געטראָגן קיין האַס צו זיי. אייניקע, ווי גלאַצער און בורגין, זענען געווען מיינע פערזענלעכע פריינט. פלעגט ער צו מיר שרייען: „מען דאַרף זיך לערנען פיינט האָבן״. פלעג איך אים ענטפערן: „מען דאַרף זיך לערנען ליב האָבן״.

עס איז געווען צו באַדויערן, וואָס אַ מענטש מיט מער ווי מיטלמעסיקע פעיִקייטן קען נישט שטייגן אויף דער געזעלשאַפטלעכער אַרענע, ווייל עס ליגט עפּעס אין אים אַ וואָרעם, וואָס עסט אים אויף.

דאָס וואָס ער איז געבליבן אין פוילן און אומגעקומען דורך היטלערן, איז אויך שולדיק זיין כאַראַקטער. ער איז צוויי מאָל געווען אין ארץ־ישראל אַלס דעלעגאַט און ווען ער וואָלט געוואָלט באַקומען אַ סערטיפיקאַט, וואָלט ער אים זייער לייכט געקריגן. ער האָט דאָ געהאַט זיין פאָטער, איז געווען ציוניסט בן ציוניסט און איז אומגעקומען אין גלות. יהי זכרו ברוך.

זכרונות פון א יידישן האַנטווערקער־טוער

שם ההסתדרות: ______________________
נאָמען פון אָרגאַניזאַציע

עיר: ______________________
שטאָדט

מספר החברים: ____________
צאָהל מיטגלידער

לנשיאות הקונגרס ה־18
בפראג

בצוק העתים האלו לעם ישראל בכוורי הגולה, כשהמוני בעלי המלאכה המדולדלים נמקים ומתנונים מחוסר עבודה ומצר שני מגיעות אלינו ידיעות משמחות ע״ד השתתפותם של בעלי־המלאכה בבנין הארץ, במקום שנפתחים אפקים רחבים לפני אנשי העבודה ופעולתם רבת־התועלת, בשעה זו, שעת כנוס שליחי עם ישראל לקונגרס השמונה־עשר, נותנים אנו יפוי־כח לצירנו הה׳ ד״ר *ברומברגר* נשיא „מרכז בעלי־המלאכה הציוניים בפולניה" לעורר את כל סבך השאלות הכרוכות בהשתתפותנו בבנין הארץ ולהגן עליהן מבמת הקונגרס

הועד.

החותם

צום פּרעזידיום
פון 18 ציוניסטישען קאָנגרעס
אין פּראַג

אין איצטיגען שווערען און ערנסטען מאָמענט פאַר די אידישע מאַסען אין די גלות־לענדער, ווען פון איין זייט שטעהט דער אידישער בעל־מלאכה פּויפּעריזירט און לעכצט אומזיסט נאָך ארבייט און פון דער אנדערער זייט דערטראָגען זיך צו אונז פריידיגע ידיעות פון די האַנדווערקער אין ארץ ישראל, ווי סיסטעמאַטיש ציהען זיך ברייט־פערצווייגטע מעגליכקייטען פאַר דעם אידישען ארבייטס מענטש, — אין דעם מאָמענט ווען ס׳קומט זיך צונויף די רעפּרעזענטאַנץ פון דעם אידישען פאָלק אויף דעם 18־טען קאָנגרעס, בעפולמעכטיגען מיר אונזער פאָרשטעהער, ה׳ ד״ר *בראָמבערגער*, פּרעז. פון „מרכז בעלי מלאכה אין פּוילען", אויפצוװיקלען און פערטיידיגען דעם גאַנצען קאָמפּלעקס פּראָבלעמען, וואָס זענען נוגע אונזער בעטייליגונג אינ׳ם אויפבויווערק פון א״י.

די פערוואלטונג.

סטעמפּעל

די געדרוקטע באַפולמעכטיקונג וואָס יעדע האַנטווערקער־אָרגאַניזאַציע האָט אונטערגעשריבן פאַר דן ברצמבערגערן אַלס דעלעגאַט צום 18טן ציוניסטישן קאָנגרעס, וואָס איז פאָרגעקומען אין פּראַג.

קאַפּיטל זעכציק

חלוץ בעל־מלאכה

ווען מיר האָבן באַשלאָסן זיך צו דעקלאַרירן אַלס ציוניסטישע האַנט־ווערקער־אָרגאַניזאַציע, האָבן מיר די אָרגאַניזאַציע אַ נאָמען געגעבן „מרכז בעלי־מלאכה״. דעם זעלבן נאָמען, וואָס עס טראָגט דער ארץ־ישראלדיקער האַנטווערקער־פאַריין. וועגן ארץ־ישראלדיקן מרכז בעלי־מלאכה האָבן מיר גאַנץ ווייניק געוווּסט, און דאָס וואָס מיר האָבן יאָ געוווּסט, איז געווען, אַז עס איז דאָרט נישטאָ קיין לעבן, קיין טעטיקייט, קיין וווּקס, קיין איניציאַ־טיוו. יעדער חבר, וועלכער איז געפאָרן קיין ארץ־ישראל, האָט צוגעזאָגט, אַז ער וועט קומען אין לאַנד וועט ער שוין זען עפּעס אויפצוטאָן. און טראָץ דעם וואָס עס זענען שוין געהאַט געפאָרן אַ סך אַקטיווע חברים האָט קיינער קיין וואָרט נישט דערמאָנט וועגן מרכז בעלי־מלאכה. אָבער דאָס געהערט נישט צום ענין.

אַז די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע האָט געזען, אַז אין אַלע שטעט און שטעטלעך פּילט זיך אַ דראַנג מצד די בעלי־מלאכות צו פאָרן קיין ארץ־ישראל, האָט זי גערופן אונדז אויף אַ באַראַטונג, אַז מיר זאָלן שאַפן אַ בשותּפותדיקן קאָמיטעט, צו אָרדענען און רעגולירן די עליה פון די האַנט־ווערקער קיין ארץ־ישראל.

עס זענען פאָרגעקומען אייניקע אַזעלכע באַראַטונגען און מען האָט געדאַרפט פאָרן אין דער פּראָווינץ און אויך זיך גרייטן צום לאַנד־צוזאַמענ־פאָר, אויפצוטרעטן אַלס אַ באַזונדער קערפּערשאַפט. האָט חבר לאַנדשטאַק אויף דער זיצונג פאָרגעלייגט, אַזוי ווי אין ווילנע איז דאָ אַ חבר כ״ץ, וואָס אָרגאַניזירט דאָרט אויך די הענדלער און האַנטווערקער, און ער איז אַ פּעי־

קער אָרגאַניזאַטאָר, זאָל מען אים איינלאַדן אויף איין חודש אָדער צוויי חדשים ער זאָל די דאָזיקע אַרבעט טאָן.

מיר האָבן אויפן פאָרשלאַג מסכים געווען און מען האָט טעלעפאָנירט, אַז אברהם כ״ץ זאָל באַלד קומען. איך האָב דעם חבר כ״ץ פון פריִער נישט געקענט, און פון די ערשטע פאָר באַגעגענישן האָב איך געזען, אַז ער וועט טויגן צום עסק.

חבר כ״ץ איז געפאָרן, האָט אָרגאַניזירט, גערעדט, פּראָפּאַגאַנדירט, און מען האָט גערופן אַ פאָר־קאָנפערענץ פון די ציוניסטישע האַנטווערקער־אָרגאַניזאַציעס אונטערן נאָמען „אמן״. די קאָנפערענץ איז פאָרגעקומען גלייכצייטיק מיט דער ציוניסטישער לאַנד־קאָנפערענץ אין די זאַלן פון אַקאַדעמישן הויז אויף פּראַגע אין יאָר 1934 אין חודש אויגוסט.

עס איז דאַן געשאַפן געוואָרן אַ צייטווייליקער קאָמיטעט, וועלכער האָט געהאַט די אויפגאַבע צו פאַרגרעסערן די אָרגאַניזאַציע און רופן אַ גרעסערע קאָנפערענץ.

ביי דער צווייטער קאָנפערענץ איז באַשלאָסן געוואָרן אַ נאָמען צו געבן די אָרגאַניזאַציע „חלוץ בעל־מלאכה״. אַזוי ווי עס איז דאָ אַן אַרבע־טער חלוץ, אַזוי איז אויך דאָ אַ בעל־מלאכהשער חלוץ. מען דאַרף געניסן פון די זעלבע רעכט ווי דער אַרבעטער.

ביי דער צווייטער קאָנפערענץ בין איך שוין געווען אין ארץ־ישראל און וועגן דער גאַנצער טעטיקייט פון חלוץ בעל־מלאכה, וועלכע איז געוואָרן אַ שטאַרקע און אינטענסיווע, וועלן קענען דערציילן דער חבר כ״ץ און אַנדערע.

קאַפּיטל איינאונזעכציק

איך פאַרלאָז פוילן און פאָר קיין ארץ־ישראל

אין יאָר 1932 זענען מיינע צוויי טעכטער געפאָרן קיין ארץ־ישראל. זיי זענען געפאָרן מיט אַן עקסקורסיע פון דער צייטונג „עקספּרעס". איך האָב זיי געשיקט להשתקע בארץ־ישראל און איך בין געבליבן מיט מיין פרוי און אַ זון, אַ יינגל פון 15 יאָר.

דער ווירטשאַפטלעכער קריזיס, אָדער בעסער געזאָגט דער יידישער ווירטשאַפטלעכער קריזיס, האָט זיך איינגעגעסן אין די ביינער און אויך מיך נישט אויסגעמיטן. קיין גביר בין איך קיינמאָל נישט געווען און אַז עס האָבן אָנגעהויבן אָנקומען פּראָטעסטן בין איך געבליבן רויִנירט.

מיין פרוי האָט געטענהט: האָסט אַוועקגעשיקט די קינדער, וויל איך אויך אַהין פאָרן. די צרה איז אָבער געווען, וואָס מיין פאַך האָט נישט געהאַט קיין שאַנסן אין ארץ־ישראל. שטעקעלעך, הענטלעך צו שירעמס, ווער דאַרף דאָס?

(ווען גרינבוים איז געהאַט געקומען קיין וואַרשע פון ארץ־ישראל אויף אַ באַזוך, און מיר זענען געווען אין אַ דעלעגאַציע ביי אים, האָב איך נאָך די אָפיציעלע געשפּרעכן אים דערציילט, אַז מיינע 2 טעכטער זענען שוין דאָרט, און איינע איז אַ שניידערקע. יאָ, — זאָגט גרינבוים, — דאָס איז גוט, וואָס איר האָט שוין דאָרט 2 קינדער און איינע איז אַ שניידערקע. היינט שמייכל איך פון דער אינפאָרמאַציע. איך בין שוין 15 יאָר אין לאַנד און בין שוין 12 יאָר זעלבסטשטענדיק ביי שפּריצן אויטאָמאָבילן און נישט איך האָב זיך אָנגעוואָרעמט ביי די קינדער, נאָר איך וואַרעם זיי צו אַ ביסל).

ווען מען האָט אָנגעהויבן טראַכטן וועגן אַ פאָרמעלער מעגלעכקייט,

אַז איך זאָל קענען פאָרן אין לאַנד, איז די זאַך געווען גאַנץ שווער, ווייל עס איז נישט געווען קיין „סוג״ איך זאָל קענען אַריינגעפּאַסט ווערן אין אים. קיין סערטיפיקאַטן ביז 45 יאָר זענען מער נישט אַרויסגעגעבן געוואָרן, און איך בין שוין עלטער געווען ווי 45 יאָר. אויך דער „סוג״ פאַר בעלי־מלאכות מיט 500 פונט, האָט מיך אויך נישט געקענט אַריינגעמען, ווייל איך האָב באַדאַרפט זאָרגן איך זאָל האָבן אויף די הוצאות־הדרך.

איך בין געשטאַנען אין שריפטלעכן קאָנטאַקט מיט די חברים וואָס זענען געווען אין ארץ־ישראל און מיט מיינע קינדער. די חברים, גאָלדבערג און קריסטאַל, זענען געווען ביי גרינבוימען אין ירושלים און אים דערקלערט די לאַגע. האָט זיי גרינבוים באַרויִקט און געזאָגט, אַז דעם קורמענדיקן שעדיול וועלן זיין סערטיפיקאַטן פאַר ציונים ותיקים און ער וועט זען איך זאָל באַקומען אַזאַ סערטיפיקאַט, און אין די דאָזיקע סערטיפיקאַטן זענען די יאָרן נישט באַגרענעצט. און צום לויב מוז איך זאָגן, אַז גרינבוים האָט זיין וואָרט ווי אַלע מאָל געהאַלטן, און אַזאַ סערטיפיקאַט איז מיר צוגעטיילט געוואָרן. מען האָט זיך אָנגעהויבן גרייטן אין וועג אַריין.

אין דער אָרגאַניזאַציע אויף נאָוואָליפּקי 7, איז טראַץ דעם, וואָס עס זענען אַוועקגעפאָרן אַ פאַר אַקטיווע טוער, ווי, קריסטאַל, גאָלדבערג, מינץ, און איך האָב דאָך אויך שוין געהאַלטן ביים פאַרלאָזן פּוילן, דאָך פאָרגעזעצט געוואָרן די אַרבעט גאַנץ אינטענסיוו. עס האָבן זיך פאַרשריבן אַ סך יונגע חברים, וואָס האָבן געהאָפט צו ווערן קאַנדידאַטן צום פאָרן קיין ארץ־ישראל. אונדזער אָרט האָבן איבערגענומען צוויי חברים: זיסקינד גאָלדבערג און נתן זילבערשטיין. דער ערשטער, גאָלדבערג, אַן אַלטער חבר פון דער לעשנע 42, אָבער ער האָט אין פּאָליטישע זאַכן קיין מאָל זיך נישט געמישט, האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן פאַר קיין נישט שלעכטן פּאָליטיקער און ער האָט געוווּסט אַלע הינטער קוליסן געשעענישן פון פּאַלעסטינאַ־אַמט. זילבערשטיין איז געווען אַ מער אינטעליגענטער מענטש ווי גאָלדבערג און זיי האָבן געפירט די ציוניסטישע האַנטווערקער־אַרבעט נאָך אונדזער אַוועקפאָרן.

מען האָט זיך אָנגעהויבן גרייטן מאַכן מיר אַ געזעגענונגס־אָוונט. עס איז געקומען ח׳ בראַנשטיין פון נאַלעווקי 2אַ׳, דער פאָרזיצער פון די מאַלער און געזאָגט, אַז די נאַלעווקי 2אַ׳ שלאָגט פאָר צו מאַכן אַ בשותפות־

דיקן באַנקעט, ווייל זיי האָבן געטענהט: ראַק געהער נישט בלויז צו אייך, ער געהער אייך צו אונדז. אָבער די פירער פון נאָוואָליפּקי 7 האָבן דאָס נישט געוואָלט הערן.

דער דערוואַרטער אָוונט איז געקומען. עס זענען געקומען זיך געזעג־נען מיט מיר, אַ חוץ אַלע, וואָס זענען נאָר געווען מיטגלידער אָדער זייערע פּאַרוואַלטונגען, אויך סענאַטאָר קערנער און אינזשעניער מאַרק ליכטענבוים; אַ דעלעגאַציע פון „התחיה״; אַ דעלעגאַציע פון עלטערן־קאָ־מיטעט פון די תרבות־שולן, ווו איך בין געווען פאָרזיצער.

מען האָט מיר באַערט מיט אַ גאָלדענעם זשעטאָן, שיין געצייכנט, אַ האַמער, צירקל און אַ מגן־דוד, געפלאָכטן מיט דער געהעריקער אויפשריפט און עס האָבן זיך אָנגעהויבן די באַגריסונגען און שבחים.

איך געדענק אַ זיצונג פון נאַציאָנאַל־ראַט, ווען דער פאַרזיצער פון די ציוניסטישע קאָנגרעסן ה׳ לעאָ מאָצקין איז געקומען קיין וואַרשע.

נו, אַז ה׳ מאָצקין איז געקומען האָט גרינבוים געהאַלטן אַ רעדע און אים באַגריסט און געזאָגט די געהעריקע שבחים. אַז גרינבוים האָט געענ־דיקט, האָט מאָצקין געזאָגט: „ביי די דאָזיקע רעדעס בעט איך נאָר גאָט זיי זאָלן זיך וואָס געשווינדער ענדיקן...״ און לויט ווי ער האָט עס געזאָגט, האָב איך געזען, אַז אַזוי האָט ער ווירקלעך געפילט.

איך קען נישט זאָגן, אַז איך בין שוין אויך געווען אויף אַזאַ הויכער מדרגה, איך זאָל טראַכטן ווי מאָצקין האָט געטראַכט. עס זענען געווען אַ סך רירנדיקע רעדעס. באַזונדער פון ה׳ דיאַמענט. דער ה׳ דיאַמענט, אַן אינ־טעליגענטער און געבילדעטער האַנטווערקער, אַ קאָמאַשן־שטעפּער, אַ מאָ־דעליסט, האָט שטענדיק געשטרעבט קיין ארץ־ישראל. ער איז געווען אַ גוטער ציוניסט און האָט נאָר געמיינט, אַז אין ארץ־ישראל דאַרף מען פּראָסטע שיך. און אַז איך בין געקומען אין לאַנד האָט מען געזוכט מאָ־דעליסטן.

דער ה׳ דיאַמענט האָט מיך געקענט און באַגלייט מיין טעטיקייט פון אָנהייב אָן. ער האָט מיך גוט פאַרשטאַנען און ער האָט מיך ריכטיק אָפּגע־שאַצט. אַלע אַנדערע, אָדער זיי האָבן מגזם געווען, אָדער מיר צוגעשריבן זאַכן, וואָס איך האָב זיי נישט געטון, אָדער איך האָב זיי נישט געדענקט.

צומאָרגנס, דאָס איז געווען דעם 1טן טאָג חול־המועד סוכות תשצ״ה, דעם 25/9/34, בין איך אַריינגעשטיגן אין דער באַן מיט מיין פרוי און זון אָפּצופאָרן קיין טריעסט. פאַרשטייט זיך, אַז ביי דער באַן זענען געווען נאָך מער באַגלייטער, ווייל די צייטונגען האָבן באַשריבן דעם „באַנקעט״, וואָס איז איינגעאָרדנט געוואָרן פאַר מיר, און חברים האָבן געברענגט מתנות, ביכער און אַנדערע זאַכן.

דער צוג איז געלאָפן. פאַרטאָג זענען מיר געווען אין ווין, און די טייערע יידישע טעכטער האָבן אונדז אָפּגעוואַרט ביים באַן־הויף און אונדז דערפרישט מיט אַ גלאָז מילך און בולקעלעך.

אין טריעסט זענען מיר אויסגעשטיגן און אַ קליינע טייל פון די באַן־פאָרער זענען אַרויף אויף דער קליינער שיף „קארנארי״, און די איבעריקע רייזנדע אויף דער שיף „איטאַליאַ״. און מיר זענען אַריין אין די וואַסערן, וואָס פירן צו די ברעגעס פון געהאָפטן אַלטניילאַנד — ארץ־ישראל.

דעם גאַנצן וועג אויף דער שיף בין איך געלעגן אין אַ צושטאַנד פון נישט שלאָפן און נישט וואַך זיין. דער ים איז געווען שטורעמדיק און דעם ערשטן עקזאַמען פון אַ ים־רייזנדיקן האָב איך נישט אויסגעהאַלטן. אויפן פינפטן טאָג, אסרו־חג, האָט מען געזאָגט, אַז מען זעט שוין די ברעגעס פון ארץ־ישראל. איך האָב זיך אַרומגעוואַשן, אָנגעטאָן דעם נייעם לייוונטענעם אָנצוג, וואָס איך האָב זיך ספּעציעל געמאַכט פאַר ארץ־ישראל, אָנגעשפּיליעט דעם גאָלדענעם זשעטאָן אויפן לאַץ און בין אַרויס באַגעגענען די פאַרלאָזענע מוטער, וואָס וואַרט אויף אירע קינדער קאַרגע צוויי טויזנט יאָר.

איך בין אַרויף אויפן דעק און עס האָט זיך פאַר מיינע אויגן אַנטפּלעקט דער שיינער כרמל, וואָס שטייט פעסט אויף דער אייביקער ערד פון דעם יידישן לאַנד, פון דער יידישער היים.

פּרעסע-שטימען וועגן דער ביכער-סעריע

דאָס פּוילישע ייִדנטום

★

ק. חרמץ שרייבט וועגן מאַרק טורקאָווס „די לעצטע פון אַ גרויסן דור", אין אַן אַרטיקל א"נ „בלעטער ייִדישע געשיכטע און זייער מוסר השכל", („די אידישע פּרעסע", ריאָ דע זשאַנײַראָ, 14טן אָקטאָבער 1954):

עס איז נאָר וואָס אַרויס פון דרוק דער הונדערטסטער באַנד פון דער ביכער-סעריע „דאָס פּוילישע ייִדנטום", אין אַרגענטינע, געשריבן פון מאַרק טורקאָוו, וועלכער גיט אַ ריי מאָנאָגראַפיעס וועגן באַרימטע ייִד' פאַמיליעס, „דינאַסטיעס" פון פּוילישן ייִדנטום, זייער אויפשטייג, גלגולים און ירידה, אין משך פון די לעצטע הונדערט און פופציק יאָר.

דאָס בוך איז פון היסטאָרישער באַדייטונג, ווייל עס טראָגט אין זיך שפּורן פון אַ געשיכטלעכן גאַנג פון דורות, פון אַ תקופה, וואָס איז געווען אַזוי רייך אין עליות און ירידות; ווייל עס דעקט אָפּ, פון דורותדיקן שימל און שטויב, די אַלע מקורות פון גוטס און שלעכטס; ווייזט אָן אויף די סיבות פון אַלע וואַנדלונגען, דערפירנדיק ביז צום לעצטן סך הכל פון דער תקופה, ברענגענדיק אַלס לעבעדיקע ביישפּילן אייניקע טראַדיציאָנעלע ייִדישע משפּחות פון דעם אַזוי מעכטיקן און קאָלירפולן ייִדישן שבט — דאָס פּוילישע ייִדנטום.

עס איז אויך פון דערציִערישן שטאַנדפּונקט אַ וויכטיק בוך, ווייל עס קומט מיט בולטע פאַקטן, לעבעדיקע ביישפּילן, וועלכע אונדזער

דור קען נאָך קאָנטראָלירן, אָנווייזנדיק אויף פעלערן, אויף שלעכטע איינפלוסן און שעדלעכע פאַקטאָרן, וועלכע דערפירן צו ירידה און דעגענעראַציע.

בכדי זיך צו שאַפן אַ געטרײַ בילד פון אַ תקופה, פון אירע פאָזיטיווע אָדער נעגאַטיווע אייגנשאַפטן, פון אירע דערגרייכונגען און פאַרלוסטן, דאַרף מען זיך אַ ביסל אָפּרוקן אויף אַ געוויסער דיסטאַנץ, מוז מען אַרויס פון דער סביבה און פון אירע איינפלוסן, דאַן קאָן מען אָביעקטיוו, מיט אַ געוויסער היסטאָרישער פּערספּעקטיוו אָפּשאַצן דאָס לעבן אוןווירקן פון דעם דור און לערנען פון דער פאַרגאַנגענהייט וואָס מ׳דאַרף יאָ און וואָס מען דאַרף נישט טון. און דווקא וואָס צו לערנען האָבן מיר פון דעם פוילישן ייִדנטום, פון דעם דינאַמישסטן און שעפערישסטן טייל פון וועלט־ייִדנטום, פון זיינע דערפאָלגן און דורכפאַלן, פון זיינע מעלות און חסרונות. ספּעציעל מיר, אַלס ייִנגער ייִדישער ישוב, וואָס שטעלט ערשט די ערשטע טריט אין דער געשיכטע פון ייִדישע קיבוצים, האָבן זיכער וואָס צו לערנען פון דעם אַלטן, אויסגעפּרוווטן און דורכגעברענטן ישוב, וואָס איז רייך אין דערפאַרונגען און וואָס איז דורכגעגאַנגען פאַרשיידענע נסיונות. נישט נאָר אַלס כּלל דאַרפן מיר שטודירן די געשיכטע פון פוילישן ייִדנטום, נאָר אויך יחידים דאַרפן לערנען פון די דערפאַרונגען פון פוילישע ייִדן; ווען זיי הייבן אָן בויען זייערע פאַמיליעס, ווען עס הייבן זיך אָן פאַרפלעכטן די וואָרצלען פון דעם פאַמיליען־בוים, דאַרף מען שטודירן די געשיכטע פון באַקאַנטע ייִדישע פאַמיליעס אין אַמאָליקן פוילן, בכדי נישט צו מאַכן די זעלבע פעלערן וואָס זיי האָבן אַמאָל געמאַכט, וואָס האָט דערפירט די שפּעטערדיקע דורות צו פולשטענדיקער אַסימילאַציע און שמד.

דאָס איז טאַקע אויסן געווען טורקאָוו, קלייבנדיק די דאָזיקע מאנאגראפיעס, אַז מענטשן זאָלן זיך אַראָפּנעמען אַ מוסר השכל, זיי זאָלן אויסמיידן די שעדלעכע איינפלוסן און נישט דערלאָזן צו דער פאַרקריפּלונג און דעגענעראַציע פון זייער פאַמיליען יחוס. וועגן דעם שרייבט טאַקע דער מחבר אין זיין פאָרוואָרט: „אָבער נישט בלויז דערציילן מעשיות וועגן דעם גורל פון די דאָזיקע משפחות איז דער מחבר אויסן אין דעם דאָזיקן בוך. דער מחבר האַלט, אַז אַ סך פון די לייענער דאַרפן זיך נישט באַנוגענען מיטן בלויזן איבערלייענען דאָס בוך, נאָר וואָלטן געדאַרפט זיך אַ ביסל פאַרטראַכטן סיי וועגן די געשילדערטע געשטאַלטן, סיי וועגן דעם

טראַגישן סוף זייערן, דעם אַנטוויק־לונגס־וועג זייערן, זייער אויפקום אין ייִדישן און אַלגעמיינעם לעבן און — דעם אונטערגאַנג פון זייערע גרויסע פאַרמעגנס".

ווען מיר לייענען די געשיכטע פון די דערמאָנטע פאַמיליעס, וועלכע זענען אַמאָל געווען באַקאַנט און באַרימט אין דעם אַמאָליקן פוילן, אַפילו אויסער די גרענעצן פון דער מדינה, קומען אונדז אויפן געדאַנק אַנדערע פאַמיליעס, פון אונדזער נייעם קאָנטינענט, וועלכע האָבן זיך ליידער, שוין פאַרנומען אויף דעם זעלבן שעדלעכן וועג ווי יענע, וואָס פירט אומפאַרמיידלעך צו אונטערגאַנג און שמד. דער חילוק איז בלויז אין דעם, וואָס ביי יענע האָט עס געמוזט נעמען דורות, ווייל דער אַמביענט, אטמאָספערע און טראַדיציעס האָבן אַ ביסל געשטערט, דאַרף עס דאָ נאָר נעמען אַ קורצע צייט, ווייל סיי די סביבה, סיי דאָס פעלן פון טראַדיציעס העלפן שטאַרק צו אין דעם פּראָצעס פון אונטערטויכונג.

גוט האָט געטון דער מחבר, וואָס ער האָט אויסגעקליבן דווקא באַרימטע ייִדישע פאַמיליעס, וואָס זייערע פאַמיליע־ביימער זענען נאָך געווען פאַרוואָרצלט אין טראַדיציאָנעלער ייִדישקייט, בכדי בולטער צו אילוסטרירן דעם פּראָצעס פון ירידה, אַנצוווייזן אויף די סיבות פון דעם שנעלן באַרג־אַראָפּ.

אין די מיינסטע פאַלן זענען דאָס געווען רייכע ייִדן, וואָס זייער רייכטום און שנעלער מאַטעריעלער אויפשטייג האָט זיי פאַרדרייט די קעפּ. זיי האָט זיך פאַרגלוסט צו זיין אַנדערש ווי דאָס פאָלק, זיך מיט עפּעס אַרויסצוהייבן, אונטערשיידן פון דער מאַסע, האָבן זיי אָנגעהויבן זיך חברן מיט אַ קריסטלעכער געזעלשאַפט, גענומען נאָכטון, נאָכקרומען פרעמדע מנהגים און געוווינהייטן, ביז זיי זענען פאַרשלעפּט געוואָרן אין אַ פרעמדער סביבה, פון וועלכער זיי האָבן זיך מער נישט געקענט אַרויסבאַקומען.

אַ ריי וווּנדערבאַרע טיפּן, שטעלט פאַר אונדז פאָר דער מחבר, פון דער פאַמיליע אייגער. אָנהייבנדיק מיט דעם באַרימטן גאון ר' עקיבא אייגער, דער מחבר פון „דרוש וחידוש", „כללי התלמוד", „חלוקי דרבנן" און אַנדערע וויכטיקע חיבורים, וועלכער האָט שטרענג געפאָדערט, מען זאָל נישט האָבן קיין שום מגע ומשא מיט אַ מענטשן וואָס גאָלט זיך אַ באָרד... ביז צו זיין אור־אייניקל, קאַזימיעזש אייגער, וואָס האָט פאַרקריפּלט דעם נאָמען עקיבא אויף קאַזימיעזש, דער לעצטער פון דעם באַרימטן ייִדישן שטאַם, וועלכער האָט פאַרענדיקט זיין לעבן אין אַ יעזואיטן־קלויסטער

אין באגאטא, קאָלומביע, אַלס אַ
„הייליקער״ פון דער קירכע...

אָט דעם באַרג־אַראָפּ שילדערט
אונדז מאַרק טורקאָוו אין זיין עסיי
וועגן דער באַרימטער פאַמיליע איי־
גער, וועלכע האָט אַמאָל געשפּילט
אַ גרויסע ראָל אין דעם ייִדישן לע־
בן פון אַמאָליקן פּוילן. פון דעם זעל־
בן שטאַם האָבן אַרויסגעשפּראָצט
אַ ריי רבנים און גאונים, ווי ר׳
שלמה, ר׳ לייבעלע, וועלכע האָבן
פאַרנומען די כסאות הרבנות אין
פרידנלאַנד, פּויזן און לובלין; פון
דעם זעלבן בוים האָבן אָבער אויך
אַרויסגעשפּראָצט צווייגן פון גרוי־
סע סוחרים און אינדוסטריאַלן, וועל־
כע האָבן מיט דער צייט אָפּגעדאַרט
און פאַרוועלקט געוואָרן. פאַרוואָס
האָבן די צווייגן אָפּגעדאַרט? וועגן
דעם דערוויסן מיר זיך, ווען מיר
לייענען די געשיכטע פון דער פאַ־
מיליע, ווי עס גיט איבער כראָנאָלאָ־
גיש טורקאָוו אין זיין עסיי: אָנגע־
הויבן האָט עס זיך פון רייכטום און
ווילטאָג, ביי די אור־אייניקלעך פון
ר׳ עקיבא אייגער — יוליוש, בראַ־
ניסלאוו און באָלעסלאַוו, וועלכע זע־
נען שוין געווען רייכע סוחרים, אינ־
דוסטריאַלן, האָבן זיי שוין געהאַט
אַנדערע אַמביציעס ווי לומדות. זיי
זענען געוואָרן די פּיאָנערן פון דער
פּוילישער אַסימילאַציע. נאָכפאָלגנ־
דיק די טראַדיציע פון זייערע על־
טערן, האָבן זיי זיך פאַרנומען מיט
געזעלשאַפטלעכער אויך פילאַנטראָ־
פּישער טעטיקייט, זיי האָבן נאָר צו־
געגעבן אַ קליין „שמיצל״, אַז מען
דאַרף נישט נאָר העלפן ייִדן, נאָר
אויך גויִים, בכדי צו דינען פאַר אַ
ביישפּיל פון ליבעראַליזם און פעל־
קער־פאַרברידערונג... און בכדי מען
זאָל זיי נישט חושד זיין, אַז זיי פאַ־
וואָריזירן בלויז ייִדן, האָבן זיי זיך
באַמיט צו זיין פּויפּסטלעכער ווי דער
פּויפּסט, פאַוואָריזירנדיק דווקא די
נישט־ייִדן און זאָלן די גויִים זען, אַז
זיי האָבן נישט קיין ייִדיש נאָר אַ
מענטשלעך האַרץ, וועלכעס קלאַפּט
און זאָרגט פאַר אַלע גלייך...

די אייגערס, ספּעציעל דער „קאָנ־
סול״ באָלעסלאַוו האָט זיך באַמיט
צו שאַפן אַ קאָנטאַקט מיט די העכ־
סטע מלוכהשע און אַריסטאָקראַטי־
שע קרייזן. עס איז קלאָר, אַז אין
אַזאַ שטוב ווו עס קומען זיך צונויפ־
מען פּוילישע און רוסישע אַדעל־
לייט, שרייבער און קינסטלער, ביז
צו דעם גענעראַל גובערנאַטאָר סקאַ־
לאָן, קען מען נישט געפינען קיין
שום סימנים פון ייִדישקייט, וואָס
קען נאָך אַמאָל קאָמפּראָמיטירן און
אַרויסרופן דעם צאָרן פון אַזעלכע
חשובע געסט... האָט מען די אַלע
זאַכן, וואָס האָבן צו טון מיט ייִדיש־
קייט, געמוזט באַזייטיקן פון די סאַ־

לאָנען. מען פלעגט געבן שטיצע מיט אַ ברייטער האַנט פאַר פוילישע שרייבער און קינסטלער. וואָס דען, פאַר יידישע שרייבער און קינסטלער וועלן אַזעלכע אַריסטאָקראַטן געבן שטיצע? עס וואָלט דאָך געווען פאַר זיי אַ קאָמפּראָמיטאַציע. מאַרק טורקאָוו באַמערקט עס טאַקע, אַז די פוילישע שרייבער און קינסטלער האָבן גערן אויסגענוצט די יידישע פרייגיביקייט, זייענדיק אַפילו אַליין אַנטיסימיטיש געשטימט... ווייל, ווי טורקאָוו באַמערקט ווייטער, „זיי האָבן שטענדיק באַטראַכט, אַז נישט זיי מיינען דאָך די אַנטיסעמיטן, נאָר די פאַנאַטישע יידישע מאַסן“. אין די סאַלאָנען פון די אייגערס האָבן קיין בילדער פון יידישע קינסטלער נית געהאַט קיין פלאַץ. אַפילו שפּעטער, ווען דיאַנאַ אייגער האָט שוין בולט געזען דעם באַנקראָט פון איר מאַנס שיטה, פלעגט זי שוין אַמאָל קויפן בילדער ביי יידישע קינסטלער, אָבער קיינמאָל זיי נישט אויפגעהאַנגען אין די סאַלאָנען, נאָר אין די קעלערס און בוידעמס... דעריבער איז גאַנץ נאַטירלעך, אַז קינדער וואָס ווערן דערצויגן אין אַזאַ הויז און סביבה, שעמען זיך און אַנטלויפן פון יידישקייט, צו וועלכן זיי פילן קיין שום סענטימענט, פאַרקערט — אַן עקל און פאַראַכטונג. האָבן זיך טאַקע אַלע דריי קינדער פון באַלעס־

לאַוו אייגער, די אור־אייניקלעך פון ר׳ עקיבא אייגער, געשמדט. אַפילו דאַן ווען דיאַנאַ אייגער איז שוין געקומען צום שכל, שוין פאַרשטאַנען, אַז זי האָט געבלאָנדזשעט אויף פרעמדע וועגן און גענומען תשובה טון, אָבער אירע קינדער האָט זי מער נישט צוריק־געפונען: זיי זענען אַוועק און זיך נישט מער אומגעקערט, נישט צו איר און נישט צום פאָלק.

די זעלבע טראַגעדיעס איז אויך געשען מיט די פאַמיליעס טעפּליץ, וואַוועלבערג, ברעגמאַן און אַנדערע. אויך די וואַוועלבערגס האָבן זיך געזוכט אויסצופיינען, צו געפינען לייטזעליקייט ביי די פּאָליאַקן און זיך ביטער אַנטוישט. די ביליקע דירות וואָס די וואַוועלבערגס האָבן אויפגעבויט פאַר יידישע און פוילישע אַרבעטער, זוכנדיק אַזוי אַרום צו שאַפן אַ פריינטשאַפט און פאַרברידערונג צווישן די פּאָליאַקן און זייערע יידישע שכנים, האָבן ערשט אַרויסגערופן אַ קאָנפליקט צווישן יידן און פּאָליאַקן. די לעצטע האָבן נישט געוואָלט האָבן יידן פאַר זייערע שכנים...

אויך די טעכנישע היכשולע וואָס די וואַוועלבערגס האָבן אויפגעשטעלט, איז שפּעטער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אַרענע פון אַנטייידישע עקסצעסן. אין דער זעלבער שו־

לע האָט מען שפּעטער געשאַפן געטאָ בענק פאַר ייִדישע סטודענטן און געשפּאָלטן ייִדישע קעפּ... די וואַוועלבערגס האָבן זיך ביטער אַנטוישט אין זייערע ליבעראַלע אידייען און זייערע אַלע פּלענער זענען צוזאַמענגעבראָכן. עס האָט גאָרנישט געהאָלפן זייער ערלעכער ווילן און שטרעבונג פון פּויליש־ייִדישער פאַרברידערונג, ווייל ביי די פּאָליאַקן איז איינגעוואָרצלט אַ פיזיאָלאָגישער האַס צו ייִדן, ווי אַ כראָנישע קרענק, וואָס קיין דאָקטער קאָן ניט אויסהיילן. טורקאָוו שרייבט, אַז „וואַוועלבערג האָט געוויגן און געמאָסטן זיינע באַשטייערונגען און געקוקט אויף זיי ווי אויף פּאָליטישע אַקטן. ער האָט געוואָלט באַלאַנסירן זיין פּוילישקייט און ייִדישקייט. בעת ער האָט געגעבן אַ גרעסערע סומע פאַר ייִדישע גמילות חסדים־קאַסעס, פאַר ייִדישע קאָאָפּעראַטיווע־אינסטיטוציעס, האָט ער תמיד געזען צו געבן אַ פּוילישער אינסטיטוציע אויב נישט מער, איז לכל־הפּחות נישט ווייניקער"...

— וויפל פון זיינע מיליאָנען וועלן בלייבן אויף דער זייט און וויפל וועלן אַריבער אויף יענער זייט?...

פון דעם אַלעם דאַרפן ייִדן היינט לערנען, און בכדי צו לערנען, דאַרפן זיי לייענען און שטודירן די געשיכטע פון עליה און ירידה פון ייִדישע פאַמיליעס אין אַמאָליקן פּוילן. ווייל מיר זענען נאָך אַ ייִנגער ישוב, ווייל די פאַמיליע־שטאַמען האַלטן ערשט אין זיך פאַנאַנדערוואַקסן, דאַרף יעדער לייענען די געשיכטע און ציִען דעם געהעריקן מוסר השכל.

די געשיכטע פון די שערעשאָווסקיס איז אויך זייער אינטערעסאַנט און באַלערנדיק. די פאַמיליע איז געבליבן אין מיטן וועג, נישט געבליבן ביי דעם טראַדיציאָנעלן ייִדישקייט, אָבער אויך נישט דערגאַנגען ביז צו פולשטענדיקער אַסימילאַציע. עס איז אויך כדאַי צו לייענען און שטודירן פאַרוואָס. ליידער דערלויבט אונדז נישט דער פּלאַץ פון אַ צייטונגס־אַרטיקל זיך ברייטער פאַנאַנדערצוּוויקלען מיט די אַלע פּראָבלעמען. מען וואָלט אויך געדאַרפט שענקען אַ ביסל פּלאַץ די פאַמיליעס זיידנבייטל און צייטלין. אָבער, ווי שוין געזאָגט, צוליב מאַנגל אין פּלאַץ מוזן מיר זיך באַגרענעצן. דער לייענער וועט אַליין האָבן אַ געלעגנהייט זיך וועגן דעם צו פאַרטראַכטן און ציִען די געהעריקע מסקנות.

◈

מיט דעם בוך פון מאַרק טורקאָוו ווערט אָפּגעשלאָסן דער ערשטער עטאַפּ פון הונדערט וויכטיקע ווערק, אַרויסגעגעבן דורך דעם פאַרלאַג

„דאָס פוילישע ייִדנטום" אין אַר־גענטינע, אונטער דער רעדאַקציע און טעכנישער לייטונג פון מאַרק טורקאָוו און אַברהם מיטלבערג. פונקט ווי ביי לערנער, מאַכט מען אַ סיום און מען הייבט אָן אַ נייע מסכתא, אַזוי אויך דאָ: איין אַרבעט פאַרענדיקט און מען פאַרמעסט זיך שוין צו אַ נייעם פּלי. דאָס איז אַן אײדעלע אַמביציע, וואָס פאַרדינט זיכער אונדזער אַלעמענס באַוווּנדע־רונג און אַנערקענונג. מיר באַגלייטן די „טשעמפּיאָנען" פון דעם מאָדער־נעם ייִדישן פאַרלאַגס־וועזן מיט די האַרציקסטע ברכות צו זייער נייעם סטאַרט.

מאַרק טורקאָוו און אברהם מיטל־בערג האָבן אויפגעשטעלט ביז איצט הונדערט מצבות איבער די קברים פון פאַרשניטענע ייִדישע לעבנס; פון צעשטערטע ייִדישע קהילות און פאַרפייניקטע ייִדישע עדות, אויפ־שטעלנדיק אַן אייביקן מאָנומענט דעם פוילישן ייִדנטום. דאָס זענען די מצבה־קריצער פון אונדזער דור וועלכע פאַראייביקן די נעמען און מעשים פון יחידים און קהילות; פון שטעט און אינסטיטוציעס לדור דורות.

יעקב באָטאָשאַנסקי שרייבט וועגן אליעזר וויזלס בוך ...„און די וועלט האָט געשוויגן" („די פרעסע", בוענאָס איירעס, דעם 14טן מערץ 1956):

דער 117טער באַנד פון דער סעריע „דאָס פוילישע ייִדנטום", וואָס דער צענטראַל פאַרבאַנד פון די פוילישע ייִדן אין אַרגענטינע גיט אַרויס, הייסט „... און די וועלט האָט געשוויגן" און דער מחבר דערפון איז אליעזר וויזל.

מיר האָבן אין אָט דעם בוך ווי־דער אַ באַשרייבונג וועגן איבערלע־בונגען אין די טויטלאַגערן פון אויש־וויץ, בונאַ, בוכוואַלד, אָבער זי איז דאָך אַנדערש, ווי אַלע אַנדערע באַ־שרייבונגען, וואָס מיר האָבן ביז איצטער געלייענט. ערשט איז זי געשריבן פון אַ מחבר, וואָס שטאַמט פון סיגעט — די וויכטיקסטע שטאָט אין דער מאַרמאַראָש־פּראָווינץ, וואָס האָט ביז סוף ערשטן וועלט־קריג געהערט צו אונגאַרן, דערנאָך איז זי געוואָרן רומעניע און דערנאָך איז זי צוריק געוואָרן אונגאַרן. די ביז איצטיקע באַשרייבונגען זענען גע־ווען וועגן לענדער פון מזרח־איראָ־פּע, אויסער אונגאַרן. און צווייטנס — און דאָס איז דער עיקר — מיר האָבן דאָ די איבערלעבונגען פון אַ ייִנגל אין עלטער צווישן דרייצן און אַריבער פופציק יאָר. ווען מען האָט דעם מחבר אינאיינעם מיט זיין משפחה פאַרמאַכט אין געטאָ, אין

סוף 1942, איז ער קוים געוואָרן בר־מצווה.

כאָטש דאָס בוך „... און די וועלט האָט געשוויגן" דערשיינט ערשט איצטער, ווען דער מחבר איז, לויט חשבון, שוין אַלט אַ יאָר 27, דער־

פילט מען אין דעם די נאַיִוויטעט פון בר־מצווה־בחור און אַז די אי־בערלעבונגען זענען איבערגעגעבן מיט זייער ייִנגלישער אויטענטיש־קייט. שוין דער טיטל פון בוך לאָזט פילן די ייִנגלשע נאַיִוויטעט. דער בר־מצווה־בחור האָט געגלויבט, אַז עס איז פאַראַן אַ וועלט פון יושר און גרויס איז זיין חידוש, וואָס די דאָ־זיקע וועלט האָט געשוויגן.

און דווקא דאָס ייִנגל אליעזר וויזל דערקלערט אונדז אויף דעם פּשוט־סטן און לאָגישסטן אופן ווי אַזוי עס איז געקומען דערצו, וואָס די ייִדן האָבן זיך געלאָזט אַזוי גרינג אָפּ־נאַרן און אַוועקפירן אין די לאַגערן פון טויט. עס האָבן געהערשט, ווי ער דריקט זיך איצטער אויס, אַן אַנטווישטער, „אַ נאַרישע אמונה, אַ פוסטער ביטחון און אַ געפערלעכע אילוזיע". די דאָזיקע, וואָס האָבן גע־וואָלט עפענען די אויגן, האָט מען נישט געוואָלט הערן און מען האָט זיי אַפילו פיינט געהאַט.

אין סוף 1942 האָט מען פאַר־שיקט די דאָזיקע ייִדן, וואָס האָבן נישט געקענט אויפווייזן זייער אונ־גאַרישע בירגערשאַפט. צווישן די פאַרשיקטע איז געווען איינער אַ משהלע דער שמש, וואָס איז פון דער נאַטור געווען אַ פריילעך ייִדל און ער איז צוריקגעקומען פון דער פאַרשיקונג און דערציילט, ווי די געשטאַפּאָ האָט אומגעבראַכט דעם גאַנצן „טראַנספּאָרט" ייִדן און דורך וואָס פאַר עינוים מען האָט דאָס גע־טון. ער האָט געוואָלט, ווי ער האָט דערקלערט דעם ייִנגל, דעם מחבר, וואָרענען אַלע געבליבענע ייִדן, דער־פאַר האָט ער געהאַט כוח זיך צו ראַטעווען, אָבער מען האָט אים ניט געגלויבט און אַפילו נישט געוואָלט הערן... און ער איז סוף כל סוף מיד געוואָרן פון דעם אומצוטרוי און ער איז אַנטשוויגן געוואָרן.

און אָט אַ צווייטער פאַל: ווען די

סיגעטער ייִדן זענען שוין געשיקט געוואָרן קיין אוישוויץ, איז אין דער דריטער נאַכט פון דער נסיעה גע־שען אַ „פּסיכאָ־פּאַטאָלאָגישער אינ־צידענט": איינע אַ פרוי שעכטער איז אַראָפּ פון זינען און גענומען שרייען, אַז זי זעט פייער. עס איז זי־כער אַ פאַל פון העל־זעערישקייט. די דאָזיקע פרוי האָט דערשפּירט דעם קרעמאַטאָריום פון אוישוויץ. האָט מען זי נישט געוואָלט הערן און מען האָט זי עטלעכע מאָל געשלאָגן און געבונדן. מען האָט שוין כמעט אַליין געפילט, אַז מען ווערט גע־פירט אין פייער אַריין, אָבער ווען די אומגליקלעכע פרוי האָט דאָס אויס־געפּויקט, האָט מען דאָס נישט גע־וואָלט הערן און מען האָט געהאַט צו איר טענות למאי זי לאָזט נישט רוען און שלאָפן...

פאַראַן אין אליעזר וויזלס בוך שטעלן, וואָס ס'איז שווער צו באַ־גרייפן ווי אַזוי דער מחבר האָט זיי איבערגעלעבט און איז געבליבן ביים קלאָרן געדאַנק און מיר אַליין שווי־דערן אויף ביים לייענען זיי און דאָך בלייבט אויך אונדזער געדאַנק קלאָר. עס איבערראַשן שוין אינדז נישט די דייטשע גרויזאַמקייטן. אליעזר וויזל דערציילט, אַז ווען ער איז אָנ־געקומען קיין אוישוויץ, האָט ער דערזען אויף אַ מרחק פון זעכציק מעטער אַ גרוב אין פלאַמען, וווהין מען האָט געוואָרפן עופהלעך און ער באַמערקט אין אַ מאמר המוסגר: „צי איז דאָס אַ וווּנדער, טייערער לייע־נער, וואָס שלאָף קומט מער נישט צו מיינע אויגן זינט דעמאָלט? צי איז עס אַ וווּנדער, וואָס איך האָב אויפ־געהערט גלייבן אין דער קדושה פון פייער? אין דער שכינה, וואָס דאַרף רוען אויף עוללות ויונקים?

די צענטראַלע איבערלעבונג איז דאָס פאַרלירן דעם גלויבן. אַ פרום ייִדיש ייִנגל איז דער מחבר געווען און ער האָט פאַרלוירן זיין ריינעם גלויבן און ער איז געוואָרן אַן אפּי־קורס. עלטערע און מער באַפעסטיק־טע אין זייער פרומען גלויבן, זענען דאָס געוואָרן. אייגנטלעך קען מען אַפילו נישט זאָגן, אַז אליעזר וויזל איז געוואָרן אַ פריידענקער. ער איז באמת בלויז געוואָרן ברוגז אויף גאָט. ער רעדט אַזויפיל וועגן אים ביי יעדער געלעגנהייט, אַז כאָטש ער זאָגט, אַז ער גלייבט נישט אים, גלייבט ער פאַקטיש יאָ און ער האָט טענות צו אים, ביי דער סאַמע שוועל פון באַפרייאונג, ווען דער מחבר האָט שוין געהאַט פאַרלוירן זיין מאַ־מע, שוועסטער און טאַטן, האָט ער געזאָגט:

„אוי, גאָט, ווי איז דיר, ווי איז דעם מענטשן, ווי נישטיק און קליינ־לעך דאַרפסטו זיין, אויב דער בן אָדם איז לויט דיין בילד באַשאַפן!

גאָט... איך האָב אויפגעהערט צו גלויבן אין זיין עקזיסטענץ, אָבער צוזאַמען מיט דעם האָב איך ווייטער געגלויבט אין זיין שלעכטקייט״.

ער האָט געפרעגט ביי גאָט למאי ער באַווייזט זיין כוח בלויז דורך אַכזריות.

צו די דראַמאַטישסטע שטעלן אין בוך געהער די באַציִונג פון די זין צו די עלטערן. די זין זענען געווען שטאַרקער, ווי די טאַטעס און ביי־געלעגנהייטן האָט זיי דער אינסטינקט געפירט צו זעלבסט־פאַרטיידיקונג דורך פאַרלייקענונג פון די טאַטעס. דער מחבר שוינט זיך אַליין אויך נישט און ער דערציילט, ווי ער האָט עטלעכע מאָל געהאַט פאַרגעסן אין זיין פאָטער, וואָס איז געוואָרן אַלץ שוואַכער און שוואַכער, ביז ער איז אינגאַנצן אויסגעגאַנגען. פאַראַן אַ מאָמענט, וואָס איז געשילדערט מיט אַזאַ נאַטירלעכע פשטות, אַז דו מוזט אין אים גלייבן, כאָטש דו ווילסט נישט. עס קומט צו אַ געשלעג צווישן אַ טאַטן און אַ זון איבער אַ שטיקל ברויט. ביים אָנהייב ווייסן אפשר ביידע נישט מיט וועמען יעדער שלאָגט זיך. דער שוואַכער טאַטע פאַלט טויט און דער זון כאַפּט זיך צום שטיקל ברויט און דער עולם וואַרפט זיך צו אים און מאַכט אים אויך אַ סוף...

מען לייענט אליעזר וויזלס בוך און עס ווילט זיך נישט גלויבן, אַז עס איז טאַקע אַזוי געווען און מען פילט, אַז דער מחבר האָט נישט אויפגעדעקט דעם גאַנצן אמת. ער האָט איין טפח אויפגעדעקט און צוויי פאַרדעקט. ער האָט נישט געהאַט קיין האַרץ אַלץ צו דערציילן און ער האָט יִנגליש זיך געשעמט פאַר דעם, וואָס ער האָט דערציילט... די יִנגלישקייט פילט זיך אויך אין סוף פון ווערק, וואָס איך ברענג דאָ מלה במלה:

„האָב איך געטראַכט: כדאי אַרויסצוגעבן אין פאָרעם פון אַ בוך די נאָטיצן, וואָס איך האָב זיך פאַרנאָטירט אין בוכנוואַלד.

„איך בין נישט אַזויפיל נאַיִוו כדי צו גלויבן, אַז דאָס דאָזיקע בוך וועט ענדערן דעם לויף פון דער געשיכטע און וועט אויפטרייסלען דאָס געוויסן פון דער מענטשהייט.

„אַ בוך האָט מער נישט דעם כוח היינט צו טאָג, וואָס עס האָט געהאַט אַמאָל.

„די, וועלכע האָבן געשוויגן נעכטן, וועלן שווייגן אויך מאָרגן.

„פרעג איך זיך אָפטמאָל איצט, צען יאָר נאָך בוכנוואַלד:

„צי איז כדאי געווען צו צעברעכן דעם שפיגל? (ער דערציילט, אַז קוקנדיק אויף זיך באַלד נאָך דער באַפרייאונג, האָט ער זיך דערזען נאָך דעם טויט און ער האָט אויפגע־

הויבן אַ געביילטע פויסט און צעבראָכן דעם שפיגל — י. ב.) צי איז כדאַי געווען?".

אָט ווי ער אַליין זאָגט, אַז ער איז נישט אַזוי נאַיִוו צו גלייבן, אַז דאָס, וואָס ער דערציילט, וועט ענדערן דעם לויף פון דער געשיכטע, פילט מען, אַז ער האָט אין דעם אַ שטיקל ספק. און באמת וואָלט אַזאַ בוך געדאַרפט מאַכן אַ רעש... און אויב עס וועט נישט מאַכן, איז עס אַן איבעריקער באַווייז, אַז עס איז אינגאַנצן קיין וועלט נישט פאַראַן און די אמונה איז טאַקע נאַריש און דער ביטחון איז טאַקע פוסט און די אילוזיע איז טאַקע געפערלעך...

גריגאָרי אַראָנסאָן שרייבט וועגן ב. שעפנערס „נאָוואָליפּיע 7", („די צוקונפט", ניו־יאָרק, נאָוועמבער 1956):

אין די ערשטע ווערטער פון דעם שעפנערס מעמואַרן־בוך, פאַרזיכערט ער אונדז, אַז „שרייבן דערינערונגען איז נישט מיין „אַמביציע". דאָך איז דאָס בוך אַ שיינער, וויכטיקער און אינטערעסאַנטער ביישטראָג צו אונדזער זכרונות־ליטעראַטור.

אין שעפנערס טאַלאַנט, אין זיינע מעלות ווי אַן עסייאיסט שפיגלט זיך אָפּ זיין באַהאַלטענע נייגונג צו בעלעטריסטיק. זיין בוך איז פול מיט מייסטערישע פּאָרטרעטן, שיינע בילדער און סצענעס. זיי זענען אָפט דראַמאַטיש און רירנדיק, ליריש און לעבן־שטייגעריש. דאָס אַלץ פאַרוואַנדלט זיינע אינטערעסאַנטע צייטונג־פעליעטאָנען אין קונסט. ביים לייענען לאָזן זיי איבער דעם זעלבן ביי־טעם ווי אַ שיינע דערציילונג אָדער ליד. מען האַלט שעפנערן פאַר אַ הומאָריסט, אַ סאַטיריקער. ער פאַרמאָגט טאַקע אַ שאַרף אויג פאַר סיטואַציעס, וואָס רופן אַרויס אַ

לייכטן שמייכל ביים לייענער. ווען מען קוקט זיך צו נענטער צו שעפנערס שרייבן, דערפילט מען אין אים אַ שטילע, פּאָעטישע נשמה,

וואָס איז דורכגעדרונגען מיט גלויבן, מיט פריינטלעכער איבערגעגעבנקייט צו מענטשן. מען דערפילט זיין ענטוזיאַזם, און אַפילו זיין סענטימענט. ווי אַ צייטונג־מענטש, קען ער, צומאָל, זיין בייסיק. אָבער ניט אין דעם שפיגלט זיך אָפּ שעפנערס אמתע נאַטור, זיין זשאַנער און זיין סטיל.

שעפנערס קראַפט ליגט אין שילדערן מענטשן און סצענעס מיט אַ געפיל — טיף און האַרציק. ווי אַ מוסטער קען אונדז דינען אַ פּאָרטרעט פון איינעם פון זיינע מיטרעדאַקטאָרן אין דער וואַרשעווער „פאָלקס־צייטונג“ (אין ערשטן טייל פון בוך „נאָוואָליפּיע 7“, ז׳ 45);

„ביים שרייבן דעם לייט־אַרטיקל פלעגט כמורנער זיך שאָקלען און אונטערברומען אַ ניגון, וואָס האָט מיך ווי אַוועקגעפירט אין ליידיקן בית־המדרש שפעט ביינאַכט, ווו צווישן די שאָטנס האָט אַרומגעבלאָנקעט דאָס פאַרבענקטע קול פון איינזאַמען מתמיד. כמורנער פלעגט זיין אַזוי פאַרטיפט אין אַריינברומען דעם ניגון אין זיין לייט־אַרטיקל, אַז ער האָט אינגאַנצן נישט באַמערקט ווי איך בין אַריין אין צימער. דעמאָלט פלעג איך זיך שטיל אַוועקזעצן אויף מיין פּלאַץ און נעמען מיטברומען מיט כמורנערן זיין ניגון. דאָס האָט געקענט אַמאָל געדויערן היפשע מינוטן, ביז עס האָט זיך פּלוצלינג האַסטיק געעפנט די טיר און עס האָט זיך דערהערט דאָס געשריי פון סעקרעטאַר פון רעדאַקציע: — ווי זיי האָבן זיך עס צעזונגען די בית־המדרשניקעס!...“

שעפנערס בוך באַשטייט פון דריי טיילן. אין ערשטן טייל שילדערט ער די רעדאַקציע פון דער וואַרשעווער בונדישער „פאָלקס־צייטונג“. ער שילדערט נישט איר געשיכטע אָדער איר קאַמף, נאָר די אַטמאָספער, וואָס האָט געהערשט אין דער צייטונג און די מענטשן, וואָס האָבן זי געשאַפן. איך האָב שוין באַמערקט: די גאַלעריע פּאָרטרעטן, וואָס קומען אַרויס פון אונטער שעפנערס פעדער, זענען מייסטערהאַפטע. די קאָלירפולע, אייגנאַרטיקע, אָדער דראַמאַטישע פיגורן, ווי נח, קאָסאָווסקי, מיכאַלעוויטש, ערליך, אַלטער, כמורנער, וויקטאָר שולמאַן, א״אַ, זיי שטייען אויף פאַר אונדז, נישט ווי „פירער“ פון „בונד“, אויסגעהאַקטע פון שטיין און מאַרמאָר — נאָר ווי מענטשן.

אַכטונג, פריינטלעכקייט, אָפט אַ געפיל פון ליבע — דאָס כאַראַקטעריזירט שעפנערס צוגאַנג צו די שאַפער פון דער בונדישער צייטונג. דאָס פילט זיך אויך אין דעם צווייטן טייל בוך, אין די פּאָרטרעטן פון די יידישע שרייבער, דיכטער און

קולטור־טוער: יאושזאָן, ש. מענדעל־סאָן, דער טונקעלער, ז. סעגאַלאָ־וויטש, איציק מאַנגער, צביון, י. ל. פּרץ און זיינע שאַפונגס־מאָטיוון ווידמעט שעפּנער אַ באַזונדערן, אַ גרעסערן אַרטיקל. אין דער דער־מאָנטער צווייטער אָפּטיילונג זעען מיר אַ צווייטן שעפּנער. מיר האָבן אויבן גערעדט וועגן שעפּנערן דעם עסייאיסט, פּעליעטאָניסט. אָבער דאָ אַנטפּלעקט זיך שעפּנער ווי אַ ליי־טעראַטור־קריטיקער.

איך נעם אויף זיך נישט די ריי־זיקע צו זאָגן מבינות וועגן דעם, ווי ווייט אָריגינעל שעפּנער איז אין זיינע ליטעראַטור - קריטישע אָפּשאַצונגען.

אָבער ס׳איז קלאָר — זיין בוך זכרו־נות געווינט פון זיי נישט ווייניקער, ווי פון די סצענעס און בילדער, וואָס זענען אָנגעזאַמלט אין דער דריטער אָפּטיילונג פון רעצענזירטן בוך. איך וועל נישט אַריינגיין אין תוך פון די דאָזיקע עפּיזאָדן. אין גרעס־טן טייל זענען זיי שילדערונגען פון אונדזער שרעקלעכן, נישט־פאַרגע־סענעם עבר. זיי געהערן צו די ריינ־דיקסטע קאַפּיטלען פון אונדזער „חורבן־ליטעראַטור״.

איין זאַך איז קלאָר אין זיינע עסייען, אין דער קריטיק און אין די עפּיזאָדן־שילדערונגען — דאָס איז שעפּנערס קינסטלערישקייט.

**
*

וועגן אַלע ענינים וואָס האָבן אַ שייכות צום פאַרלאַג „דאָס פּוילישע יידנטום״, זיך ווענדן:

UNION ISRAELITA POLACA

Pueyrredón 667 — Buenos Aires (Argentina)

דאָס פּוילישע ייִדנטום

ביכער־סעריע פון דעם צענטראַל־פאַרבאַנד פון פּוילישע ייִדן
אין אַרגענטינע

רעדאַקטאָר: מאַרק טורקאָוו

פאַרלאַג־לייטער: אברהם מיטלבערג

ביז איצט דערשינען:

1) מאַרק טורקאָוו — מלכה אָוושיאַני דערציילט... (אויספאַרקויפט)
2) ה. ד. נאָמבערג — י. ל. פּרץ (אויספאַרקויפט)
3) וו. גראָסמאַן־וויערניק — טרעבלינקע (אויספאַרקויפט)
4) פּרץ גראַנאַטשטיין — מיין חרוב שטעטל סאָקאָלאָוו (אויספאַרקויפט)
5) ישראל טאַבאַקסבלאַט — חורבן לאָדזש (אויספאַרקויפט)
6) זרובבל — באַרג חורבן (אויספאַרקויפט)
7) אלחנן צייטלין — אין אַ ליטעראַרישער שטוב (אויספאַרקויפט)
8) ד״ר ח. שאָשקעס — פּוילן — 1946 (אויספאַרקויפט)
9) ז. סעגאַלאָוויטש — טלאָמאַצקע 13 (אויספאַרקויפט)
10) מ. נודעלמאַן — געלעכטער דורך טרערן (אויספאַרקויפט)
11) ד״ר מאיר באַלאַבאַן — די ייִדן־שטאָט לובלין (אויספאַרקויפט)
12) ישראל אפרת — היימלאָזע ייִדן (אויספאַרקויפט)
13) ד״ר יעקב שאַצקי — אין שאָטן פון עבר (אויספאַרקויפט)
14) דוד פלינקער — אַ הויז אויף גזשיבאָוו (אויספאַרקויפט)
15) ד״ר הלל זיידמאַן — טאָגבוך פון וואַרשעווער געטאָ (אויספאַרקויפט)
16) זאַמלונג פון דאָקומענטן — קינדער־מאַרטיראָלאָגיע (אויספאַרקויפט)
17) חיים גראַדע — פּליטים (אויספאַרקויפט)
18) ש. קאַטשערגינסקי — פּאַרטיזאַנער גייען!... (אויספאַרקויפט)
19) פרידע זרובבל — נע ונד (אויספאַרקויפט)
20) מרדכי שטריגלער — מאַיִדאַנעק
21) יעקב לעשצינסקי — אויפן ראַנד פון אָפּגרונט (אויספאַרקויפט)
22) ז. סעגאַלאָוויטש — געברענטע טריט (אויספאַרקויפט)
23) אברהם טייטלבוים — וואַרשעווער הייף
24) טאַניאַ פוקס — אַ וואַנדערונג איבער אָקופּירטע געביטן
25) ש. ל. שניידערמאַן — צווישן שרעק און האָפענונג (אויספאַרקויפט)
26) לעאָ פינקלשטיין — מגילת פּוילן (אויספאַרקויפט)
27) יאָנאַס טורקאָוו — אַזוי איז עס געווען... (חורבן וואַרשע)
28) ש. איזבאַן — „אומלעגאַלע״ ייִדן שפּאַלטן ימען
29) יעקב פּאַט — הענעך
30) ד״ר י. קערמיש — דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ

31) שמחה פּאָליאַקיעוויטש — אַ טאָג אין טרעבלינקע
32) מרדכי שטריגלער — אין די פאַבריקן פון טויט
33) אברהם נחתומי — אין שאָטן פון דורות
34) יחיאל לערער — מיין היים (אויספאַרקויפט)
35) יוסף וואָלף — לייענענדיק פּרצן...
36) צפּורה קאַצענעלסאָן־נאַכומאָוו — יצחק קאַצענעלסאָן!
37) י. הירשהויט — פינצטערע נעכט אין פּאַוויאַק
38) נחום סאָקאָלאָוו — פּערזענלעכקייטן
39) רחל קאָרן — היים און היימלאָזיקייט (לידער)
40) א. אלמי — מאָמענטן פון אַ לעבן
41) מנשה אונגער — פּשיסכע און קאָצק (אויספאַרקויפט)
42) מ. בורשטין — איבער די חורבות פון פּלוינע
43) מ. קיפּניס — הונדערט פאָלקס־לידער (אויספאַרקויפט)
44) ז. זעגאַלאָוויטש — מיינע זיבן יאָר אין תל־אביב (אויספאַרקויפט)
45) ד״ר ה. שאָשקעס — אַ וועלט וואָס איז פאַרביי... (אויספאַרקויפט)
46) שלמה וואַגאַ — חורבן טשענסטאָכאָוו
47) אברהם זאַק — יאָרן אין וואַנדער (לידער)
48־49) ש. איזבאַן — פאַמיליע קאַרפּ (אויספאַרקויפט)
(פרעמירט דורכן צבי־קעסעל־ליטעראַטור־פאָנד, מעקסיקע 1950)

50) ד״ר א. מוקדוני — מיינע באַגעגענישן (זכרונות)
51) ר. שושנה־קאַהאַן — אין פייער און פלאַמען (אויספאַרקויפט)
52) י. י. טרונק — די יידישע פּראָזע אין פּוילן
53) יאָנאַס טורקאָוו — אין קאַמף פאַרן לעבן (אויספאַרקויפט)
54) יצחק פּערלאָוו — די מענטשן פון „עקזאָדוס 1947״ (ראָמאַן)
55) פּנחס ביזבערג — שבת־יום־טובדיקע יידן
56־57־58) שלום אַש — פּעטערבורג — וואַרשע — מאָסקווע
59) ד״ר פיליפּ פרידמאַן — אָשוויענטשים
60) ב. ראָזען — טלאָמאַצקע 13
61־62) דוד פלינקער — אין שטורעם (ראָמאַן)
63) יאַנוש קאָרטשאַק — משהלעך, יאָסעלעך, ישראליקלעך
64־65) מרדכי שטריגלער — „ווערק צע״
(פרעמירט דורכן האָפּער־לייב ליטעראַטור־פאָנד ביים
יידישן קולטור־קאָנגרעס, בוענאָס־איירעס, 1951)

66) חיים גראַדע — שיין פון פאַרלאָשענע שטערן
67) רבקה קוויאַטקאָווסקאַ — פון לאַגער אין לאַגער
68) יואל מאַסטבוים — מיינע שטורמישע יאָר (זכרונות)
69) אליהו טראָצקי — גלות דייטשלאַנד
70) ד״ר י. שאַצקי — קולטור־געשיכטע פון דער השכלה (אויספאַרקויפט)
71) נחמן מייזיל — געווען אַמאָל אַ לעבן... (אויספאַרקויפט)
72) י. י. טרונק — סימכע פּלאָכטע פון נאַרקאָווע (אויספאַרקויפט)
(פרעמירט דורכן צבי־קעסעל־פאָנד, מעקסיקע, 1951)

73) **יהודה עלבערג** — אונטער קופּערנע הימלען (**אויספאַרקויפט**)
(פּרעמירט דורכן ליטעראַטור־פאָנד אין סאַן־פּאַולאָ, בראַזיל, 1951)

74) **ד״ר א. מוקדוני** — אויסלאַנד

75) **זיגמונט טורקאָוו** — פראַגמענטן פון מיין לעבן

76) **יהושע פּערלע** — ייִדן פון אַ גאַנץ יאָר
(פּרעמירט מיט דער פּרץ־פּרעמיע פון ייִדישן פּען־קלוב אין פּוילן
און ליטעראַטור־פּרעמיע פון „בונד" אין פּוילן, וואַרשע, 1937

77) **יעקב לעשצינסקי** — ערב חורבן

78) **דניאל טשאַרני** — ווילנע

79) **ז. סעגאַלאָוויטש** — דער לעצטער לאָדזשער ראָמאַן

80) **יזכור־בוך** — בעלכאַטאָוו (**אויספאַרקויפט**)

81) **מ. י. שעליובסקי** — אויף אַ פולער וואָך

82—83) **יצחק פּערלאָוו** — דער צוריקגעקומענער (**ראָמאַן**)

84) **יוסף אָקרוטני** — דאָס בוך פון די עלנטע

85—86) **מרדכי שטריגלער** — גורלות

87) **ד״ר יוסף טענענבוים** — גאַליציע — מיין אַלטע היים

88) **זלמן שזר** — שטערן פאַרטאָג (**זכרונות**)

89) **משה דוד גיסער** — דאָס געזאַנג פון אַ לעבן (**אויספאַרקויפט**)

90) **ז. י. אנכי** — ר׳ אבא און אַנדערע כתבים

91—92) **עמנואל רינגעלבלום** — קאַפּיטלען געשיכטע

93) **שמעון האָראָנטשיק** — אין גערויש פון מאַשינען (**ראָמאַן**)

94) **גרשם באַדער** — מיינע זכרונות (**קראָקע**)

95—96) **יאָנאַס טורקאָוו** — פאַרלאָשענע שטערן (**זכרונות**)
(פּרעמירט דורכן צבי קעסעל ליטעראַטור־פאָנד, מעקסיקע 1954).

97—98) **אַלטער קאַציזנע** — שטאַרקע און שוואַכע (**ראָמאַן**)

99) **פועה ראַקאָווסקי** — זכרונות פון אַ ייִדישער רעוואָלוציאָנערין

100) **מאַרק טורקאָוו** — די לעצטע פון אַ גרויסן דור

101) **י. הירשהויט** — ייִדישע נאַפט־מאַגנאַטן
(פּרעמירט דורכן מרדכי־סטאָליאַר־ליטעראַטור־פאָנד, ביי „די אידישע
צייטונג", בוענאָס־איירעס, 1955).

102) **משה זאַנשיין** — ייִדיש וואַרשע

103) **פּ. מינץ** (**אַלעקסאַנדער**) — די געשיכטע פון אַ פאַלשער אילוזיע

104) **י. י. טרונק** — די וועלט איז פול מיט נסים (**ראָמאַן**)

105־106־107) **מיכאל באָרוויטש** — אַרישע פּאַפּירן

108—109) **מרדכי שטריגלער** — געאַרעמט מיטן ווינט (**ראָמאַן**)

110—111) **ד״ר א. מוקדוני** — וואַרשע און לאָדזש
(פּרעמירט דורכן האָפּער־לייב ליטעראַטור־פאָנד ביים ייִדישן קולטור־
קאָנגרעס, ניו־יאָרק, 1956).

112) **ברוך האַגער** — מלכות חסידות
(פּרעמירט דורכן מרדכי־סטאָליאַר־ליטעראַטור־פאָנד, ביי „די אידישע
צייטונג", בוענאָס־איירעס, 1956).

113) **ב. שעפנער** — נאָוואָליפּיע 7 (**זכרונות**)

114) **פנחס שטיינוואַקס** — ייִדן צום געדענקען
115) **ק. צעטניק** — דאָס הויז פון ליאַלקעס
116) **מאַקס ווײַנרײַך** — פון ביידע זייטן פלויט
117) **אליעזר וויזל** — און די וועלט האָט געשוויגן
118) ש. בערלינסקי — ירושה
(פרעמירט דורכן יידישן קולטור־קאָנגרעס, ניו־יאָרק, 1957)
119) **ד״ר יוסף טענענבוים** — צווישן מלחמה און שלום
120) **יוסף אָקרוטני** — סוף קאַפּיטל
121) זיגמונט טורקאָוו — טעאַטער־זכרונות פון אַ שטורמישער צייט
122) בער י. ראָזען — פּאָרטרעטן
123) אברהם טענענבוים־ארזי — לאָדזש און אירע ייִדן
124—125) משה קאַגאַנאָוויטש — די מלחמה פון ייִדישע פּאַרטיזאַנער אין מזרח־אייראָפּע
126—127) **אברהם זאַק** — קנעכט זענען מיר געווען
(פּרעמירט דורך דער באָריס סוראַוויטש־פּרעמיע, ניו־יאָרק, 1957)
128) **יעקב גלאַטשטיין** — ווען יאָש איז געפאָרן
129—130) דוד פלינקער — נייע צייטן (ראָמאַן)
(פּרעמירט דורך דער מרדכי סטאָליאַר־פּרעמיע, בוענאָס־איירעס, 1958)
131) משה יודל שעליובסקי — אין דער וועלט אַריין
(פּרעמירט דורך דער האָפּער־לייב־פּרעמיע, ניו־יאָרק, 1958)
132) **ד״ר יצחק שוואַרצבאַרט** — צווישן ביידע וועלט־מלחמות
133) **לעאָן לענעמאַן** — דער חשבון בלייבט אָפן
134) שלמה פראַנק — טאָג־בוך פון לאָדזשער געטאָ
135) מ. באַקאַלטשוק — זכרונות פון אַ ייִדישן פּאַרטיזאַן
136) **פנחס וועלנער** — אין יענע טעג
137) אלימלך ראַק — זכרונות פון אַ ייִדישן האַנטווערקער־טוער

עס דרוקט זיך און דערשיינט בקרוב:

הירש אַבראַמאָוויטש — פאַרשווּנדענע געשטאַלטן
ב. שמן — דאָס געזאַנג פון חסידות
ב. טערקעל — זכרונות פון דער מלחמה־צייט

עס גרייט זיך צום דרוק

יאָנאַס טורקאָוו — נאָך דער באַפרייאונג
י. ל. וואַלמאַן — פּוילישע ייִדן (ראָמאַן)
דוד דאַווידאָוויטש — קונסט־געשיכטע פון שולן אין פּוילן
שלמה ברײַנסקי — זשעליכאָווער מענטשן

COLECCION
"EL JUDAISMO POLACO"
DIRECTOR:
MARC TURKOW
DIRECCION ADMINISTRATIVA:
ABRAHAM MITELBERG
Volumen 137

IMPRESO EN LA ARGENTINA — PRINTED IN ARGENTINA

Copyright by:
ELIMELECH RAK (Israel)

The publication of this volume was made possible by a grant from the Cultural Fund of the Conference on Jewis Material claims against Germany.

ESTE LIBRO SE TERMINO DE IMPRIMIR EL DIA 1º DE SEPTIEMBRE DE 1958 EN LOS TALLERES GRAFICOS "ZLOTOPIORO HNOS.", CALLE SAN LUIS Nº 3149, BUENOS AIRES, REPUBLICA ARGENTINA

ELIMELECH RAK

MEMORIAS DE UN ARTESANO JUDIO

★

Editado por la
UNION CENTRAL ISRAELITA POLACA EN LA ARGENTINA
Buenos Aires. 1958